STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04480

SHPIGLEN

Mordehaj Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטיינבערג

שפּיגלען

עסייען

ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

MORDEHAJ STEINBERG

SHPIGLEN

MIRRORS

Essays

מרדכי שטיינבערג

אספקלריות

מסות

Printed in Israel 1984

נדפס בישראל 1984

כל הזכויות שמורות למחבר

דפוס „אורלי", תל־אביב

הייליקונג

אין יאָר 1942, ערב ראש־השנה, האָבן די נאַציס דערמאָרדעט און פאַרשיט אין אַ מאַסן־קבר צוויי טויזנט יידן, מענער, פרויען און קינדער פון פוילישן וואָלינער שטעטל ברעסטעטשקע, צווישן זיי מיין גאָטזעליקן זיידן מלך און מיין גאָטזעליקער מאַמען חנה (טונע) אין איר סאַמע בליענדיקן עלטער.

דעם לעצטן גרוס, בעת איר אַוועקגיין אין דער אייביקייט, האָט מיר מיין מאַמע איבערגעשיקט ערב ראש־השנה 1942 אויפן וויטן אוראַל אין אַ חלום אין וועלכן איר מילד און איידל געזיכט האָט אויסגעדרוקט זאָרג פאַרן גורל פון איר בן־יחיד.

אַן עד ראיה האָט מיר דערציילט אַז נאָך אַ סך טעג נאָכן נאַצישן שווידערלעכן פאַרברעכן, האָט די ערד אויפן מאַסן־קבר געציטערט.

זיי אַלע איז געהייליקט מיין בוך.

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל
אליעזר פינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
קרן תרבות, חיפה
צנורות המזרח התיכון בע"מ

די שליחות פון קונסט

מאָטאָ:

„אויב עס וועט כאָטש אויף אַ רגע אַנטשוויגן ווערן די ליטעראַטור — וועט עס זיין גלייכוואָגיק צום טויט פון פאָלק"

סאַלטיקאָוו־שטשעדרין,
1889—1826.

די דאָזיקע באַרימטע ווערטער פון רוסישן סאַטיריקער, געזאָגטע מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק — האָבן ביז היינט צו טאָג זייער טיפע באַדייטונג נישט פאַרלוירן. מיר לעבן, וואָס אַן אמת אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען, די טעכנישע דערגרייכונגען האָבן געשאַפן גאַנץ נייע מיטלען מיט וועלכע די אַזוי' גערופענע קולטור־אינסטאַנצן באַדינען דאָס פאָלק. דער מאָדערנער קלאַנג־פילם, ראַדיאָ און טעלעוויזיע באַזיצן זייער פיל קלאַנג, פאַרב און ליכט עפעקטן כדי צו באַווירקן דעם צושויער, אַבסאָרבירנדיק דערביי ניט נאָר זיין אויער און אויג נייערט זיין גאַנץ וועזן. די ליטעראַרישע קונסט האָט אַזוי אַרום, באַקומען אין דער מאָדערנער טעכנישער פאַרפולקאָמענהייט אַ געוואַלדיקן קאָנקורענט, וועלכער, באַזיצנדיק קאָלאָסאַלע פינאַנציעלע מיטלען, שאַפט אַלע ווײַלע נייע סאָרטן פאַרוויילונג כדי אַרויסצושלאָגן דאָס בוך פון די הענט אַפילו פון אַלטע טראַדיציאָנעלע לייענער. אָבער אין דער גרויסער וועלט מערקט זיך שוין לעצטנס אַ געוויסער איבערברוך אין דער איבערגעטריבענער איבערזעטיקונג פון דער טראַנזיסטאָר־טעלעוויזיע ערע. סוף כל סוף איז דאָך דער דורשט נאָך וויסן, דער הונגער נאָך עכטער גייסטיקער שפּייז, טיף פאַרוואָרצלט אין דער

מענטשלעכער פסיכיק און דאָס אויספולן דעם חלל מיט פסעוודאָ־קולטור איז נאָר אַ פראַגע פון אַ פאַרבייגייענדיקן טונקעלן פלעק איבערן ליכטיקן געמיט פון דער מענטשהייט. אין דער וועלטלע־כער ווי אין דער ישראל פּרעסע הערט מען לעצטנס מיינונגען פון קולטור־טוער און שרייבער וועגן די אויפגאַבן פון דער קונסט בכלל ווי פון דער ליטעראַרישער בפרט. קען זיין אַז עס האָט אַ שייכות מיט די טרויעריקע פאַקטן אינעם פאָטערלאַנד פון פושקינען ווי דאָס פרייע שרייבערישע געוויסן ווערט באַצאָלט מיט לאַגער און מעגלעך אויך דערפאַר וואָס דאָס פאָטערלאַנד פון גרויסן מיצקעוויטש פאַרבאָט די ווערק פונעם מייסטער וואָס האָט געדינט פאַר אַ מוסטער פון שעפערישן פאַטריאָטיזם און פרייען געדאַנק. דאָס פּראָבלעם איז אַלזאָ ניט ניי אָבער עס וועט דאָך אינטע־רעסאַנט זיין זיך אָפּצושטעלן דערויף כדי איבערצובייטן אַ מיינונג און אָפּפרישן דעם געדאַנק.

די פראַגן קענען ווערן, לויט מיר, געשטעלט אויף פאָלגנ־דיקן אופן:

א) צי איז די קונסט אַ בלויז פאַרווײלונגס־מיטל אָדער איז זי באַרופן צו דינען דעם מענטשן אין זיין גאַנג צו פאַרפולקאָ־מונג?

ב) די קונסט אַלס געזעלשאַפטלעך־דערציערישער פאַקטאָר.

ג) די קונסט אַלס זעלבסטשטענדיקער פאַקטאָר מיט אייגענע אַטריבוטן, געזעצן און נאָרמעס.

ד) פרייהייט — דער הויפּט־באַדינג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט.

כדי כאָטש אַביסל זיך פונאַנדערקלייבן אין דאָזיקן אינטערע־סאַנטן פּראָבלעם מוז מען קירצלעך באַשמועסן דעם מהות פון קונסט בכלל. לויט דער קלאַסישער דעפיניציע פון פילאָזאָף אַריס־טאָטעלעס ווערט מיטן כוח פון דער קונסט געבוירן אַ זאַך וועמענס באַגריף ליגט אין דער נשמה. די ענציקלאָפּעדישע אויסטייטשונג פונעם באַגריף טיילט איין די קונסט אין זיבן צווייגן: שיינע ליטע־

ראַטור, מאַלעריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור, מוזיק, טאַנץ און טע־אַטער.

די ערשטע סימפּטאָמען פון דער קונסט געפינען מיר נאָך אין אוראַלטע היילן פון דער צווייפיסיקער חיה. ווייל אין טבע פונעם מענטש איז פאַראַן אַן אורשפּרינגלעכע פאַרוואַרצלונג: די נייגונג נאָכצומאַכן, נאָכצוקרימען; הייסט אַז נאָך לאַנג פאַרן ווערן אַ ווירקנדיקער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר איז דאָס קערנדל פון דער קונסט־געבורט געלעגן אין כאַראַקטער פון צוקונפטיקן מענטש. די אַנטפּלעקונג פון די קינסטלערישע פעאיקייטן ביים מענטשן קומט פאָר ספּאָנטאַניש, און אויב דער מענטש איז מסוגל די דאָזיקע פעאיקייטן אויפצוכאַפּן און אַנטוויקלען — וואַקסט אויס דער קינסטלער.

נאָר אין לעבעדיקן באַריר צווישן יצירה און אָפּנעמער באַקומט דער שעפער, דער קינסטלער אַ תקון. ניט אַריינגייענדיק אין די פּאָליטישע מסקנות פון דער אַזוי באַרימט געוואָרענער לאָזונג "קונסט לשם קונסט" איז אָבער שווער אָנצונעמען אַז די קונסט איז טעטיק אין אַ אָלימפּ פון אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט. ווייל דער קינסטלער, איר פאַרשטייער, שאַפט ניט בלויז פאַר זיך. אַ מאָלעריי־בילד שטרעבט צו ווערן געזען, אַ בוך צו ווערן געלייענט, אַ טאָן — געהערט צו ווערן. דער דאָזיקער לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן שעפער און פאַרברויכער האָט אַ באַפרוכפּערנדיקע ווירקונג אויף ביידע מיטבאַטייליקטע, העלפט צו דער קינסטלערישער כליאונג פונעם קינסטלער אוןברייטערט אויס די האָריזאָנטן פונעם קאָנסו־מענט. אַרטור שאָפּנהויער, אין זיין מאמר „איבער דער געזעל־שאַפטלעכער מיינונג און רום" פאָרמולירט זיין געדאַנק מיט די ווערטער: „די ווערט פון דעם קונסט ווערק איז פיל אָפּהענגיק פון דעם גייסט צו וועלכן עס איז געווענדעט", און שפּעטער אַביסל זאָגט ער אַז „יעדע קונסט שאַפונג נויטיקט זיך פאַר איר עקזיסטענץ אין אַ פּילבאַר האַרץ".

די קונסט ווערט אַלזאָ אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר גייסטיקער פאַרפולקאָמונג פאַרן פּרט ווי פאַרן כלל. דער גייסטיקער גענוס, וואָס עס באַקומט דער קינסטלער און פאַרברויכער איידלט אויס די געפילן און איז אַ וווּנדערבאַר לאַקונגס־מיטל כּדי צו פאַר־וואַנדלען די קונסט אין אַ פּערמאַנענטער קערפּערלעך־גייסטיקער באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט. אין דעם זין דאַרף מען מיט רעכט זוכן דעם סינטעז פון קולטור און צייט־פּאַרטרייב. פאַר דער מאָדערנער אינדוסטריאַליזירטער געזעלשאַפט, מיט דעם איבערפלוס פון פרייער צייט וואַקסט דאָס פּראָבלעם פון קולטורעלן צייט פאַר־טרייב אויס צו אַן ערשט־ראַנגיקן פּראָבלעם פון וועמענס לעזונג עס איז אָפּהענגיק דער סאַמע עצם עקזיסטענץ פון דער געזעל־שאַפט. נאָכדעם ווי דאָס וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע קעמערל — די משפּחה, האָט אין דעם לעצטן יאָרהונדערט גענומען ליידן פון אַ סטאַבילן צעפּוילונגס־פּראָצעס איז געוואַלדיק געוואַקסן דער באַדאַרף אין אָפּטער פאַרווײַלונג. די אַמאָליקע געזונטע היים־אַט־מאָספער פלעגט געשטאַלטיקן און קרעפטיקן דעם כאַראַקטער, האָט אפשר אַביסל באַגרענעצט דעם האָריזאָנט אָבער איינגעפלאַנצט גלויבן אין די אייגענע מיטמענטשן. דאָס זייענען געווען געוווּנט־שענע שטריכן פאַר אויסדויער אין לעבנס־קאַמף. די צעשטערטע היים, אין רעזולטאַט פון דער ראַשיקער טעכנישער מעטאַמאָר־פאָזע, האָט געשאַפן אַ בלויזע אילוזיע פון גייסטיקער זעלבסט־שטענדיקייט פון אונטערוואַקסנדיקן דור, ווײַל די צו־פרי זיך אָפּ־רייסנדיקע יונגע צווייגן פון דער היים באַווייזן זיך ניט גענוג פּסיכיש צו פאַרפעסטיקן. פון דאַנען אַזוי פיל הייראַט טראַגעדיעס, פון דאַנען דער וואַקסנדיקער געפיל פון איינזאַמקייט, פון דאַנען דער געברויך פון פאַרשכורנדיקע סמים און געשלעכטלעכע פּערווערזי־טעט. אַנאַלאָגיש צום געזעץ וועגן ליידיקן חלל אין דער פיזישער וועלט גילט דאָס געזעץ אויך אין דער פּסיכיש־גייסטיקער וועלט ווו די ליידיקייט מוז ווערן אויסגעפולט. אין ליכט פון דאָזיקן וועט אפשר ווערן אַביסל פאַרשטענדלעך אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע

דערשיינונג אין דער גרויסער וועלט ווי אויך ביי אונדז אין ישראל: דאָס אויפקומען פון פיל קינסטלער אַמאַטאָרן, וועלכע שענקען אַוועק זייער פרייע צייט אויף אַקטיווער קולטור־טעטיקייט אין די געביטן פון מאַלעריי, בינעקונסט, שריפטשטעלעריי. די דאָזיקע קינסטלער האָבן זייער גרויסע דערגרייכונגען, וואָס שטעלט זיי אַוועק אין איין ריי מיט פיל באַגאַבטע ספעציאַליסטן. דער פאַקט פון זייער מאַטעריעלער אומאָפּהענגיקייט פון דער קונסטפּראָפּעסיע גיט זיי אַפילו אַ גרויסן מאָראַליש־פּסיכישן איבערוואָג. אין די בילדער אויסשטעלונג פון די קינסטלער־מאָלער־אַמאַטאָרן קען מען געפינען וווּנדערבאַרע מאָטיוון, אָנגעפּולטע מיט לעבנס דורשט און אומגעהויערן אָפּטימיזם — וואָס זאָגט עדות אויף דער אור־טיליטאַרער קראַפט פון דער דאָזיקער טעטיקייט.

די דאָזיקע פאַקטן באַשטעטיקן אַלזאָ די טעזע וועגן דער קונסט אַלס גייסטיקע און קערפּערלעכע באַדערפעניש פונעם מענטש. אין ליכט פון דער מאָדענער פּסיכאָאַנאַליטישער וויסנשאַפט וואַקסט אויס די באַדייטונג פון גייסטיקן צושטאַנד צו אַ דעצידירנדיקער ערשטראַנגיקער ווירטיקייט אינעם לעבן פון פּרט.

עס וועט אָבער זיין אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן די זאַך פון נאָך אַן אַנדערן אַספּעקט. אויף אַ געוויסן שטאַפּל פון עקאָנאָמישער און גייסטיקער זאַטקייט פון דער געזעלשאַפט הויבט אָן די קונסט אַרויסצווייזן, אַזוי צו זאָגן, סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַקטאָר מיט אייגענע אַטריבוטן, געזעצן און נאָרמעס. די קונסט, ווי אַ נאַטירלעכער געוויקס, נויטיקט זיך פאַר איר קיום אין געוויסע געזעלשאַפטלעכע סובסטאַנצן, וועלכע זאָלן שטיין צו איר שטענדיקער דיספּאָזיציע און אויך אין אַ באַשטימטן שטח און רוים, וועלכע באַשטימען איר אַקטיוויטעט, איר קאָלאָריט און איר קינסטלערישן גורל. ניט פאַראַן דעריבער אין דער קונסט קיין אייביקע פאָרמען וועלכע זענען אַ פּראָדוקט פון צייט און אָרט. צו איר דיספּאָזיציע שטייען אייביקע אידייען, וועלכע דאַרפן ווערן אָפּגעהיט אין יעדער נייער פאָרם־זוכעניש. אין קעגנפאַל

ווערט די בלויזע פֿאָרם־זוכעניש אַ פֿאַקטאָר פֿון קינסטלערישער דעקאַדענץ. פֿיל מאָדערניסטישע היינטצייטיקע סטילן קענען באַשטעטיקן דאָס געזאָגטע. ניט דאָס פֿאָלק פֿאַרשטייט וואָס מען וויל פֿון אים און ניט דער אַזוי גערופֿענער „קינסטלער" ווייסט וואָס ער אַליין וויל. די אייביקע אידייען אין דער קונסט וואָלט איך באַצייכנט אַלס דעם געזעלשאַפֿטלעך־דערציערישן פֿאַקטאָר וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמאַציעס וואָס האָבן עקזיסטירט און וועלן עקזיסטירן אין דער צוקונפֿט. קינסטלערישע פֿאָרמען ווערן געביטן אַנטשפּרעכנדיק צו דער צייט, עס ווערן געענדערט די כּלים, די אינסטרומענטן, די מיטלען בעת דער תּוך, דער אומדערמידלעכער דראַנג פֿון מענטשן נאָך וויסן און פֿאַרפֿולקאָמונג וואָס איז דער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו" פֿונעם מענטשלעכן מין — בלייבט. דערפֿאַר מוז די קונסט, אין איר אייגענעם אינטערעס, זיין צוגעגנגלעך און פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן פֿאָלק.

די ליטעראַרישע קונסט, וועלכע איז צוליבן שפּראַך אינסטרומענט, איינע פֿון די שטאַרקסטע און וויכטיקסטע באַווירקונגס־קונסט־פֿאָרם, פֿאַרנעמט מיט רעכט אין דער געזעלשאַפֿט אַ גאָר אָנגעזעען אָרט. דאָ, אפשר מער ווי אומעטום, קומט צום אויסדרוק די שטילע אוממיטלבאַרע קאָנפֿראָנטאַציע צווישן מחבר און קאָנסומענט אין וועלכער עס שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע די אונטערבאַוווסטזיניקע איינשטעלונג. דער פּראָצעס פֿון לייענען אַ בוך פֿאַרמאָגט אין זיך עלעמענטן פֿון לייענען אַ ליבע בריוו, בעת דאָס געפֿיל פֿון סימפּאַטיע צו דער שרייבנדיקער פּערזאָן קען דעם אינטערעס פֿאַרן געשריבענעם וואָרט פֿאַרשטאַרקן. פֿאַרשטייט זיך אַז די סוגעסטיווע ווירקונג פֿון מחבר איז אָפּהענגיק ניט נאָר פֿון דער קינסטלערישער פֿעאיקייט, פֿון טרעפֿלעכן אויסדרוק, פֿון שאַרפֿזיניקן געדאַנק און פֿון בליציקן איינפֿאַל נייערט אין אַ גרויסער מאָס אין דער איבערצייגונגס־קראַפֿט. דער מחבר מוז קענען זיך איבערגעבן דעם לייענער מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן כּדי עס זאָל ווערן געשאַפֿן אַ גייסטיקע פֿאַרשטענדעניש. נאָר די פּולשטע־

נדיקע גייסטיקע צוזאַמענגיסונג צווישן שרייבער און לייענער — שאַפט די באַדינגונגען פאַר דעם אמתן גייסטיקן געניס פון אַ קונסט ווערק. וועגן דער ענגער צוזאַמענאַרבעט צווישן מחבר און קאָנסומענט האָט וואַלטער געזאָגט: „די סאַמע נוצלעכסטע ביכער זענען די וואָס אַ העלפט פון זיי שאַפט דער לייענער. ער אַנטוויקלט די געדאַנקען וועמענס שפּראָצונגען עס ווערן אים פאַרגעלייגט". דאָס ציטירטע גיט אַ רמז אויף דער שרייבערישער חכמה פון מיט־באַטייליקן דעם לייענער אין דער שאַפונג. ניט אַלץ מוז פאַרן לייענער געזאָגט ווערן — מען מוז איבערלאָזן פאַרן לייענער אַן אָרט פאַר מחשבה און אינטערפּרעטאַציע. דאָס פאַרווירקלעכן די שרייבערישע אויפגאַבע איז פיל אָפּהענגיק פון דער קינסטלע־רישער יכולת און טאַלאַנט — אַן אויפגאַבע פאַר דער ערנסטער ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע דאַרף העלפן דעם מחבר זיך צו אַנט־וויקלען. אין די צווישן־באַציאונגען פון שרייבער און לייענער טויכט אויף אַ באַזונדער פּראָבלעם וואָס הייסט: די קונסט פון לייענען. דער באַרימטער עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 91 יאָר — סאָמערסעט מאָהאָם — האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין דערקלערונג אַז ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעלייענט קיין בוך ביזן סוף. ער פלעגט גאַנץ באַוווּסט־זיניק און אַן שום שאָדן פאַרן געלייענטן בוך איבערהיפּערן גאַנצע זייטן. ניט יעדער לייענער איז אָבער געבענטשט מיט אַזאַ זעלטע־נער אינטואיציע. פאַרקערט, פיל לייענען איבער אַ זייטל צוויי מאָל, כדי צו כאַפּן דעם אמתן מיין פון מחבר. דעם טעם פון אַ ליד קען מען פילן ערשט נאָך אַ פּאָר מאָליקן איבערחזרן; נאָך דעם ווי עס ווערט גוט צעקייט — ווערט דאָס ליד דער קנין פונעם לייענער.

די פליכטן פונעם שרייבער לגבי דעם פרט ווי לגבי דער גע־זעלשאַפט זיינען זייער ערנסטע. מיטן מאָמענט ווען דער שרייבער האָט זיך אַנטשלאָסן צו ווידמענען זיין לעבן דער שרייבערישער טעטיקייט — ווערט ער דער דינער פון געזעלשאַפטלעכן אינטע־

רעס. און אויב ער וויל ווירקלעך שטיין אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע מוז ער שטענדיק זיין גרייט זיך צו שלאָגן פאַרן פרייען אויסדרוק פון וואָרט, פאַר דער רעכט צו שטעלן זיך אויף דער זייט פונעם שוואַכן, פאַר דער מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן די אַלע וועמען די מענטשלעכע היסטאָריע באַעוולט שטענדיק. דאָס דאָזיקע שרייבערישע געוויסן ווערט מיט אומזעבאַרע פעדעם איינ־געוועבט אינעם קונסט געוועב און ווערט איינער פון די וויכטיקסטע גורמים אינעם קינסטלערישן איינפלוס. די יידישע קלאַסישע ליטע־ראַטור אָנהויבנדיק פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ איז אַ בולטער ביישפּיל פון געזאָגטן. ביאַליק אין דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור — וועט נאָך לאַנג דינען פאַר אַ סימבאָל פון רעוואָ־לוציאָנערן פּאַטאָס אין דער פּאָעזיע. דער שרייבער מוז פילן דאָס פאָלק מיט זיינע ווייטיקן און ליידן כדי דאָס פאָלק זאָל אים מיטפילן און פאַרשטיין. ער מוז זיין וואַך און פול מיט אייביקן שעפערישן אומרו. שעפערישער אומרו געפּאָרט מיט אומצופרידנ־קייט מיט זיך — זיינען די שטאַרקע סטימולן און באַפרוכפּערער פון דעם קינסטלער. דער העברעישער שרייבער חיים הזז שטעלט אָוועק די אומצופרידנקייט אין פאָדערגרונט פון דער שרייבערישער טעטיקייט און זאָגט בזה הלשון: „איך שטעל מיר ניט פאָר די נביאים ווי זעלבסטצופרידענע מענטשן. איך שטעל מיר ניט פאָר די גרויסע מייסטער פון דער ליטעראַטור אַלס באַגרענעצטע אין זייער זעלבסטשטענדיקייט. דאָס איז אַן אַבסורד! עמוס, הושע, פלאָבער און טאָלסטאָי זיינען פון זיך קיינמאָל ניט געווען צופרידן!"

אונדזער אומשטערבלעכער אברהם רייזין האָט די ראָל פונעם שרייבער אַזוי באַזונגען אין זיין ליד „צו אַ דיכטער": „אויב קיינמאָל דו אַליין האָסט ניט געוווּסט דערפון — וואָס הייסט צו שטיין אין פעלד אין גליענדיקער זון — פאַר דיר די מי פון מענטש און פון דער ערד דאָס גוטס — און האָסטו ווען געפרעגט: צו וועמען טראָג איך נוץ?" — און אברהם רייזין ענטפערט ווייטער: „זאָל דאַן געהערן זיי אַמאָל דיין ליד דערפאַר — און זינגען וועגן

זיי, פון זייער פרייד און צער — און זייער האָפענונג אויף טעג וואָס קומען אָן — מיט פרייד און שפּיל און רו און אונטער זייער פאָן — —".

די געזעלשאַפט שענקט דעם שרייבער דעם פולן צוטרוי פאַרן פּרייז פון מאַקסימום ריינקייט. זי ווייסט ווי צו מעסטן דאָס געוויסן פונעם שליח צבור און דראָט פאַרן ברעכן דעם צוטרוי — מיט פולקאָמער פאַראַכטונג. ווייל דאָס געשריבענע וואָרט טראָגט אין זיך אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון אויסדרוק. גענוק כאָטש אויף אַ ווײַלע זיך אָביעקטיוו צו פאַרטראַכטן איבערן פחד וואָס אַ פּאָר יונגע אינטעלעקטואַלן־שרייבער וואַרפן אָן מיט זייער וואָרט אויף אַ וועלט־מאַכט, וואָס פּרעטענדירט צו סאָציאַלער גערעכטיקייט. די געוואַלדיקע פעאיקייטן פון רוסישן מענטשן־רעזערוואָאַר, האָבן אין דער ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט פונעם פאַריקן יאָרהונדערט געשפּייזט די גאַנצע קולטורעלע וועלט מיט דיכטער און דענקער. די רוסישע ראָמאַניסטן און סאַטיריקער טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו און סאַלטיקאָוו שטשעדרין, גאָגאָל און גאָרקי האָבן אין דער וועלט ליטעראַטור פאַרנומען דעם אויבן אָן. היינט איז דער רוסישער קוואַל פאַר שיינגייסט איינגעדאַרט און פאַרטרוקנט, יעדער פּרווו פון ווידעראויפלעבונג אַכזריותדיק אונטערדריקט. און די קונסט נויטיקט זיך אָבער אין פרייהייט. ווייל קונסט פאַרטראָגט ניט קיין דיקטאַט פון אויבן. יעדער דרוק אין דער קונסט איז אַן אומזין ווייל דאָס שטייט אין טיפער סתירה צום עצם פון קינסטלערישן שאַפן וועלכער פאָדערט אומבאַרגענעצטע אויסדרוקס מעגלעכקייטן.

קיינער, פאַרשטייט זיך, וויל ניט אָפּלייקענען די וואָגיקע טעכנישע דערגרייכונגען פון די ספּוטניקעס און צווישן־פּלאַנעטאַרע פלי־עקספּערימענטן. אָבער דאָס איז טעכנישע קולטור וואָס טראָגט אין זיך זאָמען פון דעראָבערונג, דראַנג נאָך וועלט־הערשאַפט און טויט.

בעת דאָס קול פון אינטעלעקטואַליסטן און שרייבער, די דני־אלס און גינזבורגס, גאַלאַנסקאָווס און יעסענינס — ווערט דער־שטיקט אין די משוגעים הייזער און אַרבעטס לאַגערן — ווערן די פשוטע ווערטער פון סאַלטיקאָוו שטשעדרין אָנגעגאָסן מיט נבי־איש־טרויעריקן זאַפט.

מענטש און גורל

ברוך שפינאָזאַ — 300 יאָר נאָך זיין טויט

א. דער חרם

די יידישע פּאָרטוגעזישע געמיינדע אין אַמסטערדאַם האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַפריַיט פון די זכרונות וועגן די גרויזאַמקייטן פון דער אינקוויזיציע, ווען איינער פון אירע בעסטע זין האָט „אַ קוק געטאָן און איז געוואָרן געבאַפּט". דער יונגער שאַרפער מוח האָט זיך פאַרמאָסטן אַריינצובליקן אין די פאַרהוילענע סודות פונעם קאָסמאָס, בעת די דאָגמעס פון דער יידישער ווי פון דער קריסטלעכער רעליגיע זענען אים געשטאַנען אויפן וועג.

פאַר דער יידישער געמיינדע איז דער פאַקט געווען אויפטרייסלענדיק און מסוכן אויך פּאָליטיש, באשר דאָס האָט געקענט ווערן אויסגעטייטשט ווי אַ שטאַרקער מיסברויך מיט דער האָלענדישער גאַסטפריינדלעכקייט. און אין באַרימטן טרויעריקן טאָג אין יאָר 1656 האָבן אין דער פאַרטוגעזישער סינאַגאָגע אין אַמסטערדאַם אָפּגעהילכט דריי פראַגן:

צי איז אמת, אַז דו האָסט געזאָגט:

א) אַז די תורה איז נישט אמת;

ב) די נשמה שטאַרבט אָפּ מיטן קערפער;

ג) גאָט איז נישט פאַראַן נאָר פילאָזאָפיש.

די ענטפערס זענען נישט באַקאַנט עד היום, אָבער די אָנגעוואָרפענע איינזאַמקייט האָט זיך דווקא אָנגענומען מיט פילאָזאָפישער רוייקייט. דער באָדן איז געווען גרייט. „נישטאָ דאָך קיין צופעליקייטן אין דער נאַטור. אַלץ איז באַשטימט דורך דער געטלעכער נויטווענדיקייט צו ווערן געטאָן אויף אַ באַוווּסטן אופן".

עס איז נישט באַקאַנט, צי דאָס איז געווענדט אויך אין לעבן פון יחיד — די השגחה האָט ער דאָך נישט אָנערקענט. אָבער מיט שטאַרקן ברען האָט זיך דער פּיראַנצוואַנציק־יאָריקער עילוי אַריינגעוואָרפן אין זיין אַרבעט. די וועלט און זיין באַשאַפער האָבן אים געדינט ווי גוטער רוי־מאַטעריאַל. ווען חרם האָט ער שפּעטער פאַרצייכנט: „עס שאַדט נישט, דאָס באַצווינגט מיך נישט מער צו דעם, וואָס כ'וואָלט במילא אַליין נישט געטאָן".

די איינזאַמקייט פאַרן דענקער איז נויטיק ווי לופט און וואַסער.

ב. הונדערט יאָר אין פאַרגעסנהייט

„דע את עצמך" — די זעלבסטדערקענטניש איז אין דער פילאָזאָפיע אָנגענומען אַלס דער שליסל צו דער דערקענטניש בכלל. פון דעם האָבן אָנגעהויבן אַלע און דער מענטש מיט זיין שכל — דער מותר האדם מן הבהמה — איז געשטאַנען אין צענטער. די עטיק פון די קלאַסיקער פון די פילאָזאָפישע סיסטעמען סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָ האָבן דעם מענטשלעכן פאַר־נונפט געשטעלט אין שפּיץ פון דער העכסטער אויטאָריטעט צו משפּטן ווען עס דאַרף הערשן די ליבע און ווען דער כוח. די פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס פון בודאַאיזם און שפּעטער פון קריס־טנטום האָבן געפּרעדיקט גלייכהייט פון אַלע מענטשן, גוטס פאַר שלעכטס און ליבע צום שונא. אין קעגנזאַץ צו דעם האָט די פילאָזאָפיע פון מאַקיאַוועלי און פון ניטשע אָקצעפּטירט און באַ־רעכטיקט דעם כוח און דאָס רעכט פון קאַמף פאַר מאַכט אַלס דעם העכסטן און שענסטן ציל פון מענטש. נאָר דער באַשיידענער שלייפער פון אָפּטישע גלעזלעך האָט מצליח געווען אין זיין אומ־שטערבלעכער „עטיק" אָפּצושלייפן די שפּיצן און קעגנזאַצן פון די דאָזיקע טעאָריעס. הונדערט יאָר האָט געדויערט ביז געטע און שלייערמאַכער האָבן אָפּגעווישט דעם שטויב פון זיינע שריפטן, און הגם ער האָט נישט געשאַפן קיין „יש מאין" — האָט די וועלט אַנטדעקט אַ וווּנדערלעכן אוצר פון מענטשלעכן געדאַנק.

ג. די מקורות

פון וועמען האָט שפּינאָזע געשעפּט זיין חכמה? — פונעם תנ״ך און פונעם תלמוד, פון רמב״ם און אבן עזרא, פון אבן גבירול און פון דער קבלה פון משה קורדובירו. די סכנותדיקע שמאָלע שטעגלעך האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן פון איינצונעמען דעם הויכן באַרג פון חכמה. אין דער קבלה האָט ער געפונען דרייסטע מיינונגען וועגן וועלט און גאָט, וועגן דער רעלאַטיווקייט פון צייט. די סודות פון צמצום פעאיקייט פון דער געטלעכקייט האָט זיך מערקווירדיק צוזאַמענגעטראָפן מיט דער ווונדערלעכער אייגנשאַפט פון דער אויסשפּרייטונג פון אין־סוף.

דעקאַרט האָט עס אים אויפגעקלערט מיט וועלטלעכער פּשטות: „דריי פאַרשידענע סובסטאַנצן זענען פאַראַן:

א) גאָט, אָדער דער אינסופיקער עצם;
ב) די נשמה אָדער די דענקענדיקע סובסטאַנץ;
ג) קערפּערס אָדער די זיך אויסשפּרייטנדיקע סובסטאַנץ״.

דעקאַרט (1596—1650), דער ספק‌ן, האָט זיין לערע וועגן מענטש באַזירט אויפן דואַליזם: קערפּער און גייסט.

די פאַרבינדונג מאַכט גאָט אַליין. אין זיין דערקענטניש־טעאָריע איז ער געווען אַ ראַציאָנאַליסט און האָט געגלויבט באמונה שלימה אינעם מענטשלעכן שכל אַלס דער גרעסטער בר־סמכא פונעם זיכערן וויסן. אין זיינע באַווייזן צו באַגרינדן זיינע פּרינציפּן האָט ער באַנוצט דעם מעטאָד פון דער געאָמעטריע.

ביי דעם יונגן עילוי האָט דער מעטאָד זיך אָנגענומען אין זיין פולער ערנסטקייט, בעת צו דער עצם לערע האָט ער זיך באַצויגן מיט דעם דעקאַרטישן סקעפּטיציזם. די דריי עיקרדיקע פּרינציפּן פון דעקאַרטס פילאָזאָפיע האָט ער סעלעקטירט, און איבערלאָזנדיק בלויז דאָס וואָס אים איז נויטיק געווען, האָט ער באַשלאָסן אַז: „גאָט איז אַ סובסטאַנץ און ער איז אומענדלעך״. און אין זיין געאָמעטרישן מעטאָד האָבן אַ סך שפּינאָזע־פאַרשער

געפונען אַ פעלד פאַר פילצאַליקע פירושים. וויל דיוראַנט האַלט, אַז פאַר דעם יונגן איינזאַמען פילאָזאָף איז עס געווען אַ צייט־פאַרטרייב, אַ מין שפּיל אין לאָגיק, און לויטן פּראָפעסאָר אפרים שמואלי איז עס פאַר שפינאָזען געווען אַ שוץ־פּאַנצער, וועלכער האָט אים אַי געצוימט אַי געגעבן זיכערקייט. עס קען גאָר אויך געמאָלט זיין, אַז אין אונטערבאַוווסטזיין האָט דער פּרעטענדענט צו אייביקייט געסדרט זיין „עטיק" דורך געאָמעטריע, ווי די משנה איז געוואָרן געסדרט דורך אַריטמעטיק.

די וועלט האָט שפינאָזע געזען ווי אַן אין־סופיקע אייביקייט — יעדע פילאָזאָפישע שיטה שטייט אויסער דער צייט. ער האָט געטראַכט אין אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס, אָבער אָנגעטאָן האָט ער זיי אין אַ מעטעריעלן לבוש. דער געשווירענער מעטאַפיזיקער האָט אין זיינע טיפע אַנאַליזן פון די מענטשלעכע געפילן, ווי למשל ליבע, שנאה, אייפערזוכט, פרייד, טרויער, מיטגעפיל — באַנוצט די מעטאָדן פון אַ פיזיקער און כעמיקער, גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין עלעמענטן ווי וואַסער אָדער אייזן, וועלבע מ'קאָן וועגן און מעסטן.

ד. דער פאָרגייער פון פּסיכאָאַנאַליז

טאָמאַס האָבס (1588—1679) פאַרנעמט זיך זייער ברייט מיט מענטשלעכע געפילן און ליידנשאַפטן, אָבער ער רעכנט זיי אויס און שטעלט פעסט בלויז זייער עקזיסטענץ. שפינאָזע האָט דאָ געפונען אַ געוואַלדיקן רויען שטח. ער ווייסט, אַז דער מענטש איז באַגרענעצט הן מיט זיין שכל און הן מיט זיינע חושים. אָבער דעם „יצר לב האדם רע מנעוריו" (נח), האָט ער אויסגעטייטשט אַנדערש: „אויב עפּעס אין דער נאַטור איז שלעכט, אומזיניק אָדער אַפילו אַבסורדאַל, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל מיר זענען נישט מסוגל אויפצוכאַפּן דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון די טיילן". די נאַטור און דער מענטש זענען, הייסט עס, נישט שלעכט, ווי מיר זעען דאָס, נאָר עס איז שלעכט בלויז לויט אונדזערע באַ־

גריפן. דער מענטשלעכער מוח קען אויפכאַפּן די פאַרשידנסטע דערשיינונגען אין דער נאַטור. דער מענטש קען אויך דערגרייכן דאָס העכסטע פאַרגעניגן, וואָס הייסט גליק. ווייל דאָס גליק ליגט אין יסוד פון מענטשלעכער האַנדלונג — אויב מען האַנדלט מיט פאַרשטאַנד.

דער מענטש שטרעבט צו שלימות, פולקאָמענהייט. ער איז טאַקע באַשאַפן בצלם, אָבער די שלימות איז נישט קיין אייגנ־שאַפט פון קיין בשר ודם. נאָר דער מענטש שטרעבט צו שלימות, ווייל ער מוז. נישטאָ קיין פרייער רצון — אַלץ קומט פון אַ סיבה און די סיבה קומט פון נאָך אַ סיבה, און אַזוי ווייטער אָן אַ סוף. און אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער שטרעבונג נאָך שלימות פילט אָפּ דער מענטש פרייד אָדער טרויער. די פרייד איז אַן איבער־גאַנג, וואָס גיט דעם מענטשן פאַרגעניגן — פונקט ווי דער טרויער איז אַן איבערגאַנג, וואָס גיט אים צער. די אַלע געפילן זענען באַוועגונגען צו דער פולקאָמענהייט און צוריק צו איר. שפּינאָזע, דער פסיכאָלאָג, האָט מיט אַ ווונדערבאַרער אינטואיציע אויפגע־כאַפּט די דינסטע געפילן אין דער מענטשלעכער פסיכיק. אין דער רשימה פון די מענטשלעכע ליידנשאַפטן שטעלט ער בראש די תאווה „וועלכע איז דער עצם מהות פונעם מענטשן און איז באַרופן צו דינען דעם צוועק פון זיין קיום". דאָס איז דער שפּע־טערדיקער אינסטינקט, אין וועלכן פרויד האָט געזען דעם מקור פון אַלץ. די אַלע געפילן און ליידנשאַפטן ווערן דורך שפּינאָזען באַהאַנדלט מיט טיפן וויסן, ער קען די אַלע אימפּולסן און רעפלעק־סן, זייער מקור און סיבה, און פאָלגט נאָך זייערע האַנדלונגען מיט וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט.

ה. דער מאָראַליסט

דער מענטש איז אָבער אומגליקלעך. ער ליידט פון ליבע און פון אייפערזוכט, פון טרויער און פון פאַרדרוס, פון פחד און פון קנאה און פון נישט דערפילטע פאַרלאַנגען. נאָר שפּינאָזע דער

מאַראַליסט שמידט נישט צו דעם מענטשן צו דער פּסיכיאַטרישער קאַנאַפּע, ווי עס האָבן עס געטאָן פרויד און זיינע תלמידים מיט אַ פערטל יאָרטויזנט שפּעטער. שפּינאָזאַ פאַרמאָגט אַ בעסערן אויסגעפּרוּווטן רעצעפּט: הסתפּקות במעט, אויטאָסוגעסטיע און זעלבסטבאַהערשונג.

„מיר דאַרפן, כדי זיך צו באַפרייען פונעם פּחד, באַטראַכטן מיט ווייסן, דאָס הייסט: מיר דאַרפן אָפּשאַצן די צאָל פון די סכנות, וואָס דראָען אונדז אין לעבן און די וועגן ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון זיי און זיי צו באַהערשן דורך ישוב הדעת און דורך גייסטי־קער גבורה. מיר דאַרפן אונדזער געדאַנק ריכטן צום גוטן אין יעדער זאַך, כדי מיר זאָלן אַזוי אַרום זיין געניוויגט צו טעטיקייט דורך שמחה". (אין 5־טן טייל פון „עטיק").

שפּינאָזע איז טיף איבערצייגט אין דער שטאַרקער יכולת פונעם פאַרשטאַנד צו פאַרבעסערן דעם מין מענטש. „ווער עס וויל באַהערשן זיינע אינסטינקטן דורך ליבע צו פרייהייט, דאַרף זיך באַמיען מיט אַלע כוחות צו דערקענען די גוטע זייטן און זייערע סיבות און אָנפילן זיין גייסט מיט פרייד, וואָס דרינגט אַרויס פון דער אמתער דערקענונג אין זיי; דאַן וועט ער נישט זוכן קיין פעלערן ביי אַנדערע, ער וועט נישט מבזה זיין קיין מענטשן און וועט זיך נישט זעטיקן מיט קיין פאַלשער פרייהייטס־געשטאַלט. און ווער עס וועט זיך פלייסיקן אַכטונג־צו־געבן אויף דעם אַלעמען און מקיים זיין דאָס אַלץ (און דאָס איז דאָך נישט שווער) און וועט זיך צוגעוווינען דערצו, בין איך זיכער אַז עס וועט אים געלונגען אין גאַר אַ קורצער צייט צו ריכטן זיינע מעשים, מערסטנטייל צו דער הערשאַפט פונעם פאַרשטאַנד". (דאָרט)

די פאָרשונג פון דער מענטשלעכער נשמה איז שוין פון לאַנג אַריבער די גרענעץ פון פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס און איז געוואָרן דער אָביעקט פון וויסנשאַפטלעכע קאָמבינאַציעס און עקספּערי־מענטן. דער פּרווידיזם, וואָס האָט אינעם לעצטן יאָרהונדערט גע־פייערט זיין נצחון אין דער גאַנצער מערבדיקער ציוויליזאַציע —

האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סמנים פון מאַכטלאָזיקייט. ווער עס מיינט אַז די מאָדערנע פסיכאָלאָגן האָבן די מענטשלעכע נשמה באַפרייט פון דער פילאָזאָפיע, ווערט האָבן די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, אַז די נשמה פונעם מענטשן וועט נאָך לאַנג בלייבן ווי אַ ספינקס פאַרהוילן, אַן אָביעקט פון דענקען פאַרן מענטשלעכן שכל, וואָס קען זיך צו איר דערהייבן, אָבער נישט לייזן אירע סודות.

די מיסטעריע פונעם לעבן

לייענענדיק דאָס בוך „החיים המסתוריים של הצמחים״ בין איך זיך פאַרגאַנגען אין אַ מין פּאָעטישער קאָנטעמפּלאַציע:

...אין דער ברייטקייט פונעם פעלד האָבן פייגעלעך אויסגע־טאַנצט אַ פייגל־טאַנץ און שפּרינגענדיק פון איין קוסט אויפן אַנדערן צעשפּאָלטן פריידיק די קערנער מיט די שנאָבעלעך. די לופט איז געווען פול מיט טויזנטער זילבערנע קלאַנגען און צוויט־שערייען. מיט מילדער האַנט האָט די זון צעטיילט אירע שטראַלן און די כּישוף־פולע האַרמאָניע האָט אויסגעשפּינט אירע פאַרב־געוועבן אויפן אַרום. אַלץ האָט געאָטעמט מיט פרישקייט, מיט בלי, מיט צייטיקייט. — — —

פאַרשידן זענען די מיינונגען און אָפט אַפילו קעגנזועצלעך. דענקער און פילאָזאָפן, פאָרשער און וויסנשאַפטסלייט, פּאָעטן און פּאָליטיקער, גלויביקע און אַטעיסטן האָבן נאָכגעטראַכט און געפּ־רוווט לעזן די פראַגע: — באַשאַף אָדער אַנטוויקלונג? אָבער ווער עס דענקט אַז עמעצן איז געלונגען צו לעזן דאָס רעטעניש, איז זיך טועה. און דער וואָס דענקט אַז דווקא וויסנשאַפטסלייט האָבן דאָס פאַרויסגעשטויסן דעם גאַנצן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, אַז די וויסנשאַפט איז געווען די ערשטע צו דערקענען די טיפע סודות אין דער נאַטור — איז זיך במחילה אויך טועה.

די ערשטע איז געווען די פּאָעטישע מוזע.

הונדערטער יאָרן האָבן מענטשן געגאָסן פון דער געטלעכער לייטזעליקייט פון דער מאַמע ערד, אָבער קיינמאָל האָט דער „האָמאָ סאַפּיענס״ נישט אָפּגעגעבן צופיל אויפמערקזאַמקייט דער פלאַנצן־וועלט — אַ וועלט, וואָס לויט אים נאָך, שטייט הינטער־שטעליק פון דער לעבן־וועלט. דער „האָמאָ סאַפּיענס״ איז געווען

צופיל פאַרטאָן אין זיך, אין זיין עקזיסטענץ, אין זיין דענקען. און עס האָט אים געשמייכלט: אַז מען דענקט — עקזיסטירט מען דאָך.

פּלוצעם האָט עפּעס אויפגעבליצט אויפן האָריזאָנט. די וועלט האָט דאַמאָלט גראָד געלעקט די ווונדן פון דער ערשטער שווידער־לעכער וועלט־קאַטאַסטראָפע, ווען ס'האָט דער באַרימטער בעלגי־שער פּאָעט מאָריס מעטערלינק איבערגעראַשט די וויסנשאַפטלעכע וועלט מיט זיינע באַטראַכטונגען איבער דער נאַטור. פון דאַמאָלט אָן זענען אַ סך וואַסערן אַפּגעפלאָסן אין די טייכן, אָבער — נישט געקוקט אויף דעם שנעל־שנעלן וווּקס פון די טעכנישע מעגלעכ־קייטן אין אונדזער צייט — האָט געגומען מער פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט אויף ממשיך זיין די פּרוּוון פון פאָרשן די פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן פון אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום.

„דאָס לעבן פון די בינען״, „דאָס לעבן פון די מוראַשקעס״ און באַזונדערס „די אינטעליגענץ פון בלומען״ (1921) האָבן אין יענע יאָרן פון צעשטערטע האָפענונגען און טרוקענער אויסניכטע־רונג — אויפגעלויכטן ווי אַ נייע בשורה וואָס טראָגט אין זיך חלומות פון אַ וועלט וואָס איז פול מיט בליענדיקע פאַרבן, פון טיפן סוד און מיסטעריע. מאָריס מעטערלינק האָט אַנטדעקט אין דער נאַטור די שענסטע און איידלסטע כוחות, וווּנדערלעכע „מענ־טשלעכע״ נייגונגען און געפילן, גרעסטע חכמה און פאַרנונפט.

ביי די בינען האָט ער דערזען די אויסערגעוויינלעכע פעיקייט פון מאַטעמאַטיש פּרעציזן געבורטס קאָנטראָל אין הסכם מיט די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פונעם קאָלעקטיוו. ביי די מוראַשקעס — די אומבאַגרענעצטע אַרבעטסזאַמקייט, ווי עס האָט שוין אַמאָל געלערנט דער קלוגסטער פון די מענטשן, אָבער דעם שטאַרקסטן דראַנג נאָך עקזיסטענץ און דעם מערקווערטיקן און אומבאַדינגטן פאַרלאַנג נאָכן דור־ההמשך — ביי די פלאַנצן. ביי אַ געוויסן מין וואַסער־בלום האָט דאָס שאַרפע אויג פון מאָריס מעטערלינק פאַר־פיקסירט דעם גאַנג פון באַפרוכפערונג בעת וועלכן דער זכר־פלאַנץ, כדי צו וואַרפן זיין זרע פאַרן המשך — מוז מקריב זיין

זיין אייגן לעבן! די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען האָבן דעמלט פאַרכאַפּט די מוחות פון אַ סך אינטעלעקטואַלן און עס איז נישט קיין ווונדער וואָס אין די פאַרצייכענישן פון יאַנוש קאָרטשאַק געפינט מען אויך, אַז נישט קיין אַנדערער ווי נאָר מאָריס מעטערלינק „האָט אים אַריינגעפירט אין סוד פון די אינזעקטן און פלאַנצן״.

נישט קיין ווונדער — ווייל פאַר דעם גרויסן פּעדאַגאָג און קינדער־פריינד איז דאָך די קרבנות־גרייטקייט געווען דער גרונט־יסוד פון זיין לעבנס־איינשטעלונג.

פון דאַמלט אָן האָט זיך אַ סך געביטן. „אַלץ פליסט און אַלץ ענדערט זיך״ — האָט דער גריכישער פילאָזאָף אַקסיאָמירט מיט צוויי און אַ האַלבן יאָר טויזנט צוריק. (אויף יעדער צייט אין דער צוקונפט — קאָנסטו געפינען אַ וואָרט אין דער ווייטער פאַרגאַנגעהייט). דער דור פון „וואָס גייט עס מיר אָן״ האָט זיך פאַרטויבט מיט פּויקן און מיט סם, בלייערנע פאַנצערס האָבן צוגעדעקט די הערצער, דער אַטאָם האָט זיך דערוויייל פאַרדונגען אין דינסט ביי דעם אַשמדאי און וואַרט נאָר אויפן צייכן פאַרן גרעסטן חורבן. די וויסנשאַפט מאַכט נאָך אַלץ אומדערמידלעכע פאַרשריט אויפן וועג צו פאַרזיסן דעם אומקום. מיט שווערע טאָנען גיפט איז אָנגעזאָפּט די מאַמע ערד, די טייכן און ימען — פאַרפּעסטעט, מיט רויך און גאַז איז פאַרטשאַדעט די לופט. דאָס נייע שרעקונגס־וואָרט „עקאָלאָגיע״ האָט אויפגערודערט אַביסל די מוחות. עס זענען דאָך נאָך פאַרט פאַראַנען וויסנשאַפטסלייט מיט אַ טראָפּן געוויסן. (כאָטש דאָס רוב האַלט, אַז וויסן און געוויסן זענען זיך צוויי אייביקע שונאים.) פּיטער טאָמקינס, דער האַרוואַרדער פּראָפעסאָר און קריסטאָפער בירד — דער ביאָלאָג־אַנטראָפּאָלאָג, האָבן זיך געווידמעט דער פאָרשונג פון דער אַזויגערופענער „נידעריקער פלאַנצן־וועלט״. זייערע אייגענע באַטראַכטונגען און די אָבסערווירונגען פון אַ ריי וויסנשאַפטלער אין דער פאַרגאַנגענהייט — האָבן זיי צוגעטראָגן אין זייער בוך „דאָס מיסטעריעזע לעבן פון

די פלאַנצן". קען מען מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז דאָס אייז האָט ענדלער געלאָזן, אַז נייע ווינטן הייבן אָן צו בלאָזן.

אַט זענען עטלעכע בלומען פונעם העבער דריי הונדערט זייטיקן בוך:

פלאַנצן פאַרמאָגן איבערחושימדיקע אויפנעמלעכקייט.

די פלאַנצן קאָנען לייענען דיינע געדאַנקען.

די פלאַנצן זענען מוזיקאַליש.

די פלאַנצן פילן אָפּ אַ פריינד און אַ שונא. — — — —

און ווי עס זאָל נישט קלינגען מאָדנע — איז דאָך אַ פאַקט, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען אויפגעדעקט געוואָרן דווקא דורך אַ מענטש וואָס האָט מיט דער פלאַנצן־וועלט און דער עיקר מיט דער פלאַנצן־וויסנשאַפט — גאָר ווייניק געהאַט צו טאָן. זיין באַשעפטיקונג איז געווען די אמת־מאַשין, דער פאָליגראַף, און זיין נאָמען איז קלי באַקסטער פון ניו־יאָרק. אין אַ געוויסן אָוונט האָט ער שפּילנדיק זיך מיט דעם פאָליגראַף, בעת אַן איבעררייס אויף זיינס אַ פאַרלעזונג פאַר פאָליציי־באַאַמטע — פאַרבונדן די עלעקטראָדע מיט אַ בלאַט פון אַ טראָפּישן פלאַנץ, וואָס האָט זיך צופעליק געפונען נעבן אים אין צימער. באַקסטער האָט גוט געקענט די אייגנשאַפטן פונעם פאָליגראַף וועלכער לאָזט אַדורך אַ שוואַכן עלעקטרישן שטראָם דורכן קערפּער פון אַ מענטש ווען מ'וויל אויספּרוּוון צי ער זאָגט אמת. ביי דער מינדסטער אויפרעגונג ווייזט דער גאַלוואַנאָמעטער אינעם פאָליגראַף דעם רעזולטאַט. דעם שטאַרקסטן עפעקט באַקומט מען בעת מען דראָט דעם מענטשן. און באַקסטער האָט פשוט באַשלאָסן אָנצוווענדן ביים פלאַנץ דאָס זעלבע „מענטשלעכע" סיסטעם. ער האָט אַ קלער געטאָן אַז ער וויל דאָס בלאַט פאַרברענען און אין געדאַנק האָט ער שוין געזען דעם פלאַם פייער. אין דאָזיקן מאָמענט האָט דער גאַלוואַנאָמעטער אָנגעצייכנט אויפן פאַפּיר אַ שטאַרקן צייכן. די ווייטערדיקע פּרוּוון האָבן באַשטעטיקט די אויסערגעוויינלעכע עמפּינדלעכקייט פון די פלאַנצן צו מענטשלעכער אָנוועזנהייט, צו גוטער אָדער שלעכטער

באַציונג און אַפילו צו סאָלידאַריטעט און מיטגעפיל צו אַנדערע פלאַנצן וואָס ווערן מיט עפּעס באַדראָט אָדער באַשעדיקט.

די דאָזיקע עקספּערימענטן האָבן גאָר גיך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די סאָוויעטישע לאַבאָראַטאָריעס און פּרעסע, און דער רוסישער זשורנאַל „וויסן און רעליגיע" ווייסט צו דערציילן ווי אין קאַזאַכס־טאַנער אוניווערסיטעט איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז די פלאַנצן פילן אָפּ די קראַנקייט פון זייערע אייגנטימער און רעאַגירן אויף זייער עמאָציאָנעלן צושטאַנד.

הייסט עס, אַז די פלאַנצן זענען שוין נישט מער קיין מינדער־ווערטיקע באַשעפענישן, אַז זייער קיום איז באַאיינפלוסט דורך קאָסמישע כוחות ווי די גאַנצע לעבעדיקע וועלט. זיי קאָנען הערן און זען און פילן אויף זייער אופן אויסדריקנדיק זייער צופרידנ־קייט, אומווילן אָדער אַפּאַטיע. אונטערן איינפלוס פון מוזיק — ווייזן געוויסע פלאַנצן אַרויס אַ קאָלאָסאַלן אויפוווּקס. אונטערן איינפלוס פון ליבע, צערטלעכקייט — קאָן אַפילו אַן איינצלנער בלאַט, אַן אָפּגעריסענער פונעם גוף — פאַרבלייבן פריש און לע־בעדיק לאַנגע וואָכן.

האָט דער „האָמאָ־סאַפּיענס" באַקומען די אמתע לעקציע און אויפגעהערט צו זיין „דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל". ווו איז פלוצעם אַהינגעקומען דער ניטשעאַנער אויבערמענטש? ווען די „פּשוטע" פלאַנצן־וועלט איז אַזוי פול מיט וווּנדערלעכער „מענט־שלעכקייט". — אָדער אפשר איז גאָר פאַראַן איין אַלגעמיינע נשמה פאַר אַלץ וואָס הייסט לעבן? און אפשר איז דאָס דער כוח פון גראַוויטאַציע, דער כוח פון צוציונג, דער יסודותדיקער כוח וואָס שאַפט דעם קיום און וואָס די מענטשלעכע שפּראַך באַצייכנט מיטן וואָרט ליבע?

יאָ, די אמתע מוטער־ליבע איז די בויענדיקע קראַפט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די יידישע מוטער איז שטענדיק געווען דער סינאָנים פון גוטסקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן המשך. די יידישע מוטער האָט עס נישט געלערנט אין די אוניווערסיטעטן

און אוודאי נישט אין דער טעלעוויזיע — זי האָט עס געטראָגן אין האַרצן, אין אינסטינקט, אין אונטערבאַוווּסטזיין. — — —

לייענסטו דאָס בוך „דאָס מיסטעריעזע לעבן פון די פלאַנצן" און עס עפענען זיך פאַר דיר אויף נייע קוואַלן פון וויסן, עס איז נאָך דאָ אַ סך צו לערנען פון דער נאַטור, ווי עס האָט געפּסקנט דער גרעסטער חכם אונדזערער: „גיי לערן זיך ביי דער מוראַשקע!"... אָבער דאָס פאַרשן די נאַטור פאָדערט פונעם מענטשן: — ליבע און איבערגעגעבנקייט. „עס איז נייטיק אַ גאַנץ אַנדער סיסטעם פון אָבסערוואַציע — שרייבן די צוויי וויסנשאַפטלער טאָמקינס און בירד — אַ סיסטעם וואָס קען זיך פאַראייניקן מיטן לעבן פון די פלאַנצן", ווייל „כדי אויפצודעקן די סודות פון די פלאַנצן מוזטו זיי אויך זייער שטאַרק ליב האָבן".

און טאָמער איז נאָך ווייניק די השערהדיקע געמיינזאַמקייט פון דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור — קומט צו גיין דער פּראָ־פעסאָר פון ביאָלאָגיע אין טעקסאַסער אוניווערסיטעט ד"ר לאָרנעס דילאָן מיט אַ נייער טעאָריע וועגן דער אָפּשטאַמונג פונעם מענטש, געבנדיק אַ טויט־קלאַפּ דעם דאַרוויניזם. אין זיין פּופּציק יעריקער ביאָלאָגישער פאָרשונג האָט ד"ר לאָרענס דילאָן צונויפגענומען אַלע באַווייזן אַז דער מענטש איז נישט מער ווי אַ פלאַנץ און שטאַמט אָפּ פון אַ ים־פלאַנץ וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען אַלגאָע. — —

מילא, לייכטער צו אָטעמען, אַ באַפרייטער פון דער מאַלפּע־שער געשפענסט — אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז ווייניק וואָס דו פאַרמאָגסט שוין די פּרעציזסטע אינסטרומענטן, די נאַטור־אוצרות ווערן נישט אַנטפּלעקט צו די וואָס האָבן זיי ממש נישט ליב מיט ריינער „מענטשלעכער" ליבע. —

די העכער דריי הונדערט זייטן פונעם בוך באַוועגן אונדז צו טראַכטן, פירן אונדז אַוועק מיט טיפער נאָסטאַלגיע אין די שטילע גרינקייטן פון גערטנער און פעלדער ווו אַלץ אָטעמט מיט פרישקייט, מיט בלי, מיט צייטיקייט. — — —

ווייל נאָר אין דער נאַטירלעכער האַרמאָנישקייט און צוזאַ־מענאַרבעט פון מענטש, בעל־חי און פלאַנץ — ליגט די גאַראַנטיע פאַר אונדזער מענטשלעכן קיום.

לייענסטו דאָס בוך „דאָס מיסטעריעזע לעבן פון די פלאַנצן" און מיט יעדער נייער אַנטדעקונג ווערט די מיסטעריע פונעם לעבן גרעסער קאָמפּליצירטער, סודותפולער. — — —

„החיים המסתוריים של הצמחים"
מאת פיטר טומקינס וכריסטופר בירד.

דער משל אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט

(אין 100סטן געבוירניאָר פון אליעזר שטיינבאַרג)

איינער פון די ביז גאָר אינטערעסאַנטע געביטן פון דער מענטשלעכער שאַפערישקייט איז בלי ספק דער משל.

די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט אין אייביקן קאַמף, אין שטענדיקע חלוקי־דעות, און אין תמידדיקן געראַנגל צווישן קעגנזאַצן. דער קאַמף אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז שטענדיק פאָרגעקומען צווישן יחידים און גרופּעס, צווישן מאַכט־האָבערס, וואָס האָבן געזוכט אויסצונוצן אַלע פּאַראַנענע מיטלען און פריווילעגיעס פאַר זיך און — צווישן דעם המון, וואָס האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן זיך געווערט. אָבער שטענדיק זענען געווען קלוגע הערשערס וואָס האָבן געוווּסט דעם כוח פונעם וואָרט; די שטאַרקע ווירקונגסקראַפט פונעם געזאָגטן און געשריבענעם וואָרט אויף דעם גערדאַנקען־גאַנג פונעם יחיד ווי פון דער געזעלשאַפט — האָט זיי באַאומרוייקט און די הערשערס האָבן געשטערט די קעמפערס פאַר אמת און גערעכטיקייט צו קומען מיט זייער וואָרט צו דער געזעלשאַפט. אָבער די קעמפערס האָבן געפונען אַ מיטל ווי אַזוי איבערצוכיטרעווען די הערשערס: מ׳האָט גערעדט וועגן חיות און פייגל און געמיינט די מאַכט־האָבערס. מ׳האָט „גערעדט צו דער טאָכטער און געמיינט די שנור״. מען האָט דערציילט וועגן לייבן, וועלף און פוקסן און געמיינט האָט מען די שטאַרקע, די אויסנוצערס, די צבועקעס.

אַזוי איז אַנטשטאַנען די פאַבל־קונסט, דער משל.

אין זעקסטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכענונג האָט אין לידיע, וואָס אין קליין־אַזיע, געלעבט אַ קנעכט מיטן נאָמען עזאָפּוס, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר דעם ערשטן אַלטערטימלעכן

מחבר פון די אַזוי גערופענע פוקסן־משלים. די דאָזיקע משלים האָבן געדינט פאַרן בעסטן דערציונגס־מיטל. ווערנדיק אָבער איבער־געגעבן פון מויל צו מויל — האָבן די משלים פאַרלוירן אַ סך פון זייער אורשפּרינגלעכקייט און ערשט שפּעטער זענען זיי געוואָרן באַאַרבעט פּאָעטיש אין גריכיש און אין לאַטיין. וואָס שייך עזאָפּוסן אַליין, ווערט דערציילט, אַז אים האָט געטראָפן עפּעס ענלעכס צו דעם וואָס עס האָט פּאַסירט מיט היינטצייטיקע אמת־זאָגערס אין דער ערשטער „סאָציאַליסטישער" מדינה. באַנוצנדיק עזאָפּוסעס שפּראַך האָט דער דאַמלסטיקער „אַלטער פוקס", דער קעניג פון לידיע, מסתמא צוליב ריינע „הומאַניטאַרע כוונות" געגעבן עזאָ־פּוסן אַ פּריוויליקע „קאָמאַנדיראָווקע" קיין דעלפּאָ, און דאָרט איז ער נאָך גרויסע „ספּאָנטאַנישע דעמאָנסטראַציעס" קעגן גאָט־לעסטערונג געוואָרן דערמאָרדעט דורכן אויפגעהעצטן המון. זעט אויס אַז „ווי עס גריבלט זיך, אַזוי רוסלט זיך". אָבער, בעת די „אויסגעצייכנטע מערדערס" פון עזאָפּוסן זענען שוין לאַנג גע־וואָרן פאַרגעסן, איז דער איינפלוס פון עזאָפּוס דעם קנעכט נישט פאַרלוירן געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. אַדאַנק זיין גוטן אינטער־פּרעטאַטאָר פּעדרוס, אגב אויך אַ קנעכט, וואָס האָט געלעבט אין ערשטן יאָרהונדערט און די משלים איבערגעזעצט אויף לאַטיין, האָבן עזאָפּוסעס משלים באַאיינפלוסט די גרעסטע קינסטלערס אין אייראָפּע ווי זשאַן לאַפּאָנטען דעם פראַנצויז, לעסינג דעם דייטש, קרילאָוו דעם רוס און לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי דעם איטאַ־ליענער. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די יידישע גאַס איז געוואָרן פאַר־כאַפּט פון דער דאָזיקער קונסט־פאָרעם און עס האָבן זיך באַוויזן יידישע משלים־שרייבערס, ווי ד"ר שלמה עטינגער, ר' מרדכילע, יהואש, נחום יוד, פישל בער ראַוויצקי, לייב אַליצקי, מאַניק־לעדערמאַן און איבער אַלעמען — אליעזר שטיינבאַרג.

דער העברעישער משלים־אוצר וואָס האָט זיין אורשפּרונג אין תנ"ך מיט די משלי יותם און אין מדרש, דערגייט צו דער העברעי־שער מיטלאַלטערלעכער דיכטונג און פאַרמאָגט אַ שלל מיט פוקסן־

משלים און אַנדערע. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי דער תנא רבי מאיר מיט זיינע 300 פוקסן־משלים, רבי יהושע בן לוי, ר׳ ברכיהו הנקדן, ר׳ יוסף אבן זאַבאַרא, י. ל. גורדון, דוד שמעוני און אַנדערע.

וועגן דער באַדייטונג פונעם משל האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט בזה הלשון: „דעם משל האַלט נישט פאַר גרינג. מיט אַ גראָשן־ליכטל זוכט מען אַמאָל אָפּ אַ פאַרלוירן גאָלדן רענדל אָדער אַ טייערע פערל און דורך אַ לייכטן פשוטן משל באַנעמט מען אַמאָל דעם טיפסטן געדאַנק״. (אגדה)

און דער יידישער פאָלקלאָר האָט געענטפערט אויף דער פראַגע פאַרוואָס האָט דער משל אַזאַ קראַפט — מיטן פאָלגנדיקן מעשהלע:

דער אמת איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען אין גאַס נאַקעט און הויל ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. האָט אים קיין שום מענטש נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב. ווער עס האָט אים באַגעגנט פלעגט פון אים, פונעם אמת הייסט עס, אַנטלויפן. און ווי דער אמת גייט אַזוי אַרום אין גרויסע צרות באַגעגנט אים דער משל און דער משל איז פאַרפוצט אין שיינע קליידער מיט פרעכטיקע פאַרבן. פרעגט דער משל דעם אמת:

— זאָג מיר, ר׳ קרוב, וואָס דרייסטו זיך אַרום איבער די גאַסן אַזוי דערשלאָגן?

ענטפערט אים דער אמת:

— שלעכט, ברודער, איך בין שוין אַלט און קיינער וויל מיך נישט קענען.

זאָגט דער משל:

— ניין, נישט דערפאַר וואָס דו ביסט אַלט געוואָרן האָבן מענטשן דיך נישט ליב. אָט בין איך אויך זייער אַלט און פונדעסטוועגן וואָס עלטער איך בין — אַלץ מער ליב האָבן מיך די מענטשן. נאָר איך וועל דיר פאַרטרויען אַ סוד וועגן די לייט. זיי האָבן ליב אַז יעדע זאַך זאָל זיין אויסגעפוצט און אַביסעלע פאַרשטעלט.

איך וועל דיר לייען אַזעלכע קליידער ווי מיינע און דו וועסט זען אַז מענטשן וועלן דיך אויך ליב האָבן.

האָט דער אמת געפאָלגט די עצה און זיך פאַרפּוצט אין משלס קליידער. זייט דאַן גייען אמת, און משל צוזאַמען. —

וואָס שייך דער פאָרעם זיינער, איז זי תמיד אַ פּאָעטישע. ער ווערט געשניטן, קאָנדענסירט, ציל־באַוווּסט און פאַרשפּיצט, און דאָס — כדי דער נמשל זאָל קאָנען ווערן קלאָרער, ליכטיקער, פאַרשטענדלעכער. אָנעם נמשל, — וואָס ער איז אייגנטלעך דער וויכטיקסטער מחותן אויף דער דאָזיקער ליטעראַרישער חתונה — האָט דער משל אַליין קיין שום ווערט נישט. אַלץ וואָס דער משל טוט איז נאָר כדי אַרויסצוברענגען זיין צד שכנגד — דעם נמשל. דער משל איז דערפאַר בדרך הטבע אַן עניו, אַ באַשיידענער, אַ פּשוטער עלעמענט, וואָס זוכט ביי יעדער געלעגנהייט אונטער־צושטרייכן אַז „איך אַליין בין גאָרנישט ווערט, — נישט מיך מיינט מען און נישט דאָס בין איך אויסן. דער עיקר איז ער מיין פריינד, וואָס שטייט דווקא צום סוף אין אַ ווינקעלע און מאַסקירט זיך דערווייל כדי נתגלה צו ווערן ווען עס וועט קומען די צייט — מיט גרויס פּאָמפּע". — — —

הייסט עס, אַז משל פאָדערט נמשל צוזאַמען — דאָס מעשהלע מיט אַ מאָראַל וואָס האָט פאַר אַ ציל צו דינען דער געזעלשאַפט און אויסצואיידלען דעם מין מענטש. דער משל וויל אויסוואָרצלען פונעם מענטשן דאָס איבערגעבליבענע אַזוי גערופענע חיהשע אין אים. דער קעמפערישער משל וויל עס דערגרייכן דורך אויפדעקן די פאַרבאָרגנסטע שוואַכקייטן פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער, דור־כן סאַטירישן שטאָך. און אָפט דורך אַ פריינדלעכן קלאַפּ אין פּלייצע: „פּעטער, מ'קען אייך!" און געהערנדיק צו דעם עלטסטן זשאַנער פון דער שרייבערישער קונסט, האָט זיך דער משל, אַדאַנק זיין אַלמענטשלעכן מהות, דערהויבן צו דער גרעסטער אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָפּולאַריטעט. — — —

לעצטנס פייערט די יידישע קולטור־וועלט דעם הונדערט יאָריקן

געבוירן־טאָג פון דעם גרויסן, אייגנאַרטיקן יידישן משלים־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג. עס איז נישט קיין ספק, אַז דער דאָזיקער נאָ־מען איז טיף פאַרקריצט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און פיל משלים זיינע האָבן אַפילו היינט, ביי די געענדערטע באַדינגונגען, נישט פאַרלוירן פון זייער פרישקייט און אַקטועלקייט. ווייל באַדינגונגען ווערן טאַקע אָפט געביטן, אָבער מענטשן און כאַראַקטער — נישט אַזוי אָפט...

מרדכי צאַנין — דער כוח פון גלויבן

„די מרידה פון מעזשיבאָזש" איז דער פערטער באַנד פון מרדכי צאַנינס היסטאָרישן ראָמאַן „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים". אין ערשטן באַנד א. נ. „ירושלים און רוים" ווערט געשילדערט דער פּראַכטפּולער, אָבער שווערער, וועג פון מלכות ישראל; אין צווייטן באַנד, „פּרעמדע הימלען" — דער גלות־וועג פון רוים ביז אשכנז. אין דריטן באַנד „ליבשאַפט אין געווייטער" ווערט געגעבן אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע פון ת״ח און ת״ט, די צייטן פון באָגדאַן כמיעלניצקי, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן חרוב צו מאַכן שוצלאָזע יידישע שטעט און קהילות. קומט איצט, „די מרידה פון מעזשיבאָזש", כדי אָפּצושפּיגלען אַן עפּאָכע אין יידישן לעבן, ווען די געפאַרן פון צעפאַלונג דראָען פון אינעווייניק, און נאָר אַדאַנק דעם טיף איינגעבוירענעם יידישן אָפּטימיזם — ווערט דאָס פאָלק געראַטעוועט אין די ליידן און שווימט אַרויס געלייטערט מיט פרישע כוחות צום ווייטערדיקן קיום.

מרדכי צאַנינס שאַרף אַנטוויקלטער קריטישער חוש צו דער אַקטועלער ווירקלעכקייט, העלפט אים זייער זיך צו דערווייטערן אין די טיפע לאַבירינטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיט שטאַרקן פלייס און אייפער פאַרטיפט ער זיך אין די נשמות און מעשים פון די אויפגעלעבטע העלדן; ער שפּירט זיי אויס און גייט זיי נאָך אין די פוסטריט, ער הערט זיך צו צו זייערע רייד, ער פילט אָפּ מיט זיי צוזאַמען יעדע וויי און יעדער פרייד. דעריבער קומען זיי אַרויס אַזוי לעבעדיק און עכט, אַזוי יידיש־נאָענט און מענטשלעך־אוניווערסאַל, אַז די אידענטיפיצירונג מיט זיי פאַרשאַפט נישט כמעט קיין ערנסטע שוועריקייטן דעם לייענער.

דעם הויפּט־העלד פונעם יידישן ראָמאַן, ד״ר אליעזר אַרטאַ־

פאַנוס, שטעלט פאַר דער מחבר שוין אין דעם ערשטן באַנד ווי דעם אייביקן ייד, וועלכער לעבט אין אַלע גילגולים פון דער יידישער געשיכטע. בעת אַ רייזע קיין ירושלים דערשיינט פלוצעם פאַרן מחבר אַ מאַן, וואָס בעט ביי אים אַ טרעמפּ. דער מאַן זעצט זיך נעבן אים אין אויטאָ און, באַוווּנדערנדיק די נייע ישראל־ווירקלעכקייט, זאָגט ער:

— אַלץ ענדערט זיך דאָ — נאָר דער קלימאַט און די שפּאַנונג בלייבן די זעלבע...

פון דעם שמועס דערוויסט זיך דער מחבר, אַז דער אומבאַקאַנטער מאַן שטאַמט פון די חשמונאים, אַז ער איז שוין אַלט אַן ערך פון צוויי טויזנט יאָר און אַז זיין שליחות באַשטייט אין שטענדיקן טראָגן די לאַסט פונעם גורל „אַן איבערייס, ביז דער קרייז וועט זיך פאַרמאַכן."...

אַזוי אַרום וואַקסט אויס אַרטאַפּאַנוס צו אַ מאָנומענטאַלער לעגענדאַרער פיגור, וואָס סימבאַליזירט דעם אייביקן יידישן וואַנדערער, צו וועלכן די געשיכטע האָט נישט שטענדיק געשמייכלט, אָבער שטענדיק זיך מיט אים גערעכנט.

די היסטאָריע פון דער וועלט איז גאָר אָפט געבונדן מיטן וועלט־פאָלק. דאָס יידישע פאָלק איז גאַנץ אָפט דער באַראָמעטער פון די ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע און קולטור־געשעענישן. יידישע איינוואַנדערונג איז אומעטום באַגלייט מיט אויפקום, מיט אויפשפּראָץ, מיט בליאונג. יידישע אויסוואַנדערונג — אַ צייכן פון וועלקונג, פון פאַרגיין.

דאָס צוזאַמענברענגען די צוויי צייט־סטאַציעס פון דער געשיכטע אויף דעם זעלבן געאָגראַפישן אויסגאַנגס־פּונקט אין ירושלים, האָט געגעבן דעם שרייבער מרדכי צאַנין די געלעגנהייט צו פאַרטיפן זיך איבערן ספּעציפישן יידישן גורל ווי אויף אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט אין די ראַמען פון ראַציאָנעלן אַרט דענקען און ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אין דער מדבר־געזעצמעסיקייט פון דער געשיכטע פון פעלקער — אין די ראַמען פון דער מיסטיק.

ווייל די דאָזיקע צוויי סתירות ליגן בעצם אין כאַראַקטער פון ד'עם אינדיווידֿ, ווי אין כאַראַקטער פונעם כלל. „דער מענטש טראָגט אין זיך אַ טייל פון דעם גהינום" — זאָגט ד"ר מאָנטאַלטאַ צו אַרטאַפּאַנוסן. ער ווערט מיט אים געבוירן און קען זיך פון אים נישט באַפרייען. פאַטאַליזם, גורלדיקס, וואָס שטייט העכער פונעם באַוווּסטזיין. מיסטיק, וואָס הויזט צוזאַמען מיטן ראַציאָ. אַלץ אינאיינעם: דאָס גרויסע רעטעניש, וואָס הייסט מענטש, פאָלק, וועלט.

אָבער פאַרשטייט זיך, אַז צאַנינען אינטערעסירט קודם כל דער יידישער גורל. ערגעץ ווען — אין זיין ערשטן גילגול — פירט אַרטאַפּאַנוס אַ שמועס מיטן רוימער יוליוס, דעם פאָטער פון פלאַוויא אַנטאָנינאַ, אין דער אָנוועזנהייט פון אפרים בן אליעזר. דער רוימער וואַרפט פאַר אפרימען:

— זייער אַ שווערער גלויבן, דער יידישער, און איר ווילט אַז אַנדערע זאָלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן?

ענטפערט אַרטאַפּאַנוס אָנשטאָט אפרימען:

— מיר ווילן בלויז אַז אַנדערע זאָלן אונדז לאָזן זיין ווי מיר זענען. גאָרנישט מער! — — —

אַ געדאַנק, וואָס דריקט פּולקאָם אויס דעם עצם מהות פונעם יידנטום. דאָס יידנטום, ווי דער מקור פון נאָך צוויי רעליגיעס — וויל בלייבן אומגעענדערט.

אָבער דער דאָזיקער פּחד פאַר דער מינדסטער ענדערונג האָט אין געוויסע היסטאָרישע תקופות אויפגעוועקט נישט געהאַ־מעוועטע אינסטינקטן. די שררה האָט אירע אייגענע וועגן און עס זענען פאַראַן שעהען אין דער געשיכטע, ווען דער ראַציאָ טרעט אָפּ פאַר דער רויער קראַפט. שווערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל פון מזרח אייראָפּעישן יידנטום. דער גרויסער בראָך פון דער שבתאי צבי־באַוועגונג האָט אָנגעפולט די הערצער מיט עצבות און וויי. דער פּאָליטישער מצב איז געווען נישט צום פאַרטראָגן.

אין דער דאָזיקער טרויעריקער תקופה פון אַנטוישטע האָפע־

נונגען, פון פאַרלווירענער אמונה אין די אייגענע כוחות, האָט זיך אין די יידישע ישובים באַוויזן אַ פרישע נגע — דער פראַנקיזם, וואָס האָט גענומען פרעסן לעבעדיקע שטיקער פונעם פאָלק און זיך דערקייקלט צו ווילדער סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט, צו אָר־גיעס און לסוף צו שמד. די געפאַר פון אונטערגאַנג האָט געלויערט אויף טריט און שריט. די עבודה זרה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט גורלדיקן פאַטאַליזם. די גויים האָבן אויסגעפילט די געפאַר פאַר יידישער עקזיסטענץ און צוגעלייגט אַ האַנט. דער פוילישער אַרכי־בישאָף ניקאָלאַי דעמבאָווסקי איז געוואָרן יעקב פראַנקס פאַטראָן און באַשיצער, און דער פוילישער קעניג אויגוסט דער דריטער פאַרזיכערט אים מיט אַן „אייזערנעם בריוו” קעגן דער סינאַגאָגע און קעגן די תלמודיסטן. די קריסטלעכע מאַכטהאָבער האָבן זיך געריבן די הענט פאַר פרייד: די יידישע „נישט־גלויביקע” צעלייגן זיך זעלבסט פון אינעווייניק. און בעתן באַרימטן רעליגיעזן וויכוח אין לעמבערג איז נישט פון קיין אַנדערן, נאָר דווקא פונעם מויל פונעם עוכר ישראל יעקב פראַנק געפאַלן דער שענדלעכער בלוט־בלבול אויף יידן: יידן באַנוצן אויף פסח בלוט פון קריסטלעכע קינדער! והא ראיה: דער וויין אויף פסח איז „יין אָדום” דאָס הייסט: „יין של אדום”.

אָבער „גאָט שיקט־צו די רפואה, פאַר דער מכה” — זאָגט אַ יידיש שפּריכוואָרט. דורך די טריבע בלייענע וואָלקנס שפּאַרט אַדורך אַ ליכטיקער שטראַל. לויט יוחנן טווערסקי — איז פאַראַן אַ באַשטימטער סימבאָלישער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם געבוירן־אָרט פונעם מענטשן, און זיין צייט. רב ישראל בעל שם טוב איז געקומען אויף דער וועלט אין אַן אָרט פון אַ גרענעץ און אין אַ צייט פון אַ גרענעץ (1700). ווען דער בעל שם טוב איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר איז פאַרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון פוילן, און טויזנטער יידן זענען געוואָרפן געוואָרן פון איין מלך צום צווייטן.

די חסידישע באַוועגונג איז געקומען ראַטעווען די גאַנצקייט און דערמיט דעם קיום פונעם פאָלק. זי איז אַראָפּ פון די הויכקייטן

מיט טיפע רעוואָלוציאָנערע אידייען, געבנדיק גלייכבאַרעכטיקונג אויך דער פרוי.

אין דער „מרידה פון מעזשיבאָזש" — אינעם פערטן גלגול פון דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס — איז אים באַשערט געווען אַריינגעוואָרפן צו ווערן אין דער דאָזיקער שטורמישער און זייער אינטערעסאַנטער עפּאָכע. מרדכי צאַנין האָט זיך פאַרמאָסטן צו שילדערן אַ תקופה אינעם יידישן לעבן, וואָס קען מיט רעכט פאַרעכנט ווערן צו דער „ערב גאולה"־צייט אין טיפערן זין פונעם וואָרט. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 42 קאַפּיטלער, און אויף 440 זייטן ברענגט מרדכי צאַנין אַרויס ביי אַ צוויי צענדליק פּער־סאָנאַזשן. מיט שטאַרקער פאַרב, מיט טיפן פּסיכאָלאָגיזם און מיט פיל מענטשלעכקייט וואַקסן אויס פאַר אונדזערע אויגן די אויפגע־לעבטע העלדן אויפן פאָן פון דעם מזרח אייראָפּעישן פּייזאַש, וועלכער איז, צום שטאַרקן באַדויערן, פאַר יידן פאַרשוווּנדן שוין אויף אייביק.

דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס באַזעצט זיך אין דער שטאָט בראָד, וואָס ווערט דורך דעם קיעווער אַרכיביסקופּ זאַלוסקי באַ־צייכנט אַלס „דער פּוילישער אַמסטערדאַם פון די יידן", און קריסטן רופן זי: „די יידישע הויפּטשטאָט". „אליעזר האָט דאַמלט געלעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, ווי אַ פּרוש, אַ בעל שם, וואָס גיט זיך נישט אויס" — „ער האָט זיך אַפילו נישט אויסגעגעבן, אַז ער איז געניט אין חכמת הרפואה" — זאָגט צאַנין — הגם ער איז שוין דאַן געווען דער שטוב־דאָקטאָר פון גראַף פּאָטאָצקי.

אָבער גלייך נאָכדעם ווי אַרטאַפּאַנוס האָט חתונה מיט זעלדען, וויל ער מאַכן זיין ווייב פאַר אַ חסידה און אַנטפּלעקט פאַר איר זיינע מחשבות. און ווען ער קלערט איר אויף, אַז גאָט וויל די כוונה פונעם מענטש און נישט די ווערטער פון די תפילות... זאָגט זי צו אים:

— „רעד, רעד, ס'איז מיר גוט צו הערן די ווערטער. זאָגסט

עס אַזוי זיס, אַז מען דאַרף עס גאָרנישט פאַרשטיין. עס גיסט זיך אַליין אַריין אין האַרץ״.

— „דאָס איז חסידות״ — האָט אליעזר געפּליסטערט — — — —

די תורה פונעם בעל שם טוב ווערט דורך דעם רבין ר׳ בעריש אויסגעטייטשט זייער פּשוט:

„אהבת ד׳ און אהבת ישראל״. „וואָרים דער בורא עולם האָט די וועלט באַשאַפן אין אהבה און ער האָט זי איבערגעגעבן צום מענטש, די אהבה״. „אין אהבה איז יצירה״. און דער בעש״ט האָט געלערנט: „מיט עצבות און סגופים קען מען נישט דינען צום בורא עולם. נאָר מיט ליבשאַפט און געזאַנג דינט מען צו אים״.

די חסידישע באַוועגונג איז בלי ספק געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג פון שטאַרקער אינערלעכער פּאַטענץ. דער פּשוטער פריילעכער לעבנס־שטייגער, די דבקותדיקע טענץ פול מיט יוגנטלעכער התלה־בות און עקסטאַז האָבן געפּלאַסטערט דעם וועג צו דעם פּשוטן פאָלק, צו דער אָרעמקייט, צו עמך. און דער געדאַנק פון שיבת ציון האָט אַפילו אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו באַשעפטיקן די מוחות. טאָג איין טאָג אויס האָבן יידן געטראָגן אויף די ליפּן „ותחזנה עינינו בשובך לציון״ און געדולדיק געוואַרט אויף דעם נס פון דערלייזונג. דער חסידיזם פון בעש״ט האָט אָנ־געגאָסן מיט פרישן פריידיקן מוט, מיט טיפן גלויבן אין נצח ישראל. די שכינה וואַנדערט־מיט מיט די יידן אין גלות, אָבער נישט ווייט איז דער טאָג ווען מען וועט זיך צוריקקערן אין הייליקן לאַנד. יוחנן, דער מלמד פון אליעזרס קינדער, דער מקובל, זעט זיך מיט זיינע גייסטיקע אויגן „אין צפת״ — דאָרט אין ארץ ישראל. אויף דער הויכקייט, וואָס איז צום נאָענטסטן צום הימל, איז די תשוקה פונעם הימל צו דער ערד אַזוי גרויס — אַז ווען עס פאַלט־צו דער שבת, קען מען הערן דאָס געזאַנג — דעם שיר המעלות לדוד״.

אין „דער מרידה פון מעזשיבאָזש״, פונקט ווי אין אַלע פריי־ערדיקע בענדער, צייכנט מרדכי צאַנין זיך אויס מיט זיין שפּראַכ־לעכן קאָלאָריט. פונקט ווי אין דער מאָלעריי־קונסט, אַזוי אויך

אין דער שרייבערישער קונסט האָט די פאַרבן־שפּיל זייער פיל צו זאָגן. מיין איך נישט די פּערזענלעכע אינטערפּרעטאַציע פונעם קינסטלער־מאָלער, וועלכע דריקט זיך אויס אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאַרב, וואָס איז באַליבט ביי דעם מאָלער. איך האָב דווקא אין זינען די קלאַסישע אָנגענומענע קאָלירן, וועלכע זענען כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער געגעבענער קליידונג, מעבל און אַנדערע געברויכס־זאַכן פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפט אין אַ באַשטימ־טער עפּאָכע.

די יידישע שפּראַך האָט זיך געפונען אין אַ פּערמאַנענטער דינאַמישקייט, וואָס האָט וואונדערבאַר אויפגעכאַפּט און אַסימילירט אין זיך די אַרומיקע וועלט און מרדכי צאַנין האָט מיט טיפער איבערצייגנדיקער אינטואיציע אויפגעכאַפּט די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דער יידישער שפּראַך. מיט גרויסער ווירטואָזיטעט האָלט צאַנין אויף דעם ספּעציפישן שפּראַך־קאָלאָריט פון יעדער תקופה, כדי אַזוי אַרום איבערצוגעבן די שטימונג און דעם אַראָמאַט פון אַט דער קאָלירפולער צייט.

מרדכי צאַנין איז געבענטשט מיט עטלעכע מוזעס, וועלכע העלפן אים צו אין דער רעאַליזאַציע פון דעם גוט פאַרטראַכטן יידישן ראָמאַן. זיין שרייבערישער מעטאָד איז דער עכט קלאַסישער. ער באַזיצט גאָר אָנגענעמע פּאָעטישע נאַטור־שילדערונגען, שטי־מונגספולע פּייזאַזשן.

„...די פאַרנאַכטיקע זון האָט זיך אָוועקגעלייגט איבער די שאַרפן פון די שטאַרק משופּעדיקע דעכער, געדעקטע מיט שטרוי און מיט שינדלען און די דעכער ביסלעכוויז אָנגעצונדן מיט גאָל־דענע קאַלטע פלאַמען. צעטשוויטערטע שוואַלבן האָבן זיך ווינטיק געיאָגט אין אַ לופטקרייז, זיך אַרויסגעבראָכן פון דעם לופט־קרייז, אַראָפּגענידערט צו די מתפּללים מיט אַ צוויטש־צוויטש און קונ־דייסיש צוריק אַריין אין קרייז ווי אין אַ ווירבלדיקן טאַנץ. אַ ריח פון פרישע הושענות האָט זיך פאַרבייגעטראָגן...״

„...ווען די רויטע קאַרשן גליען אַראָפּ פון די ביימער, די געלע

באַרן באַדעקן זיך מיט ראָזלעבער שעמעדיוּוקייט און די עפּל שמעקן מיט בענקשאַפט נאָך דעם וואָס איז געווען און איז פאַרלאָפן. —״

ווּנדערבאַרער אויסדרוק, עקספּרעסיוו אַדורכגעשפּינט מיט לייכטער סוררעאַליטעט.

מיט פּאַסטאָראַלער טיפער נאָסטאַלגיע שילדערט מרדכי צאַנין דעם שבת.

„דער הימל איז ציכטיק, אויסגעקערט פון יעדן וואָלקנדל און די בערעזעס מיט זייערע הויכע ווייסע העלדזער, ציען זיך אַרויף, ווי אָנגעקנוילטע זיילן פון ווייסן רויך וואָלטן איינגעשלאָפן אין דער מיט פון אויפהייבן זיך פון דער ערד און זענען געבליבן אין געשלאָף...

„דאָס איז די שטילקייט פון שבת — האָט דער פאָטער געזאָגט כמעט פּליסטערנדיק — אַזוי שטיל איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט אין דעם זיבעטן טאָג ווי דער באַשעפער האָט געהאַט פאַרענ־דיקט שאַפן די וועלט״.

שטאַרק זענען אויך די שילדערונגען פון די תקיפים און זייערע באַדינער. מיט בולטער אַנטיפּאַטיע און אָפט מיט לייכטער איבער־געטריבנקייט (דער חלום פון ר׳ שמעלקען), צייכנט זיך אויס די פיגור פון ר׳ שמעלקע דער מרא דאתרא און עס קומט אינגאַנצן אָן זייער לייכט צו וויסן מיט ווּעמען דער מחבר חברט זיך. צאַנינס שפּראַך אין אַן עלאַסטישע, מיט טראָפּנס דינעם הומאָר און לייכטער סאַטירע. לייענענדיק פילט מען אָפט אַ לייכטן שמייכל אין די אויגן פון מחבר הן פון אַן אייגענעם גוטן פילאָזאָפישן געדאַנק און הן פון אַ געלונגענעם פיין געשניצטן דיאַלאָג.

נאָכן איבערלייענען מרדכי צאַנינס „די מרידה פון מעזשיבאָזש״ שווימט ווידער אַרויף די אַלט־נייע פראַגע : וואָס איז לעטראַטור — פאַרווייַלונג, אָדער אַ שליחות ? קונסט לשם קונסט, אָדער קונסט מיט טענדענץ. ווי עס זאָל נישט זיין מוז מען זאָגן וועגן די טענדענצן און אידייען פון דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס, אַז זיי האָבן דורך דער פעדער פון מרדכי צאַנין דערגרייכט אַ הויכן קינסטלערישן

תיקון. אין דעם לעצטן (ביז איצט) בוך פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן שילדערט פאַר אונדז צאַנין דעם אויפקום פון דער חסי־דישער באַוועגונג אַלס די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן. דער מחבר פון „דער מרידה אין מעזשיבאָזש" באַזיצט די אייגנשאַפט פון שטאַרקער איבערצייגונג. על אחת כמה וכמה אין אונדזער צעריסענער ווירקלעכקייט, וועלכע פאַרלאַנגט אַ טיפערן און ערנסטן כוח וואָס זאָל אונדז געגעזן און צוריק אַרויפפירן אויפן ריכטיקן וועג, ווי עס האָבן דאָן באַוויזן דער בעש"ט און זיינע נאָכפאָלגער.

דער עסייאיסט און זיין מעדיום

נעמענדיק אין האַנד אַריין דאָס בוך עסייען פון שמעון קאַנץ וואָס טראָגט דעם נאָמען „כח פון אות״ — האָט מיר די אַסאָציאַציע גלייך אַרויפגעבראַכט אַ פראַגע: פאַרוואָס נאָר פון אות? צי וואָלט דען נישט פיל גלייכער געווען אָנצורופן דאָס בוך „כח פון וואָרט״? כ׳האָב געפרווט אויסצוגעפונען דעם באַשייד און געקו־מען צום באַשלוס אַז די סיבה ליגט אָוודאי אינעם טיפן אונטער־באַוווסטזיין פונעם מחבר. אָבער דאָס טאָוועלע פונעם בוך מיט די געציאָצקעטע יידישע אותיות, געמאָלן מיט עכט־יידישן חן דורך דעם קינסטלער משה בערנשטיין — האָט מיר גלייך אויפגעקלערט דאָס רעטעניש: דער נאָמען „כח פון אות״ וויל באַזונדערס מיט שטאָלץ אונטערשטרייכן דעם כח פונעם יידישן אות וואָס האָט זיך אַזוי בשפעדיק צעשפרייט איבער לענדער און קאָנטינענטן, צעטראָגנדיק דאָס מעבטיקע געזאַנג פון יידישער דערהויבנקייט און יידישן שטאָלץ צווישן פאַרגאָפטע אומות העולם. דאָס אות איז דאָך געווען פריער פאַרן וואָרט און ערשט מיטן וואָרט איז די וועלט געוואָרן באַשאַפן. —

און שמעון קאַנץ האָט אַ נטיה צו זען זאַכן פאַרהוילענע פאַרן פשוטן מענטשלעכן אויג, האָט די פעאיקייט פון לייענען דאָס וואָס איז געשריבן צווישן די שורות און אַזוי נעמט ער אויף די סאַמע טיפסטע און פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען פון מחברים און „דערגאַנט דעם באַשייד פון רעטענישן וואָס ליגן אויף יענער זייט פון ראַציאָ־נעלער דערקענטניש״. די לעצטע ווערטער האָט שמעון קאַנץ געשריבן אין אַן עסיי וועגן אברהם סוצקעווער אָבער איך האַלט אַז זיי פּאַסן גענוי אויך פאַר שמעון קאַנץ אַליין.

דער כח פון אות איז דערשינען מיט עטלעכע וואָכן צוריק

און גליַיך פאַרכאַפּט דעם אויבן אָן אין דער אַלגעמיינער קריטיק פון די צייטונגען און זשורנאַלן. עס איז געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע לייען־מאַטעריאַל אין אַלע אינטעליגענטע יידישע קרייזן נישט רייד־נדיק וועגן די יידישע שרייבערס, פּאָעטן און זשורנאַליסטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. דער „כח פון אות" האָט אַלעמען פאַרכאַפּט און אַרויסגעשטויסן פון דער טאָג־טעגלעכקייט.

די יידישע ווירקלעכקייט פון נאָך דער גרויליקער שחיטה איז פאַרפלייצט מיט ליטעראַרישע ווערק פון אַ באַשטימטן כאַראַקטער. דער גרויסער וווּקס פון דער זכרונות־ליטעראַטור איז נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון נאָסטאַלגיע, נאָר איז אַ נאַטירלעכע שפּראָץ פון דער טיפער דערשיטערונג וואָס דער יידישער שרייבער האָט אַדור־כגעמאַכט אינעם גרויזאַמען דריטן חורבן. עס איז גאַרנישט לייכט זיך צו באַפרייען פון דער אָנגעזאַפּטער מענטשלעכער טראַגיק און וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון דער צייט — אַלץ טיפער און שאַרפער ווערן די קאָנטורן, אַלץ רעליעפער ווערן די בילדער און אַלץ שטאַרקער פילן מיר אָפּ אונדזער אומגליק.

אונדזער עפּאָכע שטייט אונטערן צייכן פון געוואַלדיקן טעכנישן וויסן און פון אומגעהויערער פאַרפולקאָמונג פון קאָמפּליצירטע אַטאָמישע מאָרד־מכשירים — פּאָדערט זיך בכן פון אונדז אַלעמען צו פאַרטראַכטן, צו לערנען און צו וואָרענען זיך און וואָרענען די גאַנצע וועלט פאַר מענטשלעכער גרויזאַמקייט און גלייכצייטיק טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט פונעם „האָמאָ סאַפּיענס" צו הערשן איבער דער אייגענער פרוכט פון זיין יצירה. — — —

די יידישע זכרונות־ליטעראַטור גיט איר צושטייער און העלפט מיט אין דער דאָזיקער וואָרנונג — לאָזט אונדז נישט פאַרגעסן בבחינת זכור את אשר עשה לך העמלק!

און פאַראַן נאָך אַ אינטערעסאַנטע דערשיינונג אין דער יידי־שער נאָך־מלחמה ליטעראַטור: דאָס אויפשפּראָצן פון דער פּאָעזיע און דאָס מיטן פולן באַוווּסטזיין וועגן דעם ביז גאָר געקליבענעם ענגן לייענער קרייז. די סיבה? מעגלעך אַז דער קורצער אָטעם

און בליציקער געדאַנק פֿאָדערט אָפּט אַ גיכע פֿאַרפּיקסירונג אָדער אפשר איז דאָס אַ מין „דווקא״ אַ צו להכעיס דער טרוקן-פּראָזאישער צייט אונדזערער.

יעדנפֿאַלס אויך אין דער פּאָעזיע פֿילט זיך אָפּ די באַדערפֿעניש צו לאָזן הערן דאָס אייגענע קול וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט און פּרווּון צו געפֿונען אַ באַשייד פֿונעם יידישן טראַגישן גורל. עס איז אַ מין תּפֿילה פֿאַר דער עילוי פֿון די נשמות פֿון די נאָענסטסטע וואָס זענען מער נישטאָ — עס איז אַ באַדערפֿעניש צו לאָזן אַ טרער. —

אויך די פּראָזע האָט פֿאַרנומען אַ גאָר בכבֿודיק אָרט אין דער נאָך-מלחמה ליטעראַטור אָבער די טעמאַטיק נעמט אַרום ברייטע פּעריאָדן פֿון פֿאַרגאַנגענעם לעבן ווייל די פּראָזע פֿאָדערט אָפּט גאַנצע, פֿאַרטיקע פֿאָרמען וואָס שאַפֿן צוזאַמענגענומען דאָס גאַנצע בילד. און די רעסטאַוראַציע פֿונעם יידישן אָרגאַניזם נאָכן חורבן — קומט אָבער צום באַדוויערן פֿאַר זייער לאַנגזאַם.

אין איין געביט איז די יידישע נאָכמלחמה ליטעראַטור געווען אינגאַנצן הינטערשטעליק: דאָס געביט פֿון עסייאיסטיק. די אַמאָליקע באַרימטע ליטעראַטור קענער און קריטיקער ש. ניגער, נחמן מייזל, ש. ראַפּאַפּאָרט — זענען אַוועק אין דער אייביקייט — עס איז געבליבן אַ מין ליידיקער רוים און קיינער האָט זיך נישט געיאָגט עס אויסצופֿולן. עס האָט זיך געשאַפֿן אַפֿילו אַזאַ מאָדנע לאַגע אַז שרייבער האָבן אָנגעהויבן צו צווייפֿלען אין די אייגענע כּוחות און אַפֿילו גענומען צווייפֿלען אין דער עקזיסטענץ פֿון אַ יידישער נאָך-מלחמה ליטעראַטור. איז געקומען דער שרייבער און זשורנאַליסט שמעון קאַנץ, אַן אָנגעלאָדענער מיט טיפֿן וויסן, מיט אַ ברייט-אַנטוויקלטן קוק אויף דעם ליטעראַרישן וועלט-האָריזאָנט בכלל און אויף אונדזער ליטעראַריש-יידישן וועלטל בפֿרט — און מיטן „כּח פֿון אות״ אָפּגעלייקנט די גאַנצע דעקאַדענטישע שטימונג און זעלבסט-פֿאַרלייקענונגס טעאָריעס און מיט זיין וואַ-

רעם־ליבלעכן וואָרט אַריינגעבלאָזן אַ פרישן לעבעדיק גייסט אין אונדזער יידישער גייסטיקייט.

דאָס בוך „כח פון אות" פאַרמאָגט 365 זייטן און איז איינגעטיילט אין פיר טיילן: א) פּאָעזיע; ב) פּראָזע; ג) פון דער העברעישער ליטעראַטור; ד) פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. און שמעון קאַנץ מאַכט אַ שפּאַציר איבער די פיר טיילן און וויקלט פאַר אונדז פונאַנדער אַ פיל־פאַרביקע לייוונט געמאָלן מיט וווּנדערבאַרע ווערטער־בלומען, באַפּוצט און באַצירט מיט עכטע נאַטירלעכע קאָלירן. וואַקסן טאַקע אויס ווי אין אַ גוט געבוויטער ברעסטאַמאַטיע, פולבלוטיקע לעבעדיקע געשטאַלטן וואָס טראָגן אין זיך די געטלעכע פונקען פון פּאָעזיע און פּראָזע, פון שטילער מעדיטאַציע און טיפן פילאָזאָפישן געדאַנק. שמעון קאַנץ גייט מיט זיי אַלע מיט און זיין שאַרף אויג כאַפּט אויף די דינסטע נשמה־ווינקעלעך. און דוכט זיך אַז ער פילט אַליין נישט ווען שרייבנדיק וועגן אַ דיכטער־פּאָעט פּראָזע־שרייבער אָדער הוגי דעות — ווערט ער אַליין אַ שותף צו זייער שאַפן מיט אַלע שרייבערישע רעכט און מיט אַלע שרייבערישע פליכטן. שמעון קאַנץ ווערט אַזוי אַרום אַן אמתער מיטשעפער וואָס גיט צו פרישן לעבעדיקן בוי־מאַטעריאַל, וואָס לעבט אויף און באַפרוכפּערט אַ געדאַנק, וואָס אינטערפּרעטירט, אַנטוויקלט און באַרייכערט. ווייל ביי שמעון קאַנצן איז די עסייאיסטיק אַ לעבנס־באַדערפעניש, אַ מין קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, וואָס פאָדערט און מאָנט זיינע רעכט און אָן וועלכעס עס איז אים ממש שווער צו אָטעמען. אָבער אין דער צייט ווען טייל קריטיקערס נוצן אויס זייער רעכט כדי אָראָפּצורייסן, אָפּצושטויסן און אַנטמוטיקן — איז די קריטיק ביי שמעון קאַנצן אַ מיטל אויף אונטערהאַלטן, דערנענטערן, קרעפטיקן און מוטיקן. דורך דעם עסיי שילדערט שמעון קאַנץ די אינערלעכע וועלט פונעם שרייבער און בעת ער זוכט אין אים די גוטע פּאָזיטיווע שטריכן — דערהויבט ער זיך אַליין צו ווּנדערלעכע מענטשלעכע הייכן צו וועלכע נאָר יחידי סגולה קענען זיך דערהייבן.

עטלעכע קורצע אילוסטראַציעס פונעם גרויסן שלל בילדער, וועלן אפשר באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דעם פריער געשרי־בענעם. שמעון קאַנץ אַנאַליזירט די ווערק פון 17 פּאָעטן צווישן וועלכע עס פיגורירן די נעמען פון אברהם סוצקעווער, יעקב צבי שאַרגל, איציק מאַנגער און היינריך היינע. פון די 21 באַהאַנדלטע פּראָזאַיקער געפונען זיך מענדעלע מוכר ספרים, מרדכי צאַנין און יצחק באַשעוויס־זינגער. פון דער העברעאישער ליטעראַטור ציטירט ער 10 נעמען צווישן וועלכע ער שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויף דב סדן, יצחק אורפּז און דעם רמב״ם. באַזונדערס שיין אין פאַרבן־רייך איז די אָפּטיילונג פון דער אייראָפּעאישער ליטע־ראַטור, אין וועלכער שמעון קאַנץ שווימט אַרום לייכט ווי אַ פיש אין וואַסער. מיט גרויסער באַהאַוונטקייט און קאָמפּעטענטקייט אין דער אַלגעמיין־וועלטלעכער פּראָבלעמאַטיק, ווערן דאָ באַהאַנדלט די ווערק פון די גרעסטע וועלטלעכע דענקער און פילאָזאָפן. מאַקיאַוועלי און מאַרטין בובער שפּאַצירן דאָ אַרום צווישן אַ „יאַפּאַנישן ראָמאַן פון מיט טויזנט יאָר צוריק״, „גאַנדיס תלמי־דים״ טרעפן זיך דאָ מיט „יידן אין גאָרקיס ווערק״, און „יידישע מאַמעס״ פון אייראָפּעאישע שרייבער באַגעגענען זיך מיט „יידן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור״.

איבערלייענענדיק דאָס בוך „כח פון אות״ קען מען זיך לאַנג נישט באַפרייען פון דער שטימונג און פון די גוטע כוונות וועלכע שמעון קאַנץ האָט בשפעדיק צעשאָטן איבער די 365 זייטן. דער אויסוואַל פון די באַהאַנדלטע מחברים און פּראָבלעמען איז זייער אַ געלונגענער און איז לגמרי נישט קיין צופעליקער. דאָ קען מען אומבאַדינגט באַנוצן דאָס באַקאַנטע שפּריכוואָרט: „זאָג מיר מיט וועמען דו חברסט זיך און איך זאָג דיר ווער דו ביזט״. בעת דער דערציילער־נאָוועליסט רעדט צו דעם לייענער דורכן מויל פון זיינע העלדן — רעדט דער עסייאיסט צו דעם לייענער דורכן מויל פון זיין אויסגעוויילטן שרייבער. היינריך היינעס געשטאַלט דינט דעריבער שמעון קאַנצן פאַר אַ ווונדערבאַרן מעדיום. אינעם דאָזיקן

קורצן עסיי ווערט געשילדערט דער גרויסער־טראַגיקער פון אַלע ציַיטן — דער ייד וואָס האָט זיך געטויפט און זיך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו באַקלאָגן. דער מענטש וואָס האָט טייער באַצאָלט פאַר זיין שטאַנד — האָט קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן אַז ער איז אַ ייד — אַ געקרייציקטער ייד. איז דען דאָס נישט קיין וואָרערונג פאַר אַלע די וואָס מיינען אַז מען קאָן אַנטלויפן פון זיך דורך אַסימילאַציע? „אָן געזאַנגען און אָן קדיש — וועט מען מיך צום קבר טראָגן" — האָט היינריך היינע אויסגעזונגען אויפן טויטן בעט און די אַקטועלקייט צעוואַקסט זיך אין יעדן דור באַזונדערס ווען די געטלעבקייט הויבט אָן זיך צו פאַרשטעלן פאַרן פאָלק ישראל. —

וואָס איז אַלזאָ די אַלגעמיינע טענדענץ וואָס פלעכט זיך אַדורך ווי אַ רויטער זיידענער פאָדעם אינעם גאַנצן בוך? עס שיינט מיר אַז שמעון קאַנץ זעט דאָס יידנטום אַלס אַ באַזונדערע העכערע פאָרעם פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט. שפּאַצירנדיק איבער די פאַרוויקלטע שטעגעלעך פון דער וועלט־ליטעראַטור — זעט ער דעם מערקווירדיקן יידישן איינפלוס און ער מערקט אָן אויף דעם ספּאָנטאַנישן אויפשפּראָץ פון יידישע מאָטיוון גאַנץ אומדערוואַרטעט און אַפילו אונטערבאַוווסטזיניק. ווייל דער פערזענלעכער אַבסאָ־לוטער אמת שטייט גאַנץ אָפּט אין קעגנזאַץ צו דעם שרייבערישן אמת וואָס איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקער מלבוש. דער פּער־זענלעכער אמת ווערט אַנטפּלעקט אָפּט צופעליק ווי זיך אַליין אויף צו להכעיס און אָפּט אַפילו קעגן אייגענעם אָפיציעלן ווילן. — — —

שמעון קאַנץ מעדיטירט איבער די דאַזיקע יידישע און אַלגע־מיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען וואָס פאַרכאַפּן אַלץ מער די מוחות פון דער גייסטיקער עליטע פון דער וועלט אין דער לעצטער צייט. ווייל דאָס מערקווירדיקסטע אין אונדזער יאָרהונדערט פון קאָלאָ־סאַלער אַנטוויקלטער טעכניק — איז דאָס אַרויפשווימען אויף דער שכלדיקער אויבערפלאַך פון ראַציאָנאַלן דענקען — דער גרויסער

פראַגע־צייכן פון נישט־ראַציאָנאַליטעט, פון פראַגן פון באַשאַף, פון קאָסמישער נעפּלהאַפּט, פון התגלות פון דעם העכערן כוח.

איז דעריבער זייער געווונטשן צו לייענען די עסייען פון שמעון קאַנץ כדי צו באַרייכערן אונדזערע איינדרוקן, געפילן און מחשבות איבער וועלט, מענטש און זיין גייסטיקער שאַפונג.

די פּאָעזיע פון יעקב צבי שאַרגעל

דער באַרימטער ענגלישער שרייבער און דראַמאַטורג סאָמער־סעט מאָהעם האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אָריגינעלע און דרייסטע געדאַנקען וועגן דער ליטעראַטור און וועגן שרייבער. אין זיינע פיל בענדיקע ווערק איז סאָמערסעט מאָהעם אַליין שטענדיק געווען דער הויפּט העלד ווייל ער האָט געהאַלטן אַז עכטע ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן איר אייגענעם באַשעפער.

די דאָזיקע מיינונג קען געפונען איר פולע באַשטעטיקונג באַזונדערס אין דער פּאָעטישער קונסט.

ווייל אויב אין דער פּראָזע שטעלט אַריין דער שרייבער אין דער ליטעראַרישער אַקציע פאַרשיידענע מענטשלעכע כאַראַקטערן מיט זייער קעגנזעצלעכער פילפאַרביקייט — באַהאַנדלט די פּאָעזיע מערסטנטייל שטימונגען, נשמה צושטאַנד, איינדרוקן און געפילן, פאַרהערונג און פאַרלוימדונג, אַנטוישונג און האָפענונג, לוסט און אַפּאַטיע, פרייד און טרויער, האַס און ליבע — פון דעם פּאָעט אַליין. און וואָס שטאַרקער עס זענען די אויסדרוקס־מיטלען און וואָס שטאַרקער דער טאַלאַנט — אַלץ בולטער, אַלץ טיפער, אַלץ עכטער קומען די דאָזיקע געפילן צום אויסדרוק.

נאָר דער שרייבערישער מעדיום וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך פאַרשיידענע וועגן, ווערט אָבער געשטאַלטיקט דורך צוויי הויפּט גורמים: פּסיביק און אומגעבונג. צוויי עלעמענטן וואָס קענען זיך קעגנזייטיק באַווירקן. ווייל פּסיביק מיינט: אָבסעוואַציע, אַנאַליטישע פעאיקייט, אָביעקטיווע אָפּשאַצונג, זכרון. און אומגעבונג מיינט: אומרו, שטענדיקע באַוועגלעכקייט, פּערמאַנענטע אַגרעסיע. די שרייבערישע מענטאַליטעט קומט אין באַרירונג מיט דער אויסער־

לעבער וועלט פון וועלכער זי ווערט באַווירקט און וועלכע זי וויל אויך באַווירקן. פון דעם דאָזיקן קעגנזייטיקן איינפלוס איז אָפּהענגיק די שעפערישע אַקטיוויטעט פונעם קינסטלער.

דערפון דרינגט אַרויס אַז די קונסט, דער גייסטיקער אויסדרוק פון דער קולטור קען נישט אויפקומען ווי אַ יש מאין אלא קען בליען און אַנטוויקלען זיך בלויז אויפן באָדן פון אַ געזעלשאַפט מיט אַ קולטור טראַדיציע. —

די דאָזיקע געדאַנקען זענען ביי מיר אויפגעשווימען בעת איך האָב גענומען בלעטערן די לידער ביכער פון דעם גאָט־גע־בענטשטן משורר יעקב צבי שאַרגעל. שוין די ביכער־טיטלען אַליין הויבן אָן אויף דעם לייענער מיט וווּנדערלעכער פּאָעטישער סימ־באָליק. „אין בלויען ליכט" — „פון ווי און גלויבן" — „זוניקע שוועלן" — „טויערן אין די בערג" — „האַרבסטיקע טרויבן." — וואָלט איך די אַלע פּאָזיציעס פאַראייניקט אין איין אַלגעמיינער מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע ווענס לייט־מאָטיוו וואָלט געלויטעט: די פּאָעזיע פון נאַטור און דערהויבנקייט.

„אין אַלע בערג זענען דאָ טויערן, טירן, גענג
„און אין מיינעם — אויך.
„האָט אַ רויטע לבנה פון שלאָף מיך אויפגעריסן
„און אַריינגעפירט אין אַ טויער — מיט כוח".

אַזוי עפנט אויף יעקב צבי שאַרגעל זיינע „טויערן אין די בערג" און עס דוכט זיך אייך אַז דאָס האָט זיך צעזונגען אַ יינג פאַרחלומט בחורל אין אַ זומערדיקער לבנה נאַכט, ווען ער מאַכט דורך זיין ערשטן וואַנדער אין בענקעניש און אין טרוים. באַלד וועט ער זיך געפונען „אויף אַ שטעג אַ שמאָלן", ווייל „אויף די וועגן פון חומש וואָס דער רבי האָט מיך געפירט".

„האָבן דאַמלט זיך געעפנט אָט די טויערן".

די אונטערבאַוווסטזיניקע „שערי רחמים" האָבן אין שאַרגעלס קאָנטעמפּלאַציע באַקומען דעם ריכטיקן עקוויוואַלענט אין יידיש. יעקב צבי שאַרגעל גלויבט הייס אינעם מענטשן אַלס דער לעצטער

פראָדוקט פון דער געטלעכער שאַפונג און דערביי איז ער צופרידן „וואָס ער איז שוין וואַך און גייט נישט אַליין!"

און אויך פון דעם וואָס ער ווערט „באַגלייט מיטן געוויין פון די געבליבענע אין וועג און פון לאַנגאַניקן חלום".

און יעקב צבי שאַרגעל קען חלומען און האָט ליב צו חלומען. ער חלומט אָפילו אָפטמאָל אויף דער וואָר און ער איז פול מיט בענקשאַפט, מיט נאָסטאַלגיע נאָך פאַרגאַנגענע צייטן, נאָך דער יוגנט־צייט וואָס איז פאַרשוווּנדן.

מיט טיפן צער און געפיל אינעם ליד „פון אַמאָל", רופט ער אויס: „ווי שפּאַנט מען ווידער מיט חלום צום טראָן?"

ווייל דאָס זענען שטימונגען מענטשלעכע פון וועלכע קיין שום אמתער דיכטער איז נישט באַפרייט.

דעם גרויסן טרויער צום אַמאָל זינגט שאַרגעל אויס אין ליד „אַ פּלי טאָן קיין דאָרט".

„האָסט געזען ווי עס פאַרגייט אַ דאָרנקוסט אין טראָגן?
„האָסט געהערט מיין ברכה, די ברכה פון מיין ליד וואָס עס זינגט
„פון מיר אַרויס מיין טאַטע, דער געשאָכטענער ייד,
„צום בוים וואָס קיינמאָל אין זיינע ד' אמות נישט געשטאַנען;
„לאָז מיך אַ פּלי טאָן קיין דאָרטן
„צוריק צוקומען צו דיר געלייטערט"...

אָבער אַ פאַרגעטערונג פון אַמאָליקן יידישן לעבנס שטייגער גיט ער אינעם ליד „שטיינער פון דערמאָנונג".

„נאָר איבער אַלץ דער טאַטע מיט זיין שבתדיקן ניגון
„וואָס שטראַלט אַרויס פון מיין יעדן דערמאָן.
„פון די טענער אויסגעברענטע עפר ואפר
„איז מיר געבליבן פון ציגעלע דער טאָן..."

און דער דאָזיקער טאָן באַגלייט דעם דיכטער זיין גאַנץ לעבן אומעטום. ער וויל זיך אָפילו פון אים נישט באַפרייען — להפך, ער קלויבט זיך צו צו אָט דעם טאָן אַלע מאָל נייע רייד,

נייע ווערטער. ווייל יעקב צבי שאַרגעל זעט נישט קיין חלוק צווישן אַמאָל און היינט. ער איז בלויז ממשיך, ער פּרוווט מיט עפּעס וואָס פאַרווירקלעכן דעם אייביקן חלום פון זיינע זיידע־באָבעס, טאַטע־מאַמע. ווייל דער באַגריף פון צייט ווערט אָפט מטושטש, מיר זענען פאַקטיש אַ שטויבעלע, אַ פּינטעלע אין דער אייביקייט כאָטש אָפט האָט דער מענטש די שטרעבונג צו „זיין גרויס ווי דער אומענד". און שאַרגעל אַ געשוווירענער נאָסטאַלגיסט האָט אָבער אויך אַ געוואַלדיקן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט. ער האָט ליב דעם היינט, ער האָט ליב די ישראל־לאַנדשאַפט, די נאַטור, דעם הימל און די שטערן, דעם ים, די זון און לבנה, די בערג און טאָלן, די גראָזן און ביימער.

דער נאַטור ליבשאַפט ווידמעט שאַרגעל אַ סך לידער. פול מיט רחמים איז זיין תפילה ליד:

„גאָט, שטראָף נישט די בלום
„דיין זוניק פייער לאָז נישט פאַלן אין גאַנצן אויף איר!"

אָפטמאָל טרעפט אַז דער מענטש, דערגרייכנדיק דאָס אויסגעבענקטע ווערט אַנטוישט ווייל די ווירקלעכקייט איז נישט שטענדיק אַזוי ווי זי ווערט אויסגעחלומט. ביי יעקב צבי שאַרגעל מערקט זיך אַ פונקט פאַרקערטע דערשיינונג. יעדע פאַרווירקלעבונג פון חלום — פאַרשטאַרקט נאָך זיין גלויבן, פאַרפעסטיקט די אויסגעבענקטע וואָר. שאַרגעל שפּאַצירט איבער די ברייטקייטן פונעם מדבר באַגייסטערט און געשטאַרקט און אַזוי זינגט ער אויס אינעם ליד „אין סיני":

„כ'בין דיין גאַסט און דיין אייביקער גייער,
„דיין אומענד האָט מיך תמיד געשראָקן
„צו וואַרפסטו נישט אַ נעץ פאַר מיינע פיס.

אָבער:

„מיין האַרץ ווערט צעשטאָכן פון דיינע שטראַלן
„און רופט מיך צוריק צו דעם חומש". — — —

יעקב צבי שאַרגעלס טעמאַטיק איז רייך און פאַרשיידנפאַרביק.

פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פּאָרן זיך און פלעכטן זיך צענויף אין איין פאַרביקן געוועב וואָס הייסט: יידישקייט. און היות שאַרגעל איז בטבע אַ אָפּטימיסט — איז די צוקונפט במילא פאַרזיכערט. דערפאַר לייענענדיק די שורה פון יעקב צבי שאַרגעל, פילן מיר אָפּ די קראַפט און די שיינקייט פון יידישקייט, דערפאַר ווערן מיר באַאיינפלוסט פון דער פשטות און גלייכצייטיקער טיפקייט פון די באַרירטע פּראָבלעמען. דערפאַר ווערן מיר אָנגעפולט מיט גלויבן אין דעם גורל פון אונדזער געראַכטן קאַמף.

קענסטו זיך איצטער לאָזן מיטן שמאָלן שטעגל, פאַרמאַך הינטער זיך דעם לעצטן טויער אין די בערג און זאָפּ אַריין אין זיך די ליבשאַפט צו דער נאַטור וואָס עס האָט אַזוי ברייטהאַרציק מיט טיפער דערהויבנקייט אויסגעטיילט פון זיך אַ עכט יידישער דיכטער.

אַבאַ גאָרדין — דער מענטש פון כולו רוחניות

אנוש כחציר ימיו
כציץ השדה כן יציץ —
(תהילים קג)

די צייט ווישט אָפּ געפילן, איינדרוקן, שוואַכט אָפּ די פאַרבן. מענטשלעכע פּנימער שווימען פאַרביי און פאַרשווינדן אין דער אומענדלעכקייט. פאַראַן אָבער געזיכטער וואָס קריצן זיך איין אין זכרון, אַ סיטואַציע וואָס בלייבט פאַרפיקסירט, אַן עפּיזאָד וואָס ווערט פאַרקילט אין שטיין.

אַ זייטיקע רויִקע גאַס אין רמת גן, דער צווייטער שטאָק, אַ מיניאַטור־קליינע צוויי צימערדיקע וווינונג. אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר, אומדרייסטע דערוואַרטונג אין אַ נישט פאַרזאָגטן וויזיט. אויף דער שוועל אַ צעשטראַלטער אויסרוף:

— אַ, קומט אַריין! זעצט אייך!

אַבאַ גאָרדין אין זיינע אַרבעטס־קליידער: אַ לייבעלע, שטעקשיך, שטרייף־הויזן, אויפן קאָפּ אַ לייכט פּליאַזשע־היטל און אין האַנט אַ גריפיל פון אַ ראַלעקס־פעדער.

— צי שטער איך אייך נישט? איך זע אַז איר האַלט אין מיטן דער אַרבעט.

— ס׳מאַכט נישט אויס! ס׳מאַכט נישט אויס!

די דאָפּלטע פאַרזיכערונג מאַכט מיך דרייסטער.

— כ׳האָב שוין לאַנג זיך געקליבן צו אייך איז אַפילו איך שטער אייך קען איך אָבער ניט רעזיגנירן פונעם פאַרגעניגן צו כאַפּן מיט אייך אַ שמועס.

— זייער אָנגענעם זאָגט אַבאַ גאָרדין. זיין מילד געזיכט

פֿאַרציט זיך אין אַ שמייכל. וואַרפֿט ער אַראָפּ דאָס פּליאַזשע־היטל און עס ווייסלען זיך אָפּער לענגלעכע האָר וואָס זוימען אַרום זיין קאָפּ.

די פֿרעמדקייט צעשווימט זיך, עס דאַכט זיך אַז מיר קענען זיך שוין יאָרן־לאַנג כאָטש מיר באַגעגענען זיך איצט צום ערשטן מאָל אין לעבן.

אינעם צימערל אַ טיש, אַ פּאָר שטילן, לענג אויס דער וואַנט טאַבורעטן. איך פּאָר מיט מיינע אויגן איבער די ווענט. קיין שום זאַך וואָס קען ציען אויפֿמערקזאַמקייט. צוקאָפּנס פֿון בעט — אַ שמאָל נאַכט־טישל מיט אַ שטיילאָמפּ. אויפֿן טישל צוויי קליינע ספֿרימלעך, איין ספֿרל איז האַלב אָפֿן — אַ תהלימל.

אַבאַ גאָרדין רייסט מיר איבער מיינע געדאַנקען:

— איר וווינט אין חיפֿה אין קרית אליעזר, וויפֿל שעה רייזע האָט איר?

— אַ שעה צוויי.

— דאָ אין לאַנד הייסט עס שוין גענוק ווייט. מיר האָבן דאָ אַלע שבת־צו־נאַכטס צוזאַמענטרעפֿן, שמועסן. אָט טאַקע דאָ ביי מיר אין צימער. איר זעט אָט די טאַבורעטלעך? דאָ נעמען מיר זיך צוזאַמען אויף אַ רעפֿעראַט. עס איז אַ ביסל ענג אָבער אָנגענעם. ווי זאָגט דער רוס: „ווּ טיעסנאָטיע — נאָ ניע וו אָבידיע”... און פּלוצעם הייבט ער זיך אויף, כאַפּט זיך אַז ער שטייט אין בלויזן לייבעלע, פֿאַרשווינדט אויף אַ ווײַלע אין קיך און באַווייזט זיך אין אַ שפּאָגל־נייַ העמד.

— זייט מוחל, זאָגט ער ווי דרך אגב, אַ שמייכלענדיקער, אין אַמעריקע וואָלט איך זיך געמוזט מער רעכענען. דאָ פֿיל איך זיך ווי אַן אייגענער. אַ ניי־געבוירענער.

— אוויראַ דישראל... — וואַרף איך צו ווי דרך אגב.

— יאָ, יאָ! — באַשטעטיקט אַבאַ גאָרדין, די לופֿט פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ קראַפֿט, עפּעס אַן אומזעבאַרע און אומפּאַר־

שטענדלעכע קראַפט, דאָ זעט מען גאַנץ אָפט זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלייכטונג.

— צי מיינט איר דערמיט אויך אויסצובעסערן איצטער אייער אַמאָליקן פּראָגנאָז וועגן „יידישקייט אין ארץ־ישראל" ?

אַבאַ גאָרדין שטעלט אָפּ אויף אַ ווײַלע זיין בליק, אפשר צוליב דער אומגעריכטקייט פון דער פראַגע, אפשר צוליב אַ פּאַסיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן ענטפער.

— מיין מיינונג אַז די בלויזע גרענעצן פון דער מדינה פאַר־זיכערן נישט דעם קיום פון יידישקייט — האָט זיך דווקא נאָך מער באַפעסטיקט. יידישקייט באַדייט אַ סך, אַ סך מער. דאָס וואָס אונדזערע נביאים האָבן געשאַפן אין ארץ ישראל — איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער קולטורעלער וועלט. דאָס איז טאַקע יידישקייט! און כדי דער קיום פון דער דאָזיקער יידישקייט זאָל האָבן אַן המשך דאַרפן די גרענעצן פון מדינת ישראל זיין אָפן פאַר דער וועלט. — זאָגט אַבאַ גאָרדין מיט זיין כאַראַקטע־ריסטישער רוּיִקייט און זיכערקייט פון טאָן.

— דאָס איז אַ מין מאָדערנער „ציוניסטישער אוניווערסאַ־ליזם" וואָס קען צוציען יידישע אינטעלעקטואַלן פון דער גאַנצער וועלט — פּרוביר איך רעזומירן זיינע געדאַנקען. נאָר אַבאַ גאָרדין פאַרלויפט מיר דעם וועג:

— איך שאַף נישט קיין שום נייע טעאָריעס, איך באַגנוגן זיך מיט דעם פרייהייטלעך סאָציאַליסטישן געדאַנק, מיטן יושר און גערעכטיקייט פון אונדזערע נביאים. די געדאַנקען פאַלן דאָ אין ישראל אויף אַ גוטן באָדן. זעט ווי די „פּראָבלעמען"־„פּרובלי־מות" קאָנצענטרירן ערנסטע דענקער און באַגאַבטע שריפטשטע־לער און אויך די לייענער פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג.

— אייער פּיאָנערישע אַרבעט אין ישראל איז באַגריסונגס־ווערט. באַזונדערס איז געוואָגט אייער אַרויסגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש און העברעיש. דער נאָמען אליעזר שטיינמאַן איז ממש אַ

צירונג פאַר די „פּראָבלעמען" — זאָג איך און אַבאַ גאָרדין אין זיך מתנצל שטיל ווי אַ קליין אומשולדיק קינד.

— די אַרבעט איז גאָר נישט לייכט. אָפּטמאָל טראַכט איך אַז אַ שרייבער דאַרף שרייבן בלויז אויף איין שפּראַך. דאַן קען ער זיך קאָנצענטרירן שטאַרקער, טיפער און זיך פאַרפּולקאָמען. מיר דוכט זיך אַז כ'האָב געפּטרט כוחות אויף שרייבן אין פיר שפּראַכן. (אַבאַ גאָרדין האָט געשריבן פּערפעקט אין רוסיש, ענגליש, יידיש און העברעיש) און אַבאַ גאָרדין ווייזט מיר אַן עטלעכע קלאַסערן:

— דאָ זענען פאַראַן מיינע שריפטן וואָס זענען געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן און זענען נאָך נישט אַרויס אין קיין בוך־פאָרמאַט. ווער ווייסט ווען דאָס אַלץ וועט געמאַכט ווערן. און צי וועט עס בכלל געטאָן ווערן? איך אַרבעט 12 שעה אין טאָג, אויסער די „פּראָבלעמען" שרייב איך אויך אין דער אַמע־ריקאַנער פּרעסע, גיב אַרויס בראָשורן אין העברעיש, און זעץ איבער פאַרשידענע מאַטעריאַלן. חוץ דעם שרייב איך נאָך עפּעס־וואָס צוזאַמען מיט מיין ברודער. אָט אַזוי, זעט אויס, דאַרף מען זיך אָנהאַרעווען ביז מען גייט אַריין אין דער „אייביקייט". כאָטש איך האַלט אַז דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר דער אַרבעט. דער „בזיעת אפך תאכל לחם" איז בלויז אַ צייטווייליקייט. די צוקונפטיקע באַשעפטיקונג פונעם מענטשן וועט זיין בלויז אַ גייסטיקע. אַ לייכטער שווייגן. די לעבהאַפטיקייט אינעם בליק זאָגט עדות אויף שפּאַנונג, בליציקייט פון געדאַנק.

— חבר גאָרדין, בעת איר זאָגט פאַר די צוקונפט — הייסט עס דאָך גורל, נויטווענדיקייט, באַשטימטעס. איז דאָס נישט אַ דאָזע פון מעטאַפיזיק?

— במילא קען דער מענטש נישט אַלץ באַגרייפן. נישט כדאַי זיך צו פאַרנעמען מיט איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען ווען עס זענען פאַראַן אַזוי פיל נאַטירלעכע אין דעם לעבן פונעם פּרט ווי פונעם כלל. דער מענטש איז מסוגל מיט זיין מוח צו באַרירן פיל פּראָבלעמען און ער שאַפט יעדן טאָג אַ יש מאין. אָבער

מען דאַרף נישט, לויט מיר, שטעלן קיין סך פּאַרוואָסן. מען קען גאָר נישט אויפקלערן און דער סוד וואָס רינגלט אַרום די בריאה פונעם ערשטן באַשאַף — וועט אייביק בלייבן פאַרהוילן און עס איז אויך נישט נייטיק עס אויפצוקלערן.

— איך פאַרשטיי אַז אייך גייט אין דעם באַרימטן עקספּערי־מענט פון פיזיקער הייזנבערג מיטן פּראָזשעקטאָר וועלכע צעשטערט די גאַנצע סטרוקטור בעת מען וויל מיט אים באַלויכטן דעם עלעק־טראָן — וואַרף איך אַריין — דאָס איז אַזוי צו זאָגן, אַ געוויסע זעלבסטשוץ פונעם לעבעדיקן עצם, כדי נישט אויסצוגעבן דעם סוד פון זיין קיום.

אַבאַ גאָרדין הערט רוייק אויס, אויפן שטערן צייכנט זיך אַ טיפער קנייטש. אַנטשלאָסן:

— עס איז נישט נויטיק. אַלץ לעבט זיך מיט זיין לעבן אין דעם דאָזיקן זונען־סיסטעם, ביי די פּאַראַנענע באַדינגונגען איז נישט נוטיק און עס איז נישט מעגלעך צו דערגרונטעווען ביזן יסוד.

פאָטערלעכע ווייכקייט אין דער שטים מיט טיפער איבערצייגונ־גס־קראַפט, אויף די ליפּן דער שטענדיקער גאָרדינישער שמייכל:

— נו, מיר האָבן זיך עס אַ ביסל פאַרגאַלאָפּירט. מען וואָלט איצט געקענט שמועסן און שמועסן.

און פּלוצלינג מיט פיל ענערגיע:

— אַ שאָד וואָס איך וווינט אַזוי ווייט פון אונדז. און וואָס האָט איר געבראַכט פאַר דעם צוקונפטיקן נומער „פּראָבלעמען״? אייערע רעפּאָרטאַזשן מאַכן אַ זייער גוטן רושם.

דער גאָרדינישער קאָמפּלימענט שמייכל מיר זייער.

— אייערע ווערטער פאַרפליכטן מיך. כ׳וועל אייך צושיקן די וואָך מיט דער פּאָסט. אייער אכסניה פאַרשאַפט כבוד יעדן שרייבער.

אַ יאָר שפּעטער, אין 1964, טרעף איך גאָרדינען אין בעט אַ קראַנקן. פון קיין שפּיטאָל וויל ער נישט הערן. אַ דאָקטאָר שטעלט פעסט: אַנגינאַ פּעקטאָריס אָבער אַבאַ גאָרדין נעמט נישט קיין רעצעפּטן. ביינאַכט לאָזט ער קיינעם ניט פאַרבלייבן. שטאַרקע

גייסטיקייט ווערט פון איינזאַמקייט נישט באַווירקט. אַבאַ גאָרדין קוקט איבער די צייטונגען, דאָס געזיכט זאָגט נישט קיין עדות אויף זיין קראַנקייט. אַ לייכטע פאַרב שפּילט אין זיינע באַקן, רווייקע קאָנצענטרירטקייט רוט אין זיין בליק. דער שטענדיקער גאָרדי־נישער שמייכל וואַנדערט איבער זיינע ליפּן.

ווען אַבאַ גאָרדין איז אַלט געווען זעקס יאָר — האָט מען אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן — הייסט עס אַז איצט, ביי זיינע אַכט און זיבעציק יאָר, האַלט דער גייסט אונטער דעם קערפּער און ער וועט לעבן אַזוי לאַנג ביז ער אַליין וועט וועלן.

אין צימערל הויערט אַ שטילקייט, אַ פּיל־זאָגנדיקע אָבער לייכטע שטילקייט .אַבאַ גאָרדין קוקט נאָך אַלץ איבער די צייטונ־גען און איך לייען עפּעס אין אַ זשורנאַל. איך וויל מיט אַ כיוון אויסמיידן אַ געשפּרעך. נאָר פּלוצעם הויבט זיך אַבאַ גאָרדין אויף, גייט צו צום ביכער־שאַנק און שלעפּט אַרויס אַ סעריע ביכער פון זיינע שריפטן:

— דאָס איז פאַר אייך אַ מתנה.

זיין שטים איז שטיל, קלאָר און ווייך. איך פיל זיך שולדיק אין זיין אומרווייקייט אָבער איך ווייס נישט ווי עס אויסצודריקן.

— חבר גאָרדין, איר טוט זיך אַליין אַן עוולה. זייט מוחל.

— נו, נו, ס׳וועט מיר גאָר נישט געשען. קיין שום אויסערגע־וועגלעכס.

און דער אייביקער שמייכל האָט זיך ווידער צעשפּילט אויף זיינע ליפּן.

דאָס איז געווען אונדזער לעצטע באַגעגעניש.

יוסף לודען — אויף די פּראָנטן פון לעבן

דאָס בוך פון יוסף לודען „די פּראָנטן פון לעבן" איז אָנגעפּיקעוועט מיט איבערלעבענישן, וואָס נעמען אַרום אַן עולם ומלואו און שוין פון די ערשטע בלעטער אָטעמט עס מיט דער שטימונג פון מוראדיקן חורבן: „אַ שווידער גייט דורך איבערן לייב. די אויגן זוכן, ווו זענען זיי, די מאַרק־יידן, די היטל־מאַכערס, די קרעפּטיקע בעלי עגלות, מיט זייער פּראָסטן לשון, די קרעמערס פון גראָשנדיקע פּרנסות? די זעלבע געסלעך, די זעלבע הייזקעס, אָבער אָן אַ היימישן שמייכל און ער, יונה, אַ נישט היגער אין זיין אייגענעם שטעטל"...

אַזעלכע און ענלעכע פּראַגעס זענען אייגנטלעך שוין נישט איינמאָל געשטעלט געוואָרן דורך שרייבער, וואָס האָבן געשילדערט דאָס שטעטל. דורכן מויל פון פאַנדרע האָט נאָך מיט 50 יאָר צוריק זלמן שניאור געפרעגט: „ווו זענט איר אַצינד, דעמבענע יידן, איר באַלעגאָלעס, קצבים, נאָסקע־טרעגערס, ליימער, זעגער?"... אָבער זלמן שניאור האָט געשילדערט בלויז דאָס פאַרשווינדן פון אַ געוויסן קלאַס יידן און זייערע ווערטן און אין יענע שווערע עקזיסטענץ־פאַרהעלטענישן זענען די פּראַגעס אויפגעשווומען ווי אַ טייל פון דער הוויה פון יידישן לעבן. ביי יוסף לודען רייסן זיך אַרויס די דאָזיקע פּראַגעס ווי בלוטיקע אויסגעשרייען אין אָנבליק פון גרויזאַמסטן חורבן: „נישטאָ קיין ייד אין דיין שטעטל. נישטאָ דיינע עלטערן. דיין וועלט איז אונטערגעגאַנגען. וואָסזשע האָט דיך געטריבן אַהער? צו וועמען ביסטו געקומען? צו די שטומע קברים פון דיין נעכטן?"

אויפן פאָן פון די שווידערלעכע כמיעלניצקי־פּאָגראָמען האָט שלום אַש געבויט זיין דערציילונג „קידוש השם" און פאַרענדיקט

מיט דעם בילד פון שלמהלעס אומקערן זיך אין זיין געבורט־שטעטל. ער, דער איינציק־געראַטעוועטער זוכט דאָרט שפּורן פון זיין אויסגעמאָרדעטער משפּחה. צווישן די אָנגעפּאָרענע גויים אויפן יאַריד דערזעט ער פּלוצעם אַן אַלטן יידן, דעם פאַרשטעלטן למד־וואָווניק, שטיין ביי אַ ליידיק געוועלב און בעט אַריין יידישע קונים. שלמהלע פרעגט אים: „אייער געוועלב איז דאָך ליידיק. וואָסזשע פאַרקויפט איר?" דער אַלטיטשקער ענטפערט: „איך פאַרקויף בטחון!" פאַר שלום אַשן האָט זיך די יידישעווירקלעכקייט אַנטפּלעקט ווי יריעות פון אַ ספר־תורה. די גרויסע מיסטעריע פון דער יידישער געשיכטע האָט זיך פאַר אים געעפנט מיט גרויסער אמונה און די הימלען איבערן יידישן שטעטל האָבן זיך געצויגן לאַנג און ברייט, ערגעצווו אַהיימצוקומען אויף שבת. „דאָרט ווו ס'איז דאָ אמונה, איז גאולה" — זאָגט אַשס גאָסטינינער רבי. פאַר אַשן האָט די יידישע ווירקלעכקייט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמונה. אַמאָל איז פאַר אים דאָס שטעטל געווען אַ פרומע צניעות־דיקע כלה וואָס בענטשט שבת־ליכט, אַמאָל אַ מאַמע, וואָס טוליעט אים צו זיך ווען זיין נשמה איז טרויעריק און ווישט אויס די טרערן פון זיינע אויגן. אין שטעטל זענען דאָמלט אַרומגעגאַנגען יידן ווי אין ירושלים פראַנק און פריי מיט שטריימלעך, שיך און זאָקן, מיט פּיאות און ליולקעס. איבער יוסף לודענס שטעטל וויינען די הימלען. אומקערנדיק זיך אַהין טרעפט ער מער נישט קיינעם, וואָס זאָל פאַרקויפן בטחון. זיינע פראַגעס ווערן געשטעלט אין דער פולשטענדיקטער פוסטקייט. מיט יונהס אויגן קוקט ער אין דער ווייטסטער ווייטקייט פון יידישער עקזיסטענץ און עס באַווייזט זיך נישט פאַר אים דער מינדסטער שטראַל, וואָס זאָל אַרויסרופן אַן אילוזיע און זאָל שאַפן די בריק צו אמונה, צו ווייטערדיק שטרעבן, צו לעבן.

דעריבער לויפן טאַקע אַלע ליניעס פון לודענס דערציילונג צום אויסגעלאָשענעם, צו רעזיגנאַציע: „ווי קען איך נאָך דעם חורבן ווייטער לעבן?"

סצענע ביי סצענע אַנטוויקלען זיך אין דאָזיקן בוך די געשעע־נישן און אַלע דעקן זיי אויף דעם אָפּגרונט פֿון אונטערגעגאַ־נגענעם יידישן לעבן. עס טויכן אָבער אויף אויך טונקעלע העראָישע בילדער און מיטאָמאָל ווערט ישראל, וואָס איז פֿאַר אים אַמאָל געווען אַן אַבסטראַקטע בענקשאַפֿט, אַ סענטימענט, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער יידישער לעגענדע מער ווי מיט יידיש היימ־לאַנד. איצט ווערט ישראל די אַספּיראַציע גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן אין האַרמאָניע מיט זיין גאַנצן וועלט־באַנעם.

די שפּראַך פֿון יוסף לודען איז אַ לייכטע און פּליסיקע, די מחשבות וועבן זיך אַריין אינעם נאַראַטיוו, זענען אינעווייניק, אין געוועב פֿון די אויטענטישע פּאַסירונגען, אין וועלכע דער שרייבער בלאָזט אַריין אַ לעבעדיקן אָטעם.

משה יונגמאַן — וואָרצלען

וועגן דיכטערישער שאַפונג זענען שוין אָנגעשריבן געוואָרן הונדערטער ביכער וועלכע אַנאַליזירן פון אַלע זייטן און פון אַלע אַספּעקטן דעם מהות פון דער דאָזיקער, פון גאָט געבענטשטער, קונסט און איר איינפלוס אויפן מענטש.

איינס פון די עלטסטע און באַרימטסטע ביכער וועגן פּאָעטישער קונסט איז בלי ספק „די פּאָעטיק פון אַריסטאָ", וואָס שטעלט פעסט אַז „די ליריק איז דאָס געזאַנג וואָס דריקט אויס די פּערזענלעכע געפילן פונעם פּאָעט" און אין דער געניויער באַשרייבונג פונעם שרייבערישן פּראָצעס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט פאָלגנדיקס: „נאָכן אויסוויילן אַ געוויסע געשעעניש פאַר זיין שאַפונג — און ס'איז נישט קיין אונטערשייד צי דאָס איז אַ מיטאָס, געשיכטע אָדער קעגנוואַרט — נעמט זי דער שרייבער אַרויס פון דער אומגעבונג די א. ג. „ווירקלעכקייט", ווייל געוויינלעך קומען פאַר פאַרשיידענע געשעענישן גלייכצייטיק אָן אַ סדר און אָן שום צוזאַמענהאַנג. דאַן רייניקט דער שרייבער אָפּ די געשעעניש פון די אומצאָליקע, אומנוצלעכע קלייניקייטן, לעבט זי אויף אין זיין מחשבה, שטעלט זי אַוועק פאַר זיינע אויגן, רעדאַקטירט אויפסניי די געשעענישן, אָבער ניט אַזוי ווי ער וויל נאָר אַזוי ווי עס איז מחייב דער סיפּור המעשה, לויט די אַנטוויקלענמערישע געשטאַלטן און לויט די געזעצן פון דער שרייבערישער קונסט". —

גאָלדענע ווערטער. אמת, אין די צייטן פון אַריסטאָ איז נאָך דער קינסטלער געווען פריי פון די קייטן פון דער טעכנישער אַנט־וויקלונג. נישט געווען קיין ראַדיאָ, נישט קיין טעלעוויזיע און דאָס לעבעדיקע קול פונעם שרייבער און דאָס געשריבענע וואָרט זיינס האָבן געהערט צו די פאַרהייליקטע און מעכטיקע מעדיומס. דער

קעמפּעריישער טייל פון דער שיינער ליטעראַטור, די משלים־ליטעראַ־טור, וואָס איז אין יענע צייטן געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט, האָט מיט גרויס דערפּאָלג פּאַרטרעטן דעם מאָדערנעם פּובליציסטיש זשורנאַליסטישן זשאַנער. קאָן מער דעריבער טאַקע פרעגן: צי האָבן די דאָזיקע גאָלדענע ווערטער, פאַרצייכנטע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אויפגעהיט זייער פרישקייט?

מיר דוכט זיך אַז די דאָזיקע באַהויפּטונג קאָן דינען ווי אַ פּרוביר־שטיין פון דער עכטקייט פון דער דיכטערישער יצירה אויך אין אונדזערע טעג.

באַוואָפנט מיט דעם דאָזיקן אלף־בית — בין איך אַוועק זיך איינצובייסן אין דער דיכטונג פון משה יונגמאַן — אַ לערער און אויפזעער איבער העברעישע שולן אין ישראל און אַ דיכטער פון יידישער פּאָעזיע. ערשט נישט לאַנג האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס אַכטע בוך לידער און באַלאַדן א. נ.: „מיין טאַטנס פּרנסות". שוין דער אומבויגזאַמער ווילן געפּאַרט מיט עכט־יידישן גלויבן אין נצח־יידיש איז ווערט צו ווערן באַגריסט. ווער שמועסט אַז אונדזער קאַנטשאַפט און פריינשאַפט גרייכט שוין אַ יאָר צוואַנציק. נאָך ווען איך האָב סעקרעטאַרעוועט אין חיפהער יידישן לייען־קרייז א. נ. פון פּינסקי—לייוויק מיט מענדל זינגער בראש — האָב איך געלאַדן די חברה שרייבערס פון „יינג־ישראל" אויף אַ באַגע־געניש און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. די שפּעטערדיקע אַפילו גאָר זעלטענע באַגעגענישן האָט אונדזער פריינדשאַפט נישט גע־מינערט. כ'האָב מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפּאָלגט משה יונגמאַנס שווונג. ער האָט זיך לייכט געהויבן אויפן ליטעראַרישן לייטער. און אויב מען זאָל פאַרגלייכן דעם שאַפונגס־דראַנג ביי דעם דיכ־טער צו דעם גרינס וואָס שפּאַרט אַדורך אַ פעלזיקן באָדן — וועט אונדז ווערן פאַרשטענדלעך דער שעפערישער לעבנס־וועג פון משה יונגמאַן וואָס האָט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אין עלטער פון ניין יאָר און דעביוטירט אין קיעוו אין יאָר 1940, אַ צייט ווען זיין געבוירן־אָרט — פּוילן איז שוין געלעגן אין חורבות און די

וועלט איז שוין געשטאַנען אונטערן צייכן פו געשפּענסטיקן האַקנ־קרייץ. די דאָזיקע אומאָפּהענגיקע אינדיווידואַליטעט פונעם דער־וואַכנדיקן יונגען פּאָעט האָט, ווי אַ „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו", געשטרעבט צו באַקומען איר אויסדרוק. און דער שניט פון משה יונגמאַנס פעלד איז אַ גאַנץ בכבודיקער: אַכט ביכער, וועמענס טיטלען אַליין קלינגען שוין ווי אַ פיינע פּאָעטישע סימפאָניע וואָס רעגט אָן די פאַנטאַזיע און גיסט אָן דאָס געמיט מיט נישט געשטילטן נייגער. נאָך די ערשטע העקטאָגראַפירטע לידער „הגדה של פסח" קומען טאָרף־לידער „אין הינערפלעט" און דערנאָך „אין שאָטן פון מולד", „ווייסע טויערן", „שמייכלען פון ארץ הקודש", „רעגן־בויגן צוקאָפּנס", „אין לאַנד פון אליהו הנביא" און לסוף: „מיין טאַטנס פּרנסות".

משה יונגמאַן זינגט אין דער שטיל, בענוה. אָבער זיין קול דממה דקה דרינגט אַריין טיף אין דער נשמה און באַוועגט אונדז מיטצוגיין מיט אים פוס־טראָט. מיר קאָנען נישט פאַרבלייבן אין קאַלטן גלייכגילט ווייל מיר ווערן מיטגעריסן מיטן טרויער בעת ער עפנט אויף זיין פנקס וואָס איז: „פול באַלאַדן מיט יידן, זומער־דיקע, ווינטערדיקע, גייענדיקע אין לאַנגע שורות צו יאַרידן אַהיים קומענדיקע ביים סוף וועג..." אָדער ווען: „אַ לעבל ברויט אויף דעם ברעג פון טיש דערוואַרעמט די גאַנצע וועלט..." (ווייסע טויערן). אומקערנדיק זיך פון צייט צו צייט צו דער פאַרגאַנגענ־הייט ווען ער האָט זיך געוואַלגערט אין שנייאיקע טייגעס פון סיביר, רופט ער אויס:

„וואָרקוטע — אויג אויף טייגע — קום שטאַרבן מיט מיר"...

ווייל:

„גראָז וועט ניט וואַקסן מער אונטער הימלען פון זינט כ'האָב
דיך דערזען"...

און אין מינוטן פון יאוש:

„פירט מרי צוריק קיין וואָרקוטע. לאָזט מיך זיך נאָך אַ מאָל
אויסגליטשן און אַוועקשווימען אין אייגענעם בלוט"...

„דאָ ענדיקט זיך אַלץ מיט יעדן זיפץ פון בוים"...
„לבנה פליט אַרויס פון הענט ווי אַ נאַסע זעג"...

אַ טרער לאָזט ער פאַלן אויך איבער די „טויטע ביכער" פון די פאַרשניטענע יידישע שרייבער: „מיר האָבן אים גערופן האַפשטיין... מאַרקיש, בערגעלסאָן, מיר זעען זיי היינט ווידער מיט קלאַנגען, בילדער צייט, זוכן דעם וועג צו אונדז פון הינטער קריעס אייז..."

און געשפּאַנטע אינעם וואָגן פון משה יונגמאַנס געמיט — פילן מיר פּלוצעם אָפּ די וואַרעמע שמייכלען פון ארץ הקודש, פונעם לאַנד וואָס שטייט אין פולן בלי פון אויפקום. אַ שפע פון העלקייט, פון ימיקן בלוי. אויפבוי. און ער ווערט פאַרכלינעט פון פרייד:

„קינדער שפּילן זיך מיט שטערן, לאַכן ווען צוריק מיט זיי אַ קינד כ'טו ווערן". (שמייכלען פון ארץ הקודש).

דער שווונג פון אויפבוי פאַרכאַפּט דעם אָטעם:

„אונדזערע הייזער — געבוירענע אויף צו ברענגען גליק דער וועלט".

אין דער ייִנגער העברעישער דיכטונג ווערן מיר גאָר אָפט ממש צעשמאָלצן פון די שיינע לאַנדשאַפטן אין דער שווייץ אָדער האָלאַנד און אָפט פילן מיר די ריחות פון די וויין־קעלערן אין די אייראָפּעאישע מעטראָפּאָליעס. אָבער די יידישע ישראל פּאָעזיע פון משה יונגמאַן קוויקט זיך מיט „די מויערן פון עכו וואָס האָבן די זעלבע כוחות וואָס זיי האָבן געהאַט מיט פיר טויזנט יאָר צוריק (אין לאַנד פון אליהו הנביא). ער קען זיך אַפילו פרייען מיט שטיינער און וויל „אָפּגילטן די שטיינער און אַריינ־פלעכטן צווישן זיי בלומען". ער ווייסט אַז נאָר דאָ קען מען „טרעטן אויף זיי מיט אַ הויכן טראָט" „און הערן אין זיי דעם אָפּ־קלאַנג", „פון טאַטעס, זיידעס און אורזיידעס" (אין לאַנד פון אליהו הנביא). נאָר דער עיקר זענען דאָך די סאַברעלעך. דאָ אינעם אייגענעם לאַנד וועלן זיין „קינדער, וואָס שפּילן זיך פרייע

פאַר אייגענעם שוועל, קינדער, וואָס וועלן שוין קיינמאָל קיין באַנטשעס ניט זיין״. — (שמייכלען פון ארץ הקודש).

און משה יונגמאַן וויל מער נישט אַקערן קיין פרעמדע פעלדער און זוכט נישט די פרוכט פון קיין פרעמדע וויינגערטנער. אַ גע־זעטיקטער מיט דערפאַרונג ווייסט ער גוט ווי צו שעצן דעם אייגענעם ערדישן שטיבּ וואָס האָט, אַ דאַנק יידישער מי, אָנגעהויבן צו געבן פרוכט:

„די ערד איז גרין געוואָרן. גיי דערצייל עס דער גאַנצער וועלט״ (אין לאַנד פון אליהו הנביא). שפּאַצירט זיך דעריבער משה יונגמאַן מיט לאַנגזאַמען טראַט און פערלט אויף די פלאַים פון דעם לאַנד און ציטערט אויף פון יעדן איינגעפלאַנצטן בוים, פון יעדן ניי געבויטן הויז, פון יעדן ישוב, קיבוץ, דאָרף און שטאָט. און ער ווערט נישט מיד ווייל „מיט די קליינע טריט פון אַ קינד קאָן מען נאָך אַלץ אויסמעסטן... דעם זעלבן וועג״ (שמייכלען פון ארץ הקודש).

איז אָט זעט מען אים אַ בגלופינדיק־פאַרחלומטן אין אילת און באַלד וועט ער שטיין צוזאַמען מיט הורדוסן און צענויפטראָגן די שטיינער פאַר קיסריה. ווייל די בלעטער פון דורות וויקלען זיך דאָ שנעל איבער אויף צוריק און די לאַנדשאַפט פון אַ דאָרף אין גליל „אויסגעשעפּט פון אייזלען טראָט, ווייזט אויס אַז אין גאַנג פון יאָרן, זיך גאָרנישט געביטן האָט״. און ווען ער וויל „זיך אויסשטרעקן, איבערשלאָפן שרעק און שפּאָט״ גייט ער אַוועק קיין פּקיעין און „דורך שמאָלע ווינקלטרעפּ פירט מיך מיין טראָט אַראָפּ צו טונקעלער הייל פון שמעון בר־יוחאי״. („שמייכלען פון ארץ הקודש״).

באַזונדער דערהויבן פילט זיך משה יונגמאַן אין צפת, אין דער שטאָט פון מקובלים, ווייל „צפת דלמטה — איז מיין צפת דלמעלה״. אין צפת וואַכן אויף די זכרונות פון דער פאַרגאַנגע־נהייט, דאָ לעבט אויף צוריק די וועלט וואָס איז אַזוי טרויעריק אַוועק, וואָס איז אַזוי שרעקלעך פאַרשניטן געוואָרן דורכן אַשמדאי.

ער דערזעט „ניסים אין צפת. מיין שטעטעלע „שפּאַצירט איבער די גאַסן, יידן אין שטריימלען שטעלן מיך אָפּ, פון אַלע חדרים קלאַפּט צו מיר מיין רבינס שטעקן, וויינט צו מיר אַרויס מיין דין קול״ (שמייכלען פון ארץ הקודש).

דאָ האָט ער פיל באַגעגענישן. אין „צפת, דאָ וווינט משיח״, „וואָס האָט מסתמא שוין פאַרגעסן אַז ער דאַרף קומען״. — דאָ האָט ער אויך די זכיה צו זיין מיטן אר״י און אין קלויז כאַפּט ער אויך אַ שמועס מיט ר׳ יוסף קאָרו. און פּלוצעם, וועמען דערזעט ער? „מיין טאַקע דאָרט... ביי פּאַליצעס פון סוד, ער שטייט און „טייטלט אויס אַ פינגער אויף אַ ספר״. „ווי ביסטו, טאַטע״, „דאָ אַהער געקומען? זאָג! און וואָס די סחורה וואָס דו „האַלטסט בסתר?״.

אויף די מאַמע „זיצט אַ קליינע פאַר דער טיר, מיט טיפן שייטל״, „דאָס ווייסע טיכל אויף איר האַלדז, דאָס זעלבע וואָס פאַר צייטן...״ (ווייסע טויערן).

זעט אויס אַז דער זכרון אַרבעט זייער אינטענסיוו. גענוק אַ לייכטער ווונק, אַ שטילער צייכן און די טעג פון אַמאָל צילען זיך אָן ווי פּערל. „קינדער זכרונות — טיף זוניקער ברונעם — ווען בילד האָט געברענט — איידער וואָרט איז געקומען״ — זאָגט משה יונגמאַן אין אַ דעדיקאַציע צו מיר אויף אַ בוך און ערגעץ אין אַ ליד זאָגט ער: „זכרונות קומען אָן פליגל, אָן פאַרב, וואָלטן זיי זיין שטיינער — וואָלט איך זיי אויסגעגראָבן, אַרויסרייסן פון האָרץ״. (אין לאַנד פון אליהו הנביא).

מיר לעבן איצט אין אַ מערקווירדיק אינטערעסאַנטער תקופה. דווקא אין דער צייט פון קאָלאָסאַלן טעכנישן אויפשטייג, פון מאָדערנער פעלקער־וואַנדערונג איבער לענדער און קאָנטינענטן, פון גרויסן לוקסוס און איבערגעטריבענער שפע — האָט מיטאַמאָל אַראָפּגענידערט די פוסטקייט און אומצופרידנקייט אין די מענטשלעכע הערצער. מעגלעך אַז דער אידייען־דורכפאַל האָט גורם געווען די טיפע אַנטוישונג. די מענטשהייט האָט אָנגעהויבן צו

זוכן דעם אַמאָל. עס זענען נמאס געוואָרן די גרויסע ליכטער און מען צינדט אָן גערן אַ נאָפט-לעמפּל. מען נישטערט אין דער פאַרגאַנגענהייט — מען זוכט די וואָרצלען.

נאָך דער אָפּגעזונגענער שירה דעם ווידערגעבורט פון דער יידישער מדינה — קאָן מען זיך אויך דערלויבן אויפצוויקלען די אַלטע פּאַרמעטן. טויזנטיעריקע פּעדים וואָס האָבן געבונדן די יידישע משפּחה האָבן במשך דורות נישט פאַראַטן. די דאָזיקע נעסט האָט צעמענטירט און אויפגעהאַלטן דעם יידישן קיום אין די שווערסטע באַדינונגען אויף פרעמדער ערד און פרעמדע שליאַכן. און מעגלעך אַז דווקא די שווערע און פיינפולע לעבנס-באַדינגונגען פון דעם באַגאַבטן יינגן בחור האָבן אָפּגעקאָוועט זיין כאַראַקטער, אויסקריסטאַליזירט זיין לעבנס-ציל, אויסגעשולט זיין ווילן. דער וועג פון אַ יידישן פּאָעט איז קיינמאָל נישט געווען געפּלאַסטערט מיט קיין רויזן. די וואָרצלען האָבן זיך העפטיק צעבליט און אַ ווונדערבאַרע, זאַפטיקע פרוכט האָט אַרויסגעשפּראָצט אויף די צווייגן. „מיין טאַטנס פּרנסות״ — ליד און באַלאַדע — עפנט זיך אויף מיט אַ לעבעדיקן פּאָרטרעט פון זיין קליינעם, ווייסן טאַטן וואָס פלעגט אים קאָרמעווען מיט אותיות-תורה אָנשטאָט מיט ברויט, ווייל „ברויט נישט געווען״. אָבער דאָס איז נישט דער געלערנטער ייד, וועמען די השכלה באַוועגונג האָט אַמאָל פאַרטריבן פון דער יידישער גאַס — ווייל דווקא פונעם אייגענעם פאָטער וואָס „וויפל וועגן ס'האָבן אים נישט געמאַניעט — ער פלעגט שטענדיק צוריקקומען שפּל... צו די חלבנע סטעזשקעס פון חומש״ — האָט משה יונגמאַן געירשנט די הייסע ליבע צו לאַנד פון די אָבות. „מער ווי אַ בייטש — זיין אייגנס — האָט ער נישט פאַר-מאָגט. נאָר שטענדיק סיליענדיק די טרערן פון חצות האָט ער בהרחבהדיק מיר פאַרירשנט אַ מדינה״. —

געווען אַ צייט ווען דאָס שטעטל האָט געדינט פאַר אַ טעמע פון חוזק און שפּאָט. נאָר איצט, אין אָנבליק פון שרעקלעכן חורבן — וואַקסט אויס דאָס יידישע שטעטל צו אַ ווונדערלעכער

מעטראָפּאָליע פון ביישפּיללאָזן ערלעכן יידישן קיום, פון יידישער גייסטיקייט, פון שענסטן מוסרדיקן לעבן, פון אויסדויער און מוט פון מסירת נפש און קעגנזייטיקער הילף. ווי אַ פרומער ייד צום מזרח — ווענדן זיך איצט אונדזערע בליקן אויף מזרח אייראָפּע און יעדער פאַרגאַנגענער טאָג פאַרשטאַרקט אונדזער ווייטיק. ווייל אין דער קאָנפראָנטאַציע מיטן היינט פאַרבט זיך אָפּ דער אַמאָל מיט זעלטן וואָרעמע פאַרבן.

גייען מיר איצטער פּיס־טראָט נאָך דעם „קליינעם, ווייסן טאַטן״, וואָס פאַלט נישט צו לאַסט דער געזעלשאַפט, נאָר טוט אַלע עבודות כדי מיט כבוד מפרנס צו זיין די משפּחה. און דאָס לעבן איז קיינמאָל נישט געזיכערט. שונאים לויערן שטענדיק אויף די וועגן. „שטייט מיין טאַטע, קליין ,ביים שיידוועג און שטייט און ווייסט נישט ווייטער וואוהין מען גייט״. ווייל אויף לינקס — איז אַ וואַלד און אויף רעכטס, „טשאַטעווען אויף פלינקע פערדלעך היי־דוקן״. און אָט זעט מען „הוצולן־כאַמולעס אין ווילדן גאַלאָפּ „און טאַטע שפּרייזט איבער שניי מיט צעשפּאָלטענעם קאָפּ״. די שטענדיקע געפאַרן ווערן אָבער קאָמפּענסירט מיט דעם איינגע־בוירענעם יידישן בטחון, מיטן שטאַרקן גלויבן אין דער רוחניות־דיקייט פונעם פאָלק. דער גייסט ווערט אויך געשטאַרקט דורך דעם רבין וועמענס איינפלוס אויף די גלויביקע איז קאָלאָסאַל. ווען דער רבי איז קראַנק — לאָזט זיך דער טאַטע אַרויס צום רבין אין אַ וויאַגע ממש אויף קדוש השם. און וואָס טוט נישט אַ ייד צוליב פּרנסה מיט דער ברכה פונעם רבין? מען קויפט אַ קאָזע און קיין מילך איז נישטאָ. האַנדלט מען צו מיט זאַלץ, מיט סטענגעס און מיט פּאַטשערקעס. מען טרייבט פליטן אויף טשער־מוש. דאָך: „געוועזן אונדזער ביסן געציילט אויפן לויט״ און ווען עס פעלט אויס ברויט — לאָזט זיך די גאַנצע משפּחה אַרויס אין וואַלד קלייבן פּאַטשעריטשעס.

„מיין טאַטנס פּרנסות״ לאָזט זיך לייענען מער ווי איין מאָל. דאָס בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט „לאָקאַליזמען״, וואָס שאַפן גראָד

די נויטיקע אַטמאָספער און פאַרבן אָפּ די שטימונגספולע בילדער־געמעלן.

דער סטיל דאָ איז אַ געמיש פון מאָדערניזם און קלאַסיק. נישט ווי „אין לאַנד פון אליהו הנביא״, וואָס איז פול מיט אַבסטראַקטער סימבאָליק — שפּירט זיך דאָ דער ווילן קעגנצוקומען דעם לייענער און צו ווערן מער פאַרשטענדלעך. דאָס איז זייער אַ גרויס געווינס פאַרן בוך. אים איז טאַקע דאָ זייער געלונגען „מיט אַלטמאָדישע ווערטער צוריקצוקומען צו זיך״ — ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ ליד.

צום סוף לאָזט זיך רעזומירן:

משה יונגמאַנס פּאָעזיע איז ווירקלעך אַן אויסדרוק פון זיינע פּערזענלעכע געפילן. זי פאַרמאָגט אָבער דעם כוח פון באַווירקן, פון באַאיינפלוסן ווייל זי טרעפט אויף די סטרונעס פונעם לייענער. ווי אַ רויטער זיידענער פאָדעם דורכן גאַנצן פּאָעטישן געוועב, ציט זיך די ליבע צום הייליקן לאַנד, ליבע צום אייגענעם פאָלק און טיפער גלויבן אין זיין שליחות. דאָס איז אייגנטלעך דער לייט־מאָטיוו אין דער אַכט־ביכערדיקער פּאָעטישער סימפאָניע. דערצו האָט ער אין „מיין טאַטנס פרנסות״ אויפגעשטעלט א שיינעם דענקמאָל דער פאַרגאַנגענהייט און די אייגענע וואָרצלען פון זיין שטאַם.

דוכט זיך אַז דאָס זענען אַלע נויטיקע אַטריבוטן, וואָס קאָנען דעם מחבר אָוועקשטעלן אין דער מזרח־וואַנט פון דער היינטצייטיקער יידישער פּאָעטישער שאַפונג.

די סימפּאָניע פון רבקה קאָפּע

רבקה קאָפּע איז אַ מחברין פון פיר ביכער פּאָעזיע, איין בוך דערציילונגען און איין בוך עסייען. דאָס לעצטע לידער־בוך אירס איז דערשינען אין די ערשטע טעג פון חודש דעצעמבער 1978 אין פּאַריז, און טראָגט דעם נאָמען „סימפּאָניע אין ווינט". עפנט איר אויף די דאָזיקע פּראַכט־אויסגאַבע און עס הויבן זיך אָן צו שיטן די פּערל גלייך פון די ערשטע בלאַנקענדיקע זייטלעך. ווייל רבקה קאָפּע פאַרמאָגט נישט נאָר טיפע און אַלץ אַרומנעמענדיקע מחש־בות וועגן מענטש און קאָסמאָס, נייערט זי האָט די ווונדערבאַרע פעאיקייט אַנצוקליידן די אַלע געדאַנקען אין שיינע, אַנציענדיקע ווערטער און מעטאַפאָרן.

אין די שולן פון אַמאָל האָט דער למוד פון פּאָעזיע פאַרנומען דעם אויבנאָן, און דאָס ציטירן פון דער קלאַסישער פּאָעזיע איז געווען כמעט פאַרעכנט פאַרן באָן־טאָן פון אַ קולטורעלער געזעל־שאַפט. אין אונדזערע הייַנטיקע ניכטערע, אויסגערעכנטע און טרוקענע צייטן ווערט אַפילו דער טראַדיציאָנעלער לייענער פון שיינער ליטעראַטור ביסלעכווייז אָפּגעפרעמדט פון דעם פּאָעטישן וואָרט. גאַנץ מעגלעך, אַז די סיבה פון דעם דאַרף מען זוכן אין דער מאָדערנער פּאָזיע אַליין, וואָס האָט זוכנדיק פאַר יעדן פּרייז נייע פאָרמען פון שאַפן, פאַרלוירן פיל פון די אָנגענומענע נאָרמעס און פאַרשטענדלעכקייט פאַרן מענטשלעכן שכל. ווילט זיך דאָ פונדעסטוועגן פעסטשטעלן אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג: די יידי־שע פּאָעטישע מוזע האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן אויף קיין גליטשקע און לעבנס־געפערלעכע אומוועגן. זי האָט, מיט גאָר קליינע אויסנאָמען, נישט אָנגענומען דעם סטיל פון אויפגעבלאָ־זענעם אָנשטעל, פון פאַלשער זשעסטיקולאַציע און פוסטן וואָרט־

שפּיל פון גאָרנישט־זאָגעריי. די יידישע פּאָעטישע מוזע איז נאָך ווייטער פאַרבליבן די טרייע דינערין פון די עסטעטישע באַדער־פענישן פונעם יידישן אינטעליגענטן און פּרעטענסיאָנעלן לייענער. און די באַדערפענישן און פאָדערונגען פונעם יידישן לייענער זענען שטענדיק געווען מער ווי דורכשניטלעכע.

פאַרן חורבן יהדות־אייראָפּע — ווען דער גלויבן אינעם וועלט־לעכן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט האָט פאַרטראָטן יעדע אַנדערע אמונה — האָט דער סאָציאַלער מאָטיוו אין דער יידישער פּאָעזיע דעצידירט וועגן דער כשרות. היינט, נאָכן גרויסן בראָך — זוכט דער לייענער אין דער דיכטונג דעם אוניווערסאַלן קינסטלערישן אמת.

און די דיכטונג ווי די גראַפאָלאָגיע, קען נישט פאַלשעווען. פּונקט אַזוי ווי דער גראַפאָלאָגישער אַנאַליז דעקט אויף די מינדס־טע פאַרהוילענע אייגנשאַפטן פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער — אַזוי אַנטפּלעקט די שרייבערישע קונסט די טיפע און אמתע גע־דאַנקען פונעם שרייבער. און ווי ווייט קלוג דער שרייבער זאָל נישט וועלן מאַסקירן זיינע פאַרלאַנגען, פאַרדעקן, פאַרהוילן, נישט דערציילן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען — שווימען זיי אַרויס אויפוויקלענדיק דעם אייגענעם איך מיט אַלע זיינע ספּעציפי־שקייטן, מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן, מיט אַלע געהיימע ווונטשן און פאַרלאַנגען, מיט אַלע ווידערשפּרוכן פון דער מענטשלעכער נאַטור.

דווקא אינעם דאָזיקן אייביקן געראַנגל פונעם דיכטער מיט זיינע ווידערשפּרוכן, ווערן געבוירן די שענסטע און איידלסטע גע־פילן און צוזאַמען מיט זיי, די שענסטע שאַפונגען.

רבקה קאָפּע געהער צו די קינסטלער, וועלכע פּרובירן אַפילו נישט צו מאַסקירן זייערע סאַמע אינטימסטע פאַרלאַנגען. זי ווייסט, אַז אַ דיכטער געהער נישט צו זיך זעלבסט, און זי איז שטענדיק גרייט איבערצוווייזן אירע געפילן.

„כ'וויל איינחלומען דאָס בעסטע און שענסטע
און זאָל מיין ליד זיין צו דער וועלט אַ פענצטער...״

— זינגט זי אין ליד „אין זיך״, און נאָך קאָנקרעטער דריקט זי זיך אויס אין ליד „אויפן שפּיץ מעסער״:

„אַ ליד מוז זיך אָפּשיידן פון באַשעפער
ווי אַ קינד אַרויס פון טאַטע מאַמע רינג״. — — —

די טעמאַטיק פון רבקה קאָפּעס פּאָעזיע קען מער זייער לייכט איינטיילן אין גרופּן לויט די דערשינענע לידער־ביכער. אין „טוי פון שטילקייט״ און „שטערן אין מיין שויב״ — האָט זי באַהאַנדלט דעם אוניווערסאַלן קיום פונעם מענטש. אין בוך „קאָלירן און קלאַנגען״ קומען צום אויסדרוק די וואַרעמע געפילן פון מוטער־ליבע, וואָס איז אַזוי שטאַרק נויטיק פאַרן נאָכקום פון אַ געזונטן דור. קומט איצט די „סימפאָניע אין ווינט״ צו קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון פעסטגעשטעלטע מיינונגען, צו רעזומירן געדאַנקען אויפן סמך פון דערפאַרונג. הערט מען טאַקע גלייך פון די ערשטע סטראָפן אין דער דאַזיקער סימפאָניע דעם ווידערקול פונעם ליד איבער וועלכן עס

„זענען בליציקע זיגזאַגן דורכגעלאָפן״
„און אַלץ וואָס כ'האָב אין אים אַריינגעלייגט״
„שלאָגט צוריק מיט היץ פון מיינע סטראָפן״.

רבקה קאָפּע פאָלגט נאָך דעם געקלאַנג פון אויפקום און פאַר־גיין, און שוין אין איר „אויטאָפּאָרטרעט״, וואָס איז געמאָלן מיט אָריגינעלער עכטקייט, מיט אַ ווייבער קינסטלערישער האַנט פון אַן אויפריכטיקער און איידעלער פּאָעטעסע, ליגט דער כוח פון דערהויבן זיך איבער די קליינלעכקייטן פונעם לעבן. פון די פערזן פון אירע לידער פילט זיך בפירוש אַרויס אונטערבאַוווסטזיניק דער יידישער גורלדיקער וועג פון קדמונים, וואָס האָט אין דעם פּריוווי־ליק־אויסגעוויילטן אמונה־יאָך געזען דעם העכסטן שפּיץ פון פּער־זענלעכער פרייהייט.

ווען מ׳לייענט רבקה קאָפּעס פּאָעזיע, טויכן אויף פאַרשידענע געדאַנקען און עס שווימען אַרויס טויזנטער דיגרעסיעס און פאַרגלייכן. צו וועלכן זשאַנער קען מען פאַרעכענען איר שאַפן? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צום ריינעם קלאַסישן. אָבער ווער עס וואָלט פאַרעכנט איר פּאָעזיע צו בלויזער פערזענלעכער אויסלאָדונג פון אַ שיינגייסט — וואָלט זיך טועה געווען.

גאַנץ אָפט טרעפט מען אין דער ייִנגער העברעישער פּאָעזיע לידער וועגן לאַנדאַנער נעפּל, וועגן שווייצאַרישע בערג, וועגן פּאַריז, די שטאָט פון די ליכטער... — איך בין זיך מודה, אַז נישט מיט קיין קליינעם ווידערווילן לייען איך די דאָזיקע לידער. איך וואָלט גערן געלייענט אין העברעיש וועגן גליל און וועגן אילת. האָב איך דעריבער אָן אמתן נחת רוח געהאַט פון רבקה קאָפּעס „סימפאָניע אין ווינט״. נאָך אירע געזאַנגען וועגן דער אייביקער שיינהייט פון דער נאַטור און איר באַגייסטערונג פאַר די אַנדערע קינסטלערישע מוזעס, די מאָלעריי און מוזיק — זינגט אויס רבקה קאָפּע איר ליבע צום לאַנד און פאָלק פון ישראל. „אויף די וועגן פון ישראל״ — הייסט דאָס ציקל לידער. איז דאָס אַ פייערלעכער לויב געזאַנג פאַר ייִדישער גבורה, פאַר ייִדישער טראַדיציע, פאַר דער הייליקייט פון ירושלים, פאַר די פישערס פון נחל־ים, פאַר דער מיסטעריע פון צפת. און זי זעט דאָס לאַנד נישט ווי אַ טוריסטין, וואָס ווערט באַגייסטערט פון יעדער אויבנאויפיקייט. פון יעדן גלאַנץ.

דאָס בוך „סמפאָניע אין ווינט״ איז אויף די 280 זויבערדיקע זייטן אָנגעהויכט מיט פיל אָפּטימיזם, מענטשן־ליבע, אָפט מיט שטיפערישן, דינעם הומאָר און קאָקעטעריע, און עס גיט אַ קלאָרן אָנצווייפלהאַפטן ענטפער אויף דער פראַגע „למי אני עמל״?

דאָס בוך ווערט אָפּגעשלאָסן מיט אַ סעריע איבערזעצונגען פון זשאַן דע לאַ פאָנטענס משלים. רבקה קאָפּע האָט דאָ חוץ דעם אינטערעסאַנטן אָפּקלייב אויך אויפגעלעבט די משלים־קלאַסיק מיט איר לעבעדיקער, קאָלירפולער שפּראַך.

די דיכטונג פון
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

עס ליגט פאַר מיר אַ ניי בוך פון דער שרייבערין רבקה קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק — דאָס מאָל איז עס אַ בוך לידער און פּאָעמעס.

איך מיין אַז עס וועט נישט זיין ווייט פון דעם אמת צו זאָגן, אַז די מערסטע שרייבער־פּראָזאאיקער האָבן זייערע ערשטע שריט אין דער ליטעראַטור געמאַכט מיט פּאָעזיע. די סיבה דערפון קען מען זוכן אפשר אין דער נאַטירלעכער באַדערפעניש פון עמאָציאָ־נעלן אויסדרוק, וואָס זעט אויס צו זיין שטאַרקער אין דער דיכטונג. די דיכטונג איז דאָס געשריי פונעם געפיל, די רעאַקציע פונעם מענטשן, וואָס קומט אין דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיטן אַרום; די תשובה אויף ניי־אויפגעוועקטע פאַרלאַנגען און ווונטשן, און גלייכצייטיק די גרויסע פראַגע — צי קען מען געפינען אַ לייזונג פאַר די גורלדיקע דיסאָנאַנסן אין דער אייביק פולסירנדיקער ווירקלעכקייט.

דעריבער איז די פּאָעטישע שאַפונג די פאָרגייערין, דער טראַק־טאָר, וואָס אַקערט־אויף דעם באָדן פאַרן שפּעטערדיקן פּאַרזיי. די פּאָעטישע שאַפונג טראָגט אויך אין זיך זוימען פאַר דער ווייטער־ער צוקונפט, זי האָט דעם כוח פון קאָנסערוואַציע און פאַרמאָגט די פעאיקייט פון אויפלעבונג, כדי אין דער פּאַסיקער צייט אָנ־צוהייבן דעם ווידעראַנאַנדיקן בלי.

רבקה קוויאַטקאָווסקי פּנחסיק, דאַקעגן, איז שוין פון גאַנץ לאַנג באַקאַנט מיט אירע פּראָזע־ביכער, וואָס האָבן איר פאַרזיי־כערט אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. „פון לאַגער אין לאַגער", „אין זיכערע הענט", „טויזנט מאָל פאַרוואָס", „חיים־

קע״ און „צווישן כרמל און ים״, זענען אויך דערשינען אויף העב־רעיש. האָט דעריבער דאָס ניי־דערשינענע לידער־בוך איבעראַשט. אָבער אין די גאָר אינטימע קרייזן אירע איז געווען באַוווסט, אַז זי האָט אין דער פּאָעזיע דעביוטירט און קיינמאָל נישט פּאַרוואָרפן די דיכטערישע פּרעטענזיעס. זי פלעגט אָבער זייער זעלטן צוזינ־דיקן מיט אַ ליד. ווייל רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק האָט גיכער געוואָלט ברענגען דער עפנטלעכקייט די טיפע און טראַגישע איבער־לעבונגען, אין פּראָזע מיט דער בולטער כוונה אָנצוקומען צו אַ גרעסערן קרייז לייענער. און דאָס איז איר געלונגען און פולסטן זין פונעם וואָרט.

איצט איז, זעט אויס, געקומען אַ נייער פּעריאָד אין איר ליטעראַרישער שאַפונג. די אַלטע פּאָעטישע זוימען האָבן גענומען שפּאָרן פון די טיפענישן. רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק האָט דער־פילט אין זיך נייע באַדערפענישן, נייע פאָרמען פון אויסדרוק, און ווען די מוזע באַפאַלט איר מעדיום — ווערט פון דעם אַ שפע־ברכה פאַר דער קונסט.

דאָס בוך „די לעצטע — די ערשטע ווערן״ איז איינגעטיילט אין פיר טיילן: א) געטאָ לאָדזש ב) אין קאָנצענטראַציע־לאַגער ג) באַפרייאונג ד) ארץ־ישראל לידער. די איינגעטיילטע טעמאַטיק רעדט שוין אַפילו פאַר זיך ממש אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, קאָנסעקווענט און באמנותדיק. עס קען דעריבער קיין מינדסטער ספק נישט זיין וועגן דער צייט ווען די לידער זענען געוואָרן באַשאַפן. עס איז קלאָר, אַז דאָס זענען געזאַנגען ממעמקים, דאָס זענען ווערטער פון וויי, פון טרויער און טיפער טראַגישקייט פון דער אייגענער געפּרוווטקייט; און דאָס זענען אין דער זעלבער צייט אויך ווערטער פון איינגעבוירענעם אָפּטימיזם, פון שטאַרקער אמונה, פון שטאַלענעם דראַנג צו לעבן און איבערלעבן, פון אייגע־נעם ווידערגעבורט און מעטאַמאָרפאָזע פון אַ פאָלק. און אויב אינעם ליד „אויף די חורבות פון לאָדזש״ הערט מען, אַז עס „גייט מיר דער חורבן נאָך״ — „אין יעדער שורה פון מיין ליד״

— פאַרשווינדט שוין אינגאַנצן דער מינאָרער טאָן אינעם ליד „אויף ס׳נײַ״, ווײַל:

„אין טרערן איז דער נעבכטן אַנטרונען״
„הײַנט בין איך געבוירן אויפסנײַ״ — — —

פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט און אַזוי גיך. רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק האָט געדולדיק פּיקסירט אירע איבערלעבונגען און מיט אַ זייער פּשוטער פאָלסטימלעכ־קייט — טיילט זי זיך מיט אירע לייענער. איר סטיל איז אַ קלאַ־סישער און לייענענדיק ווערסטו מיטגעריסן מיט דער פלאַטערנ־דיקער לײַכטקייט פונעם וואָרט, ווערסט אָנגעשטעקט מיט דער זוניקייט און ליכטיקייט פון דעם נײַעם ישׂראלדיקן פּייזאַזש.

אָפּטמאָל טרעפן מיר זיך אָן אויף אַז אינטערעסאַנטער כמעט רעטעניש־פולער דערשײַנונג אין דעם שעפערישן כאַראַקטער פונעם קינסטלער. אין קעגנזאַץ צום זשורנאַליסט וואָס פאַרמאָגט די שנעלע אויפנאַם־פעאיקייט איבערצוגעבן אַלץ אויף דער הייסער מינוט — נוויטיקט זיך דער שרײַבער אין אַ לענגערער ווײַלע פאַר דער אַב־סאָרבציע פון נײַעם שטח, נײַע טענער, נײַע דערשײַנונגען, כדי זי שפּעטער איבערצוזעצן אויף דער סובטעלער שפּראַך פון דער פּאָעזיע. חיים נחמן ביאַליק האָט, ווי באַוווּסט, זײַנע שענסטע ישׂראל־לידער געשאַפן אין גלות. איז דעריבער פאַרשטענדלעך אויך דער שאַפונגס־וועג פון רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק, וואָס קומט צום אויסדרוק אינעם לעצטן בוך. זי ווייסט ווי אַזוי אָפּצו־פילן די נײַע ווירקלעכקייט און לערנט אונדז אַז

„די שיינקייט קאָנסטו נאָר אין שווײַגן — אײַנאָטעמען —
ווי ס׳לעבן — „די שיינקייט קאָנסטו מיטנעמען — „אויף
אַלע וועגן״. — — —

און איר אײַנגעבוירענער אָפּטימיזם גייט אַפילו ווײַטער און זי גלויבט אין אומשטערבלעכקייט, אינעם אייביקן קיום פון דעם מענטשלעכן גייסט. אינעם ליד „דאָס ליד פון אייביקן זײַן״ זינגט זי:

„סיי ווי וועט ס'געזאַנג פון דיין בלוט — אויפן ערדישן
וועג — בלייבן אין זוניקן גלות",

ווייל:

„אייגעוועבט — אין אייביקן זיין — — דו וועסט נישט
פאַרגיין — נישט פאַרגיין". — — —

און איבער אַלץ שוועבט אַרום איר טיפער גלויבן אין דער גליקלעכער צוקונפט פון אונדזער טראַגישן, אָבער אייביקן קיום פונעם פאָלק:

„נאָכן מבול, — ווי זאַמד און שטערן — אויפן מדבר —
וועט אַ פאָלק זיך מערן".

און די איבערגעבליבענע נאָכן שטורעם:

„די לעצטע
„די ערשטע ווערן
„צום נייעם ניגון, די ערשטע פרייע יידן". — —

פערל האַלטער —
אויף יענער זייט באַרג

דאָס איז דאָס דריטע בוך לידער וואָס די דיכטערין האָט אַרויסגעגעבן.

נאָך אירע „דערמאָנונגען" אין 1953, און „יונגע טעג" אין 1962, — זיינען אירע לעצטע לידער פון 1968, — אַ צייכן פון ווייטערדיקן בלי, פון ליטעראַרישער פאַרפולקאָמונג.

די לירישע דיכטונג האָט אירע טיפע יסודות אין דער מענטש־לעכער נשמה, שעפּט איר יניקה פון שטימונגען און קומט צום אויסדרוק אין אויפבליצן דורך באַשטימטע ווערטלעכע קאָמפּאָזי־ציעס. און אויב מען וויל דעפינירן דעם ליטעראַרישן זשאַנער פון פערל האַלטער, קען מען אים גאַנץ באַשטימט פאַררעכענען צו דער קאַטעגאָריע פון לירישער דיכטונג. ווייל ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דעם שיינעם דעליקאַטן געוועב — ציט זיך אַדורך „אַ ווייטער פרילינג", „פריינטשאַפט", „אין שטילקייט מיט זיך אַליין", „וויג איין דעם טרויער", „נעם מיך ים אַרום", „נעם אַרום די ווייטן" און אַ סך אַ סך אַנדערע שטימונג־לידער, וואָס לייענען זיך מיט לייכטקייט פונקט אַזוי ווי זיי זיינען אויסגעדיכטעט געוואָרן. און דווקא דערפאַר וואָס פערל האַלט האַלטער זיך אין די אָנגענומענע קלאַסישע ראַמען, און דווקא ווייל אויך דער סאָנעט מיט זיינע פערצן שורות, שליפט זיך מאַיעסטעטיש אַריין אין דער דאָזיקער פאַרשידנפאַרביקער לירישער קאָמפּאָזיציע — ווערט די גאַנצע זאַמלונג „אויף יענער זייט באַרג" באַהויכט מיט וואַרעמקייט און שיין פון אַ באַגאַבטער פרויען־מוזע.

עס איז דאָך נישט קיין סוד און באַזונדערס אין אונדזערע פּראָזאַאישע צייטן, ווען די ליטעראַטור האָט אַזעלכע שטאַרקע קאָנ־

קורענטן ווי דאָס קינאָ און די טעלעוויזיע — אַז דער געננוס פון דער פּאָעטישער קונסט געהער צו באַשטימטע קליינע גרופּן פון ליטעראַרישע פיינשמעקער. אויב די קורצע דערציילונג און דער שפּאַנענדיקער ראָמאַן האָבן נאָך געוויסע שאַנסן צו דערלאַנגען זיך צום לייענער דורך דער א. ג. טאַשן־ביבליאָטעק — איז די פּאָעזיע פּאַקטיש אַנגעוויזן אויף גאָטס באַראָט. די מאָדערניסטישע פּאָעזיע, מיט אירע מערקווירדיקע אומפאַרשטענדלעכקייטן האָבן אויך נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו דער אָפּגעפרעמדקייט פונעם היינט־צייטיקן לייענער. אָבער צום גליק איז נאָך די יידישע פּאָעזיע נישט אַוועק צו פיל אין די דזשונגלען פון דער אַבסטראַקציע און דערפאַר קען מען בלעטערנדיק ס׳בוך פון פערל האַלטער, אויפנעמען שטימונגען פון אַן עכטער פּאָעטעסע וועלכע רעדט צו אייער געמיט און געפיל מיט פּשוט פאַרשטענדלעכע און אָנגענעמע ווערטער, באַטש זי רעדט עס „אין שטילקייט מיט זיך אַליין״.

/ אַלץ איז געווען שוין / און אַלץ וועט נאָך זיין / פאַרנעם עס מיט גלויבן / אין זיך אַליין / שפּאַן איין דעם חלום / אין ליבטיקע רייד / אַריבער דעם פאָדעם / פון אומעט און פרייד /.

אָבער בעת זי דיכטעט אין אַ „פאַרנאַכטיקע שעה״ און פרעגט:

/ האָסטו געזען ווען / דעם וואַלד לעבן טייך / ווען זון נידערט שטיל / רויטגאָלד און וויאָלעט / און ס׳נייגן דיביימער / זיך צו צו איר גלעט / פון לעצטע פאַרגייענדיקע שטראַלן פון זון? /

און ווייל פערל האַלטער האָט ליב אירע שטימונגען און ווייל זי האָט ליב די נאַטור מיט אַלע גוטע און שלעכטע דערשיינונגען קען זי אין יעדער רגע פון טרויער געפינען אַ טרייסט און זי וויגט איין דאָס וויינענדיקע קינד מיט דעם ליד „וויג איין דעם טרויער״

/ וויין נישט מיין קינד / אַז דער האַרבסט איז אַ גרויער /...

און ווייטער:

/ דערצייל אים / אַז איבער די וואָלקנס אַרויף / איז שטענדיק

אויף שטענדיק / דער הימל אַ בלויער / דאָרט קיניגט / דאָס אייביקע ליכט פון אין סוף... /

פערל האַלטער אַנטפּלעקט פאַר אייך אויך די סודות פון קינסט־לערישן שאַפן אין „געבורט פון אַ ליד״:

/ עס כוואַליעט זיך, כוואַליעט אַ רינג אין אַ רינג; / זיי צאַפּ־לען אַריין אינעם בלוט מיט געזאַנגען / עס קנוילן זיך אויף די פאַרהוילענע קלאַנגען / דאָס האַרץ נעמט דיקטירן: אַט איצטער זינג, זינג... /

יעדער מענטש איז אַ פּאָעט אין פּאָטענץ. אַנדערש וואָלט קיינער נישט מסוגל געווען צו פאַרשטיין און אָפּפילן די פּאָעזיע. יעדער מענטש האָט געוויס אַזעלכע דערהויבענע מינוטן ווען ער פילט אַ באַגער צו זינגען, ווען דאָס האַרץ ווערט אַזוי אָנגעפילט מיט וווּנדערבאַרע געפילן, רייצונגען, ווען דאָס בלוט פליסט אין אַלע געוועבן, ווען ער איז באַגייסטערט און מיינט אַז ער איז דאָס גליקלעכסטע באַשעפעניש אויף דער ערד. דאָס לעבט געוויס איבער יעדער יוגנטלעכער בעת עס קומט אַ לאַנג דערוואַרטעטע מינוט ווען מען דרוקט די האַנט פון ליבנדיקן מיידל און מען פילט איר הייסן אָטעם — אַזוי פילט אויך אָפּ אַ מענטש וואָס באַשליסט זיך אָוועקצוגעבן דער מוזע פון דיכטונג, ווען דאָס פאַרגעניגן פון „געבורט פון אַ ליד״ איז געבונדן מיט דעם העכסטן דערהויבענעם עקסטאַז.

דערפאַר זיינען קינסטלער אייביק יונג אין זייער גייסט. זיי זיינען פעאיק טאָג טעגלעך אָפּצופרישן זייערע געפילן, אויפלעבן אַלטע פאַרגעסענע געדאַנקען, פרייען זיך ווי קינדער פון יעדער שאַפונג, אויפבויען אַ וועלט פון ליכט און שאָטן פון טרויער און פרייד. און אַזוי זינגט פערל האַלטער אין איר ליד „נעם אַרום די ווייטן״:

/ נעם אַרום די ווייטן / אונטער די פליגלען פון דיין דמיון / / צעלאָזן זיי צוריק / ווי פייגל פריי... /

און די דיכטערין, גלױבנדיק אין דער אײביקײט, טרײסט אונדז און פֿאַרזיכערט:

/ און קוים װעלן יאָרן / װאָס פֿאַרמעקן און צעשטערן / װעט אַלץ נאָך בלײבן / דער גלאַנץ פֿון װערן / און װידער װערן אױפֿסנײ / האָב נישט קײן מורא / אַז אַלץ גײט פֿאַרבײ... /

צום סוף װילט זיך נאָך דערמאָנען פֿערל האַלטערס אַ פֿאַרלאַנג װעלכן זי זינגט אױס אינעם ליד „אױף יענער זײט באַרג".

/ אױף יענער זײט באַרג / פֿאַרגײט די זון / װעל איך גײן / אױף יענער זײט באַרג / און פֿאַרשװינדן / אין דער זון / נאָר יעדן פֿרי / װעל איך צוריק אױפֿגײן / זיך אָנצונדן / אױפֿשײנען צוריק / און אַרײנלײכטן / אין יעדנס אױגן / אַ ביסעלע גליק... /

די דיכטערין איז פֿול מיט אָפּטימיזם, לעבנס־לוסט, שאַפֿונגס־לוסט און איז גרײט זיך צו טײלן מיט אַלץ און מיט אַלעמען. דאָס לײענען אירע לידער שאַפֿט אַן אמתן גײסטיקן פֿאַרגעניגן.

יצחק לודען — „פון חלום צו שלום"

עס איז פֿאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן אַ זאַמלונג פֿון קורצע דערציילונגען און אַ זאַמלונג פֿון אַרטיקלען פּובליציסטישע. ליטעראַטור איז באַשאַנקען מיט אַ לענגערן און פֿאַמעלעכדיקן אָטעם, בעת פּובליציסטיק אָטעמט קורץ און שנעל. ליטעראַטור דערלויבט זיך צו באַהאַנדלען אַ יחיד מיט זיינע אייביקע פּראָבלעמען אין דער תקופה (דער מענטש בייט זיך דאָך נישט אַזוי גיך), — פּובליציסטיק דאַקעגן מוז באַהאַנדלען דעם כלל (וואָס האָט אַ טבע יאָ זיך צו בייטן) מיט זיינע פּראָבלעמען פֿון דער געגעבענער צייט. געניסט דעריבער די ליטעראַרישע שאַפֿונג פֿון אַ ברייטערער צייט-פּריווילעגיע, בעת די פּובליציסטיק איז באַגרענעצט צו באַשטימטע צייט-פּעריאָדן, נאָך וועלכע איר הייסער אָטעם ווערט אויסגעקילט און פֿאַרשווינדט.

אָבער און געוויסע היסטאָרישע סיטואַציעס ווערט די אַקטועלקייט אין דער פּובליציסטישער שאַפֿונג נישט געמינערט. פֿאַרקערט, דער אינטערעס און שפּאַנונג פֿונעם לייענער ווערט דווקא פֿאַרשטאַרקט און ער ווערט מיטגעריסן מיט געוויסע געדאַנקען און מיינונגען, פּראָגנאָזן (וועלכע ווערן באַשטעטיקט אָדער נישט) — כדי צו מאַכן די געהעריקע פֿאַרגלייכן מיט די אייגענע געדאַנקען וועגן ברענענדיקע פֿראַגן.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז מדינת ישראל לעבט איצט איבער איינעם פֿון אירע ערנסטסטע און דראַמאַטישסטע מאָמענטן אין איר עקזיסטענץ. איז געקומען דאָס בוך פֿון יצחק לודען כדי צו פֿאַרפֿיקסירן די גרויסע דראַמע וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף די ברעטער פֿון דער ישראל-אַרענע זינט דעם מאָמענט ווען דער

מצרישע פּרעזידענט האָט באַטראַכט די ירושלימער ערד און אָפּ־געצייכנט דעם אַקט ווי אַ „מאָמענטום פון שלום״.

דאָס בוך איז כולל 56 אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכטע אין פאַר־שיידענע צייטונגען און זשורנאַלן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. צווישן זיי רעפּאָרטאַזשן פון אַ באַזוך אין מצרים גלייך נאָך אַנוואַר סאַדאַטס באַזוך אין ישראל. און יצחק לודען פאַרמאָגט אַ רייכע שפּרודלדיקע שפּראַך, אַ טיף־דורכדרינגענדיק אויג און אַן אויפ־ריכטיקן ווילן צו באַטייליקן דעם לייענער אין אַלע זיינע איינדרוקן. קליידט ער אָן דעריבער זיינע געדאַנקען אין אַ פאַרגלייך, אין אַ משל, אין אַ פאָלקס־ווערטל — וואַרפט אָן אַ בילד פון דער ווייטער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, כדי אַזוי אַרום צו שאַפן די שטימונג און צוגרייטן דעם לייענער אויפצונעמען זיין געדאַנק.

אַט פאַרגלייכט ער דעם מיטעלן מזרח צו אַ מין פאַנטאָמימע־שפּיל „ווו דער אַרטיסט האַלט אין איין לויפן פאַרויס און זיינע פיס באַוועגן זיך גאַר־גיך און מיט גרויסע שפּאַנען — און צום סוף ווייזט זיך אַרויס אַז ער איז געבליבן אויפן זעלבן אָרט״.

און אַט געפינט אויס יצחק לודען, אַז דער סאַדאַטישער „מאָ־מענטום״ איז נישט אַזאַ אָריגינעלע דערפינדונג ווייל שוין „מיט פינף און צוואַנציק יאָרהונדערטער צוריק, האָט דער גריכישער פילאָזאָף העראַקליט געלאָזט אין גאַנג דעם „מאָמענטום״ פון דער מענטשלעכער מחשבה אויסרופנדיק דאַמלט, אַז „אַלץ שטראָמט, אַלץ באַוועגט זיך און ענדערט זיך״. — וואָרעם יצחק לודען באַגנו־גנט זיך נישט מיט בלויזער טרוקענער כראָניק, ער זוכט און געפינט אין אַלעמען אַ העכערע אוניווערסאַלע אידיי. אמת, זיין סטיל איז פאָלקסטימלער, (און דער סטיל איז דאָך דער מענטש), נאָר מיר דוכט זיך, אַז כ׳וועל נישט זינדיקן אויב כ׳וועל זען אין לודענען אַ פּאָליטישן פּעליעטאָניסט מיט אַ שטאַרקער אידייאישער אינטער־פּרעטאַציע. נאָר ווייל ער מאַכט עס מיט חן און מיט טאַקט — ווילט זיך מיר פאַרגלייכן זיין שיטה צו דעם באַרימטן סיסטעם פון

„פילאָזאָפיע דורך אַנגאַנגעמלעכקייט" וואָס עס האָט איינגעפירט דער באַרימטער שרייבער־פילאָזאָף וו. דיוראַנט.

נישט שטענדיק זענען „אמתן" אַזוי ליב און אַנגענעם, גאַנץ אָפט טרעפט אַז „דער אמת שטעכט אין די אויגן" — דאַרף מען קענען דערלאַנגען אַזוי אַז דער לייענער זאָל נישט ווערן פאַר־ווונדעט, אָבער ער זאָל דאָך אויפנעמען דעם אמת אַזוי ווי עס ווינטשט זיך דער מחבר.

לייענענדיק יצחק לודענס פובליציסטיק דערפילט מען גלייך אַז ער וויל זיין פּאָפּולער, פאַרשטענדלעך, ער וויל דורכאויס פאַרווישן די מחיצה צווישן שרייבער און לייענער, אָבער נישט פאַרן פרייז פון פּראָפּאַגאַציע פון פובליציסטישן וואָרט; האָט ביי האָט מיט פאָלקסטימלעכער פשטות — געפינט איר פּאָפּולערע אַנאַלאָגיעס אין דער קלאַסישער און אין דער היינטיקער פילאָזאָפישער ליטע־ראַטור, און לייענענדיק וועגן אַן ענין פון מה בכך וואָס פולט אויס די שפאַלטן פון טאָג־צייטונגען און ראַדיאָ־נייעסן, ווערט דער לייע־נער אויפגעהויבן צו אַ העכערער קולטורעלער ספערע פון גייסטיקן געניוס. די טרוקענע פובליציסטיק ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ שיינעם פילאָזאָפישן עסיי.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די רעפּאָרטאַזשן „פון קאַיר־ער טאָגבוך". עס איז גאָרנישט לייכט אויפצונעמען מיט קאַלטן אַריינ־קוק די מעטאַמאָרפאָזע פונעם מצרישן פייזאַש און פונעם מצרישן מענטש — דעם ביז נישט לאַנג געוועזענעם שונא פון מדינת ישראל. יצחק לודען ווערט פאַרכליניעט פון איינדרוקן „פונעם שטאַרקן איבערפלוס פון איבערלעבונגען און עמאָציעס" — ווי ער דריקט זיך אויס — און געטריי זיין אידעישער איינשטעלונג זעט ער שוין די שפּראָצונגען פון קומענדיקן שלום. עס פעלט דאָ אויך נישט קיין יידיש־עפּיזאָד ווען ער באַגעגנט זיך אין קאַיר מיט דער אַקטריסע פון „קעניגלעכן יידישן טעאַטער" און שמועסט זיך אויס מיט איר אויף מאַמע לשון.

יצחק לודען איז בלי ספק אַ זייער דינאַמישער שרייבער־זשור־נאַליסט וואָס האָט באַנייט די טראַדיציע פון פּובליציסטישע זאַמלונ־גען אין יידיש. ער גלייבט אינעם מאַגישן כוח פונעם געשריבענעם וואָרט און איז טיף איבערצייגט אַז „דער חלום וועגן שלום" קען און מוז ווערן פאַרווירקלעכט.

לייב רובינליכט — דער בן שמונים

די שרייבערישע מוזע, די גאָטגעבענטשטע מענטשלעכע אייגנ־שאַפט, פאַרמאָגט דעם מערקווירדיקן כח פון באַאיינפלוסן נישט נאָר דעם צוהערער און לייענער, נאָר איז אויך מסוגל אויסצווירקן אַ באַדייטנדיקע השפעה אויף דעם שאַפער אַליין. ווערטער האָבן אַ גוואַלדיקע סוגעסטיווע קראַפט סיי ווען זיי ווערן געבראַכט פאַר יענעם און סיי ווען זיי ווערן געזאָגט צו זיך אַליין. מיטן וואָרט איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. דאָס וואָרט איז דער מקור פון אונדזער גייסטיקייט — דער מותר האדם פון דער חיה.

פונדאַנען שטאַמט אונדזער ערנסטע באַציונג צו דער גייסטי־קער שאַפונג פונעם מענטשן, אונדזער כבוד־באַציונג צו דער קונסט, און באַזונדערס צו ליטעראַרישער יצירה. די פּרינציפּיעלע אייגנשאַפט פון יעדער ליטעראַרישער שאַפונג — איז איר דווער־האַפטיקייט, איר שטענדיקייט, איר אומפאַרגאַנגלעכקייט. געוויס איז פאַראַן אין דער ליטעראַטור, ווי אין יעדער אַנדערן קונסט־געביט די נייגונג פון אינאָוואַציע, פון פליסיקייט, פון אַנדערשדיקייט, אַפילו פון מאָדע, אָבער די נעכטיקע גוטע ליטעראַרישע שאַפונג ווערט באַפעסטיקט אין די קלאַסישע ראַמען, כדי צו ווערן דער מקור נישט נאָר פון גענוס — נייערט אויך פון ערנסטן שטודיום פאַר צוקונפטיקע שאַפערס.

אמת, אַ סך ווערטפולע ווערק פון גרויסע שאַפערס, שטייען היינט שוין פאַריתומט און פאַרשטויבט אויף די פּאָליצעס. אַ גרוי־סער ספק איז צי דער יידישער לייענער קוויקט זיך איצט מיט מענדעלע מוכר ספרימס „ווינטשפינגערל‟ אָדער „קליין מענטשע־לע‟, מיט י. ל. פּרצעס וווּנדערלעכע חסידישע מעשיות און אַפילו מיט שלום־עליכמס ראָמאַנען. מיר ווייסן אויך נישט וויפל לייענער

בלעטערן היינט די צענדליקער בענדער פונעם באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער ראָמען ראָלאַן, צי אינטערעסירט זיך נאָך עמעצער מיט די באַרימטע „אוניווערסיטעטן" פון מאַקסים גאָרקי, אָבער קיין שום אינטעליגענטער לייענער, און אַוודאי נישט קיין שום זיך־שאַצנדיקער שרייבער, וועט, דוכט זיך, נישט קאָנען מוותר זיין אויף די דאָזיקע ווערטפולע ווערק, נישט ווענדיק אַפּילו קיין מאַנגל אין דעם גייסטיקן באַגאַזש און פאַרמעג.

די ליטעראַטור איז נישט נאָר אַ שפּיגל וואָס גיט אָפּ אַ בילד פון אַ באַשטימטער געגעבענער סיטואַציע אין איר סטאַטישן צושטאַנד. די שרייבערישע קונסט האָט די פעאיקייט פון רעגענעראַציע פון רעסטאַווראַציע פון דער באַוועגונג, פון אויפלעבונג פון דער פאַרב, ריח, שטים.

כ'האָב אַנומלט דורכגעבלעטערט די צוויי לידער־ביכער פון לייב רובינליכט: „לידער" און „אַ שמועס מיטן האַרץ", און איך האָב דערפילט דעם גרויל פון דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט. עס האָט מיך טיף צערודערט און אַ טיפער אומעט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף מיין געמיט. פון יעדן זייטל וויעט דער טרויער, פון יעדער שורה — די אַנטווישונג, פון יעדן וואָרט — אַ טרער. ריכטיק, דאָס פּאָעטישע וואָרט איז באַשאַפן געוואָרן כדי צו געבן אַן אויסדרוק די טיפסטע מענטשלעכע געפילן און שטימונגען, ווי זשע קאָן מען בלייבן גלייכגילטיק צו דעם פּשוטן אָבער שטאַרקן השתפכות הנפש וואָס כאַפּט דיך אַרום גלייך פון די ערשטע זייטלעך? —

ווען זאָל איך צינדן יאָרצייט־ליכט אַז יאָרצייט כ'האָב
אַ רונדיק יאָר?

דער טרויער און ווייטיק איז אים באַשערט געווען און פיל ליידן זענען צוגעפאַלן אויף זיין חלק. געטאָ, לאַגער, נע־ונד. איז אים דעריבער שווער זיך צו באַפרייען פון די שטענדיקע „קאַשמאַרן" וואָס „פאַרפאַלגן, מאַטערן אין שלאָף" — און —

ווידער געטאָ, שטוב אין פלאַמען
אין אויפגעפּראַלטע פענצטער־ראַמען
מיין ברענענדיקע מאַמע — — —

און ווייל לייב רובינליבט זוכט נישט קיין אויסגעקליגלטע מעטאַפאָרן און דיכטעט מיט פשוטע ווערטער פון דער פשוטער פאָלקס־שפּראַך, קאָן מען גלייך פאַרשטיין און אָפּפילן זיין פער־זענלעכן ווייטיק, וואָס גיסט זיך שנעל אַריבער אין דעם טראַגישן גורל פון אונדזער שווער־געפּרוווטן פאָלק.

„צוזאַמען מיט מיין מאַמען איך ווער פאַרברענט" — שרייט אויס דער דיכטער, און איך פיל ווי די פלאַמען נעמען אויך מיך אַרום — מיין מאַמע האָט דאָך אויך געטיילט דעם זעלבן גורל.

פון לייב רובינליבטס פאַרשידענע מאָטיוון בלאָזט אַ טיפער וויי. „שלאָפלאָז זענען מיינע נעכט", און „חלומות בייזע" און „פון טרערן וועבן כ׳וועל אַ תפילה". יאָ, דאָ איז נישט ס׳אָרט צו באַרירן אַלץ וואָס מען וויל, אָבער ס׳איז פשוט שווער אַריבערצו־שפּרינגען איבערן ליד „קינס שאַנדפלעק". אויפן אַפּעלפּלאַץ שטייען די קאַצעטלער, כדי ביי־צו־זיין דעם טויט־אורטייל איבער צוויי יידישע בחורים און אַ יידיש מיידל צוליבן פּרווו צו אַנטלויפן. די בחורים ווערן געהאַנגען בעת אויף זייערע ליפּן ווערט פאַרגלי־ווערט דאָס וואָרט: נקמה! און ווען דער דייטשישער עס.־עס.־מאַן ווענדעט זיך צום יידישן מיידל, אַז אין נאָמען פונעם פירער וועט זי געניסן פון אַ „גנאַדע שאָס" — שרייט דאָס מיידל אויס: „שווייַן! זייט פאַרשאָלטן איר תלינים! און דערנאָך: „אַ פּאַטש — אויפן חזיר — דייטשס פּנים"...

אויף וויפל מיר זאָלן נישט שאַצן די פרייהייט פונעם שרייבע־רישן ווילן און זיין רעכט אויפן אויסוואַל פונעם שטאָף — איז דאָס אָבער אַן אייזערנער פאַקט, אַז דער שרייבער וואַקסט נישט אין קיין ליידיקן רוים און אַז זיין נאַטירלעכער מענטשלעכער מהות, מיט אַלע זיינע לעבעדיקע חושים, ווערן באַאיינפלוסט פונעם אַרום.

די פרייהייט פונעם לייענער איז אוודאי פיל ווייניקער באַגרע־נעצט, ווייל די שרייבערישע שליחות, ביי דעם בעסטן ווילן, איז דאָך אויסגעשפּרייט מיט פּאַרצוימונגען וואָס דער שרייבער נעמט אויף זיך פון געבוירן אָן.

און כאָטש לייב רובינליכט ווייטיקט אויס אין זיינע לידער:

איך טראָג דאָס לעבן ווי אַ שווערע לאַסט
פון וועלכער מען וויל זיך שנעל באַפרייען — — —

ווילט זיך מיר דעם חשובן בן שמונים טרייסטן מיט די קלוגע ווערטער פון חז״ל אַז בעל כרחך אתה חי און ווינטשן אים נאָך לאַנגע, לייכטע, לעבעדיקע און שאַפערישע יאָרן.

יונה בערקמאַן — טרויער און טרייסט

יונה בערקמאַן איז ממשיך זיין „המשך". דאָס אַליין איז ווערט און כדאי צו פאַרצייכענען. דער קוואַל וואָס האָט יאָרן־לאַנג געגורטעוועט אונטער דער ערד, האָט אָנגעהויבן שפּרודלען און שפּאָרן מיט אַ שטאַרקער קראַפט. ווי ער וואָלט וועלן באַשטע־טיקן דאָס געזאָגטע אין זיין ערשטלינג: —

דער נדר פון מיין לאַנגן שווייגן האָט מיין לשון נישט
פאַרשטאַמלט, מיך נישט אַנטווינט פון קוואַל — — —
איך מוז דערזאָגן דאָס, וואָס נישט דערזאָגט
דעריאָגן — וואָס נאָך ניט דעריאָגט.

איז ער געקומען מיט זיין „ווייפּרייד" גאָר שנעל מקיים זיין דאָס צוגעזאָגטע.

דאָס נייע בוך זיינס פאַרמאָגט ביי אַ 120 לידער און איז איינגעטיילט אין פיר חלקים: תפילות, תיקון חצות, בדידות און ווייפּרייד. און שוין פון ערשטן זייטל גיט דער מחבר זיין מאָטאָ וואָס דאַרף אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם גאַנצן אני מאמין פון דעם מאָדערנעם יידיש־שעפערישן מענטש:

כאָטש געבויגן מיין רוקן, פאַרבראָכן,
אויף אים טראָג איך אַלץ נאָך מיין גאָט —
כ'האָב מורא צו בלייבן אַ יתום באַקראָט.

און די דאָזיקע מורא באַגלייט אים פון אָנהייב אָן ביזן סוף פון דער לידערזאַמלונג, ער זינגט־אויס זיינע ווייען בקול רם אַז יעדער זאָל אים הערן. און נישט נאָר טיף־אינטימע זאָרג זינגט־אויס זיין ליד נייערט אויך די זאָרג פאַרן יידישן וואָרט מאַכט ציטערן

זיין הארץ. ער וואלט וועלן מ'זאל אים פארשטיין, נאך דעם לאנגן שווייגן זיינעם, און איז ביז גאר באאומרוייקט —

ווען, צו נעילה פונעם קדושים־לשון,
ניט זיין ווער
לאזן זאל א טרער.

אויך דער נס פון שיבת־ציון האט, אן ספק, געלייגט איר חותם אויף דער צייט און אויפן דיכטער. אין דער יידישער וועלט האט זיך אויסקריסטאליזירט א טיפער חשבון־הנפש וואס נעמט אן פאר־שיידענע פארמען. די חוזרים בתשובה מערן זיך אויף טריט און שריט, מערקט זיך אויך דאס אין י. בערקמאנס ליד.

פארבליבן כ'בין, ווי מיר, א לעצטער בעל תפילה
פון דאוונערס, וואס האבן פאר רוצחישע וועלטן
מתפלל געווען
על פי טעות
בשוגג;
איז ריכט איך אפ גלות
פאריתומט.

דערביי פארגעסט ער נישט דעם „זכר פון קדושים מיליאנען" און עס שיינט אויף פאר אים דער נס פון שיבת־ציון אין וועלכן ער געפינט א טרייסט. ער וויל אין זיין ליד און דורך דעם ליד פרעגן און ענטפערן אויף אן א שיעור פראגעס וואס רינגלען אים ארום, און עס ווערט אים לייכטער, ווייל ער האט גענומען אויף זיך א שליחות: „כ'מוז זיין א בעל־תפילה, פאר אלע וואס וואגלען ביחידות און — שלעפן א הארב פון אליין זיך גענומענע בדידות".

דער געזונטער חוש אבער דערפירט דעם דיכטער ער זאל פילן אז ער איז נישט אליין אין זיין פיין, אז עס זענען פאראן א סך פאר וועמען דער היינט איז טאקע „א פולער כוס מיט ברכה", אבער גאר אפט: „בייסט ער זיך איין מיט נעגל אין זיין פלייש" — און אזוי איבערן גאנצן בוך.

אין די טיילן „תיקון חצות" און „בדידות" ווידמעט יונה בערקמאַן זיינע לידער די יידישע גבורים פון אונדזער צייט, דאָס זענען שרייבער־אַנוסים און באַזונדערס די קדושים, זעלנער און גבורים־פליער וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער יונג לעבן אויפן מזבח פונעם פאָטערלאַנד. ווידער אַ באַווייז, אַז דער דיכטער איז נישט אָפּגעריסן פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט. אָט זאָגט ער אינעם ליד געווידמעט דעם פליער אהוד שלח ז"ל:

דעם נגון פון זיין שמייכל —
געפּלאַצט אין מיטן שטייגן
אויף פליגל פון ישראלס דויער...

און ווידמענדיק אַ געזאַנג דעם קדוש דני ברקוביץ ז"ל הייבט ער אָן:

איך האָב דיך נישט געקענט
נאָר ס'האָט דיין גבורה מיר דיין אויג פאַרהאַנגען
מיט אַ פּרוכת אויסגעשטיקט פון פייער זאַנגען
אין נע־ונדן דערנער גאַנג
פון דורשטיקע נשמות צו די קוואַלן פון גאולה.

י. בערקמאַן איז גאָר פּילבאַר, יעדע מינדסטע עוולה וואָס קומט סיי פון גאָט, סיי פון מענטש, רירט אים אָן, טוט אים וויי. ער איז מסוגל זיך צו פאַרקערפּערן אין דער נשמה פון אַ צווייטן, כדי אָפּצושפּירן דעם טיפן ווייטיק פון אַ יינג מיידל וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון לעבן, צי פון אַן עלטערע, פאַרזעסענע, וואָס גייט אויס אין בענקשאַפט נאָך איר קערפּערלעכער באַדערפעניש. אָבער אַפילו ווען איך זאָל וועלן זיין סוביעקטיוו און אונטערשטרייכן אַז אָן דעם דאָזיקן ליד וואָלט דאָס בוך אויך גאָרנישט פאַרלוירן — איז עס אַליין פאַר זיך אַ צייכן פון נאָך נישט אויסגעשעפּטן יונגטלעכן ברען און מיטגעפיל, וואָס לעבט אינעם מחבר פון ווייפּרייד.

אויך טרייסט — צווישן די אַלע ספקות און טראַכטעניש — וואַקסט אויס אין זיין ליד, און אין לעצטן טייל פונעם בוך „ווייפּ־רייד” פילט זיך טאַקע אַ פאַרבעסערטע שטימונג און אַ הייטער־קייט. נייע טענער שלאָגן אָן אין זיין געמיט. „האָפענונג”, „נצחון”, „צוזאַמען”, „מיט שמחה”, „פעמי המשיח”, „איך גלויב”, „אויף לאַנגע יאָרן”, „ווייפּרייד”. — די עכטע און אָריגינעלע דיכטונג איז דאָך שטענדיק די, וואָס קומט אַרויס ממעמקים, די ווערטער וואָס גייען אַרויס פונעם האַרצן און גייען אַריין אין האַרצן, מיט וועלכע דער לייענער קען זיך אָפּט אידיענטיפיצירן, ווייל זיי גיבן איבער שטימונגען פונעם לעבעדיקן מענטשן, שטימונגען וועלכע קענען זיך בייטן ווי עס בייט זיך דאָס וועטער, דעם ים, דער ווינט, די וואָלקנס. און דער מענטש איז דאָך, קודם כל, אַ קינד פון דער נאַטור וואָס רינגלט אים אַרום, אַ קינד פון דער וועלט וואָס איז אָפּט אַזוי באַגרענעצט און דאָך אַזוי גרויס, אָפּט אַזוי פּשוט און גרויזאַם און צומאָל אַזוי מוטערלעך־גוט אָבער שטענדק אין־סופיק און אייביק, אייביק אומפאַרשטענדלעך און פול מיט מיס־טעריע.

און עס דאַכט זיך, אַז יונה בערקמאַן האָט געפונען דעם וועג צו שלוות־הנפש, ווי מיר זעען דאָס אין אָט די שורות:

מיינע ד׳ אמות צאַם איך אָפּ פון וואָר צעבראַסטער
מיט ראָזע שויבן פון מיין ליד...

יאָ, מיט ראָזע שויבן פון זיין ליד.

מוטער־ליבע און ליבע צו מאַמע־ערד
אין חיים מאַלטינסקיס פּאָעזיע

די שרייבערישע קונסט באַזיצט די אייגנשאַפט צו דעמאַסקירן אירע שעפער. זי דעקט אויף יעדעס פאַרבאָרגענע געפיל, יעדן פאַרהוילענעם געדאַנק — זי רייסט אַפילו אַראָפּ דעם גייסטיקן פייגנבלאַט. וויפל געדאַנקען דער שרייבער זאָל נישט אַריינבלאָזן אין די מוחות פון זיינע העלדן, און וויפל ווערטער ער זאָל נישט אַריינגלייגן אין זייערע מיילער וואָס רעדן וועגן יענעם — הערט מען פונדעסטוועגן נישט קיינעם, ווי נאָר דעם שעפער אַליין. יעדער בליץ פון געדאַנק און יעדער בליאַסק פון וואָרט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער אויסדרוק פון אים אַליין — פונעם שרייבער.

די פּראָזע איז נאָר מסוגל בעסער דאָס אַלץ צו פאַרשטעלן, צו פאַרשלייערן, כדי „אָפּצונאַרן" כאָטש אויף אַ ווײַלע דעם לייע־נער און אפשר אויך כדי צו געבן אַ שפּעטערדיקע מעגלעכקייט דעם קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער זיך צו גריבלען אין די געהיימנישן פון דער שרייבערישער פּראָזע־קונסט.

די פּאָעטישע קונסט (און באַזונדערס די ליריק) איז אין אַ געוויסער מאָס פריי פון דער אייגנשאַפט זעלבסט־פאַרשלייערונג. זי דינט דער דירעקטער קאָנפראָנטאַציע פון שרייבער מיטן לייענער.

די פּאָעזיע פון חיים מאַלטינסקי לאָזט זיך, כמעט, פון זיך זעלבסט, פאַרעכענען צו דעם איידעלן זשאַנער. עס איז גענוג אַפילו נאָר אויבערפלעכלעך אַדורכצובלעטערן די צוויי ביכער „די ערד פאַרשטייט" און „מיין מאַמעס אָנבליק", און פאַר אייערע אויגן דערשיינט דאָס אמתדיקע געשטאַלט פונעם פּאָעט מיט אַלע זיינע

גרויסקייטן און קליינקייטן, מיט אַלץ וואָס די נאַטור האָט באַ־שאָנקען די „העכסטע שאַפונג" אירע, מיט אַלץ וואָס איז אָנגע־נומען און מענטשלעך. ווייל חיים מאַלטינסקי זינגט וועגן אַלץ מיט פשוטע און פאַרשטענדלעכע ווערטער. יעדע מינדסטע דער־שיינונג ציט זיין אויפמערקזאַמקייט. ער כאַפּט־אויף און פאַרפיק־סירט יעדן פּרט. ער זעט די דינסטע ניואַנסן פון דער מענטשלעכער נשמה, ער הערט די דינסטע טענער — די שפּראַך וואָס נאָר אַ פיינפילנדיקער פּאָעט קען אויפכאַפּן און פאַרשטיין. און ווען חיים מאַלטינסקי שרייבט וועגן דער טאָג־טעגלעכקייט, דוכט זיך אייך, אַז מען דאַרף גאַרנישט אַרומלויפן און זוכן קיין אויסגעטראַכטע טעמעס. מען דאַרף זיך נאָר איינבייגן און אויפהייבן. ווייל דאָס לעבן אַליין איז דאָך אַזוי פאַרביק־רייך און:

„אוי שטאַרקער, שטאַרקער איז
„דאָס לעבן פונעם טויט!" — — —

קומען דעריבער דאָ צום אויסדרוק אַלערליי שטימונגען, פרייד און טרויער, פאַרשטענדעניש און אומצוטרוי, אָפנהאַרציקייט און פחד, זאָרגלאָזיקייט און ערנסט, ליבע און שנאה, איבערגעגעבנקייט און פאַראַט, בענקשאַפט און אַנטוישונג.

און איבער אַלץ שוועבט די אויפריכטיקייט אַליין און זי טרי־אומפירט מיט אמתן שטאָלץ און ערלעכקייט.

איז מיר דעריבער געוואָרן אַזוי אָנגענעם־וואַרעם אַדורכצו־בלעטערן די צוויי ביכער פּאָעזיע פונעם נייעם עולה פון רוסלאַנד, חיים מאַלטינסקי, כדי איינצוזאַפּן אין זיך דעם וווּנדערבאַרן וואַלד־גערוך, וואָס טראָגט זיך פון די שורות, אויסהערן דאָס שטילע שעפּטשען פון די צווייגן און — אַליין אַריינצופאַלן אין נאָסטאַל־גיע און אָפּפילן די ליבע געמיטלעכקייט פון דער אַמאָליקער, אַזוי טראַגיש פאַרשוווּנדענער, יידישער היים מיט דער וווּנדערבאַרער יידישער מאַמע.

אַדאָראַציע פון דער מוטער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענטשן

מיט אַ פיינפילנדיקן נערוון־סיסטעם. און אויב די דאָזיקע מענטשן זענען אויך געבענטשט מיט קינסטלערישע פעאיקייטן — קומט די ליבשאַפט צום אויסדרוק אין דער קונסט, אין דער פּאָעזיע.

לייענסטו און דו שטוינסט. חיים מאַלטינסקי איז דאָך אַ רוסי־שער „צבר", אַ געבוירענער שוין נאָך דער רעוואָלוציע און אַ דערצויגלינג פון דער „גליקלעכער און זאָרגלאָזער סאָוויעטישער געזעלשאַפט". פון וועמען האָט עס חיים מאַלטינסקי געלערנט? פון וואַנען האָט ער געשעפט זיין שעפערישקייט?

נישט אַנדערש, אַז די געטלעכע מתנה, וואָס נידערט אַראָפּ אויפן דיכטער, האָט נאָך דערוויל נישט קיין אויסטייטש. הגם דער מחבר פרוווט אונדז אויפקלערן ביים סאַמע אָנהויב פון זיין בוך „מיין מאַמעס אַנבליק":

„פון וואַנען, מיינסטו, נעמט זיך עס ביי מיר / דער טראָפּן חן? / פון קליינוויין אויף האָט פיין געשליפן מיך / פונקט ווי די כוואַליע שלייפט דעם שטיין. / — די ביטערניש האָט מיך געפּרעסן און געגליט / ביז אַנגעצונדן האָט זיך אין מיין ליד". — —

ווייל דאָס לעבן אונטער דעם אייזערנעם פאַרהאַנג איז אומ־דערטרעגלעך שווער:

„אין צימער ביי מיין העלן אַרבעטס־טישל / איז גוט אַזוי און געמיטלעך און וואַרעם. / בין איך דען, זאָגט, ניט ענלעך אויף אַ פישל / וואָס פרייט זיך אין קליינינקן אַקוואַריום". — — —

אָבער איצט געהער דאָס אַלץ דער פאַרגאַנגענהייט. איצט קען ער שוין אויפעפענען דאָס האַרץ און די ווערטער צעפליסן זיך אין מעכטיקע שטראָמען. פאַרשטייט זיך, אַז ביז עס וועט געלונגען איינצוזאַפּן דעם נייעם קלימאַט — מוז מען זיך דערוויל אַראָפּרע־דן פונעם האַרצן. אַנדערש קען מען זיך נישט באַפרייען פונעם אָנגעזאַמלטן יאָך. גרויס און טיף איז די אַנטוישונג אין דער אַרו־מיקער וועלט. דער ייד איז פאַרבליבן אַן אָפּגעגאַרטער און פאַראַ־טענער פון זיינע שכנים. דער דיכטער, וואָס האָט אין דער מלחמה

מיט די היטלעריסטן פאַרלוירן זיין פיס, קלאָגט אויף זיין שכן מיקאָלע:

„וואָלט ער כאָטש מיין קינד פאַרהיט"...

נאָר ער ווייסט:

„ער האָט דאָך געדאַרפט מיט די דייטשן / טרינקען און זויפן. / הינק איך אום איצט אַליין, נע ונד / איבער חרובע הויפן". — — —

נאָר ווי עס זעט אויס, האָט די פּאָעזיע אירע געזעצן. די דיכטערישע געפילן זענען נישט אָפּגעטעמפּט. עס איז גענוג זיך צו געפינען אין ווינטער־וואַלד צווישן די ווייסע בעריאָזעס אָדער „ביינאַכט אין וואַלד אין יעלאָוון אַנטקעגן דער פולער לבנה".

חיים מאַלטינסקי האָט שטאַרק ליב די זון, די ערד, דיביימער, דעם ים, די שוימיקע כוואַליעס „ווי זיי איילן צום ברעג אָן אַן ענד". ער האָט ליב די נאַטור — און ליב האָבן די נאַטור הייסט אויך ליב האָבן די קרוין פון דער נאַטור — דעם מיטמענטש.

די גרויל־צייט פון די נאַציס האָט זייער אכזריותדיק אָפּגע־סטעמפּלט זיין לעבן. די מערדערישע הענט האָבן דערמאָרדעט זיין הויזגעזינד. ער קומט „דאָס שטעטעלע באָקוקן" און הערט „דער מאַמעס לעצטן קרעכץ". מיט די גייסטיקע אויגן זעט ער:

„מיין מאַמע זיצט אויף אונדזער קינדער־בענקעלע איינגעבויגן... / און מיט האַנט אויסגעדאַרט — דינער / ווי אַ האַמער־הענטל, נייט זי צו צו מיין זונס העמדעלע / די געלע לאַטע!" — — —

דער דיכטער קען זיך נישט און וויל זיך נישט, זעט אויס, באַפרייען פון זיין מאַמעס אָנדענק: „איר ליבן נאָמען כ'וויל קיין האָר ניט לעסטערן".

עס איז קיין וווּנדער נישט: די האַרציקייט פון דער מוטער־לעבער ליבע צו די קינדער ווען זי איז געבליבן אַ יינגע אלמנה, איר איבערמענטשלעכע איבערגעגעבנקייט, איר געטריישאַפט און אָפּפערוויליקייט האָט זיך טיף פאַרנעסטעט אין די יונגע הערצעלעך.

דער שווערער גורל און די איבערמענטשלעכע ליידן האָבן נישט צעבראָכן דעם דיכטערס גייסט, נישט אָנגעפולט מיט קיין יאוש, נישט אָנגעגאָסן מיט פאַרביטערונג. ער רעאַגירט אויף דעם אַלעמען מיט צער און פראָטעסט, עס טוט אים ווייַ וואָס דער מענטש איז צייטווייליק נכשל געוואָרן.

חיים מאַלטינסקי איז פאַרבליבן אַ האַרציקער דיכטער און עס שפרודלט פון אים מיט גוטסקייט, מיט אַ סך פריינטשאַפט, מיט מענטשן־ליבע און מיט אָפּטימיזם. אָפּטימיזם — הייסט: פאַרגעסן דאָס שלעכטע, גלויבן אינעם מענטשן, בטחון אינעם געטלעכן באַשאַף. כאָטש חיים מאַלטינסקי איז אַ דורכאויסיקער טיף־ליריי־שער אינדיווידואַליסט, איז אים לגמרי נישט פרעמד די פאָן פון מענטשלעכקייט און פרייהייט. און ווייל ער איז פול מיט געזאַנג צו דער מאַמע־ערד און מיט לויב פאַר דער משפחה־קרוין די מוטער — קענען די איינגעבוירענע אייגנשאַפטן פון אָפּטימיזם און בטחון ווערן אַ וועג־לייכטער אין אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

אַ רגע פון היימישקייט מיט משה גראָסמאַן

נאָכן איבערלייענען זיין „ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער" האָב איך באַשלאָסן אויסצודריקן אים פּערזענלעך מיין אַנערקענונג.

ס'איז געווען פּסח צייט 1959. משה גראָסמאַן ז"ל האָט דאַן געוווינט אין שכון עמידר, אין זייער קליינינקע צימערלעך אויפן צווייטן שטאָק. כ'בין אריבער די שוועל פון אַ קליין צימערל, פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען אַ מיטלוווקסיקער מענטש מיט ברייטע געשווירענע וואָנסעס די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך לייכט געזיל־בערט. איך האָב אים געפרעגט צי וועט מיין פרימאָרגן־וויזיט אים נישט שטערן.

משה גראָסמאַן ז"ל האָט אָנגעשטעלט אַ רואיקן בליק און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— ביטע זעצט אייך קודם!

פאַראַן מענטשן וואָס שטויסן אָפּ פון זיך גלייך פון ערשטן בליק, שווער אין זיי צו געפינען עפּעס וואָס געמיינזאַמעס מיט דעם מיטמענטש אָבער מיט משה גראָסמאַן ז"ל האָט מען זיך דערפילט היימיש מאָמענטאַל. היימיש — ווי דער נאָמען פון דעם זשורנאַל וואָס איז געווען די לעצטע יאָרן די פאַרבינדונגס־בריק צווישן יידישע שרייבער אויף דער גאָרער וועלט און ישראל.

— פאַרוואָס פאַרוואַנדלט איר נישט דעם „היימיש" אין אַ וואָכן צייטונג? — האָב איך געפרעגט גראָסמאַנען.

— דאָס איז נישט נויטיק — האָט משה גראָסמאַן ז"ל געזאָגט — איך האַלט אַז עס איז גענוג צו לייענען אַן ערנסטן זשורנאַל איין מאָל אין חודש. איך האָב אַ גרויסן לייענער קריין צווישן די חברים פון כנסת, די שרייבער אין יידיש און די שרייבער אין עברית וואָס קענען יידיש, די יידישע אינטעליגענץ אין לאַנד און

אין אויסלאַנד. אַ דאַנק דעם „היימיש" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּאָסט מאַרקע געווידמעט 100 יאָר שלום עליכם. מען רעכנט זיך היינט מיט „היימיש" אָבער צו מאַכן פונעם זשורנאַל אַ וואָכן צייטונג בין איך נישט פאַראינטערעסירט.

— אָבער אייער בוך „דער וידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער" איז געוואָרן אַ מאַסן בוך. איך האַלט אַז אייך איז געלונגען צו געבן אַ פולע שילדערונג פון „גאָט וואָס האָט אַנטוישט" אויף דער יידישער גאַס אין פאַרמלחמה׳דיקן פוילן.

משה גראַסמאַן ז״ל טראַכט אַ ווײַלע, און זאָגט לאַנגזאַם:

— דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ווייטיקט נאָך אַלץ ביי מיר אין האַרצן. כ׳האָב נאָך פיל צו זאָגן וועגן דעם און אויב מיר איז מיט עפּעס געלונגען אויפצודעקן פון יענעם זייט פאָרהאַנג — האַלט איך עס פאַר אַ גרויסער דערגרייכונג. מענטשן האָבן געווײַנ־לעך אַ שוואַכן זכרון, די צייט מעקט אויס פון געדעכעניש פיל זאַכן, מען איז מוחל, מוותר — אַזוי איז די טבע פון מענטש. מעגלעך אַז עס דאַרף אַזוי זיין, נאָר די אויפגאַבע פון אַ שרייבער איז צו פאַרפיקסירן בילדלעריש אַזעלכע סיטואַציעס, איינראַמען די געדאַנקען אין קינסטלערישע דענקמאָלער, צוגעבן די געהעריקע פאַרב אַזוי, אַז אַפילו אין יאָרן אַרום זאָל עס וועקן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. דאָס איז די אויפגאַבע פון דער קונסט וואָס שטייט העכער פון יעדער תקופה. געלינגט עס דעם קינסטלער — דאַן גייט ער אַריין אין פּאַלאַץ פון דער אייביקייט. נאָך היינט האָבן מיר הנאה פון שעקספּירן כאָטש עס זענען אַוועק אַזויפיל יאָרן נאָך זיין טויט. און אויב מען זאָגט, „אַז נישט דאָס אָרט טוט באַשיי־נען דעם מענטשן נאָר דער מענטש — דאָס אָרט" קען מען מיט זיכערקייט פּאַראַפראַזירן: „ניט די טעמע מאַכט וויכטיק דעם שריי־בער — נאָר דער שרייבער דעם אינהאַלט פון זיין ווערק!"

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעאָטעמט און גענומען ווייטער רעדן.

— אָט נעמט צום ביישפּיל, „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" אַ טעמע וואָס וועט נאָך געבן מאַטעריאַל פאַר דורות שרייבער. זעט

מיט וואַסער קראַפט קאַצעטניק האָט עס געשריבן! במשך פון אַ קורצער תקופה האָבן מיר געזען דאָס אויפקומען און פאַרגיין פון שטאַרקע יחידים. דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט האָט זיך פאַר־שריבן אין דער געשיכטע מיט בלוט און מיר יידן האָבן די רעדער געשמירט מיט אונדזער בלוט. טייער באַצאָלט האָבן מיר. דעריבער וואַרט נאָך אונזער יידישע עפּאָפּעע אויף אַ תקון. איך דענק אַז דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה איז עפּעס אַ מין פאַר־גיטיקונג פון דער היסטאָריע. פאַרטראַכט זיך אויך איבער דעם, דאָס מוז מען קענען אָפּפילן ווייל מיטן בלויזן שכל קען מען דאָס נישט באַנעמען.

גראָסמאַן האָט אָנגעשפּיצט זיין בליק:

— עס זענען פאַראַן זאַכן וואָס אפילו די היינטיקע וויסנשאַפט קען זיי נאָכנישט באַגרינדן. איך וויל נישט אַריינפאַלן אין קיין מעטאַפיזישע שטימונגען, אָבער ווען מען באַטראַכט דאָס קליינע לענדעלע אונדזערס פון היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, קען מען זיך דאָ נישט באַגיין אָן דער באַקאַנטער טערמינאָלאָגיע פון היסטאָ־רישער נויטווענדיקייט. און ס׳ווערט אַזוי אַלץ קלאָר און אומקלאָר, ווייל אויב שוין נויטווענדיק איז דאָך נויטווענדיק אַלץ; גוטס ווי שלעכטס, שוואַרץ ווי רויטס, אויפקום און אומקום. קאַצעטניק האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ תקון דעם אומקום. ער טוט עס מיט דער גאַנצער ערלעכקייט זיינער. קען זיין אַז איין נויטווענדיקייט האָט געבוירן אַ צווייטע נויטווענדיקייט. אין אומקום איז שוין פאַראַן דער אויפקום. די מדינה אונדזערע איז געבוירן געוואָרן נאָך אין וואַרשעווער געטאָ, אין מיידאַנעק און אושוויענטשים. און אויף דעם דאָזיקן — וואַרט נאָך אַ גואל. ס׳וועלן נאָך באַשטימט אַוועק אַ פּאָר היבשע יאָר — ס׳איז עפּעס אַזוי שטיל אין דער ישראל־ליטעראַטור אָבער איך דענק אַז דאָס איז אַ שטילקייט פאַר אַ שטור־רעם. יעדע תקופה האָט אירע פּראָבלעמען. דאָס פּראָבלעם פון אונדזער איצטיקער ישראל־תקופה איז דאָס פּראָבלעם פון איבער־בוי, פון רענעסאַנס. פאַר דער וועלט זענען מיר ווידער אַ מערק־

ווירדיק רעטעניש. די היסטאָריע ווייסט דערווייל ביז היינט צו טאָג נאָר איין פאַל פון ווידעראויפלעבן: מדינת ישראל נאָך צוויי טויזנט יאָר וויסטעניש.

— מיר דוכט — האָב איך געזאָגט — אַז עס זענען פאַראַן אין ישראל פיל מענטשן וואָס טיילן מיט אייערע געדאַנקען. עס איז דאָך קלאָר אַז ווי אין דער נאַטור אַזוי אין דער געשיכטע פון די מענטשן — קען נישט בלייבן קיין פוסטער חלל. ישראל איז היינט געוואָרן פאַר אַ טייל דער מאַטעריעלער און מאָראַ־לישער אָנהאַלט...

— וואָס הייסט פאַר אַ טייל? — האָט זיך משה גראָסמאַן ז״ל געוווּנדערט, דאָס איז פאַר צוויי מיליאָן יידן. דאָס איז דער קינפטי־קער קערן! —

✶

איך האָב זיך גענומען גרייטן אָוועקצוגיין נאָר גראָסמאַן ז״ל. האָט באַמערקנדיק עס געזאָגט:

קומט, וועט איר זען מיין ביבליאָטעק. ער איז אַ שטראַלנדיקער צו צו די ביכער.

— האָט איר צייט דען אַמאָל אַריינצוקוקן אין זיי? — האָב איך געפרעגט.

— איך בין טאַקע זייער פאַרנומען. צענדליקער בריוו באַקום איך פון דער גאַנצער וועלט און איך האָב אַ טבע, ווי אייך איז באַוווּסט, נישט שולדיק צו בלייבן. מען מוז אַליין אַדורכקוקן די קאָרעספּאָנדענץ, אָפּקלייבן און ענטפערן. איך שרייב אַ סך, זעץ איבער פון רוסיש, פויליש. און דאָך געפין איך צייט אויף דורכ־צולייענען אַ בוך.

כ׳בין אַראָפּ פון די טרעפּלעך און אָוועקגעשפּרייזט איבער די זאַמדיקע שטעגעלעך, געפילט אַז דאָס וואָרעמקייט וואָס האָט נאָכגעווייעט נאָך מיר האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם לייכטן פרילינג־ווינטעלע און אָנגעפולט דאָס האַרץ מיט אַן אָנגענעם און באַרויקנדיקן ציטער.

דאָס איז געווען אַ בעגעגעניש מיט אַן עכטן פּאָלקס־מענטש, און מענטשנפריינד, אַן אָריגינעלער שרייבער, דענקער־רעוואָלוציאָנער וועמען די אכזריותדיקע ווירקלעכקייט האָט צעשטערט די שענסטע חלומות. ווען מען דערמאָנט זיך אַז ער איז מער נישטאָ צווישן אונז — ווערט טרויעריק אויפן האַרצן, ווייל משה גראָסמאַן ז״ל האָט אין משך פון זיין קורצן נאָר פולבלוטיקן לעבן געזוכט דעם מקור פון גערעכטיקייט. און פּונקט ווי משה נאַדיר איז אויך גראָסמאַן אין די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ בעל תשובה.

אין זיינע „טאָג בוך נאָטיצן״ האָט ער פאַרצייכנט אונטער דער דאַטע פון אָקטאָבער 1958: „שוין אַ יאָר בערך זינט איך טו אָן יעדן טאָג טלית ותפילין... דאָס איז דאָך געהייליקט דורך טויזנטער יאָרן; ס׳האָבן עס אויך געטאָן מענטשן וועלכע האָבן טיפער געפילט פון מיר... עס האָט דעם ריח, דעם אַראָמאַט פון קדושה, איז גענוק — דיינו, מעגסטו עס שוין טאָן...״

אין טיגל פון לייב חיין שמעוני

אין איינעם פון די חיפהער יידיש־קלובן האָבן זיך געווענדעט צו מיר עטלעכע יודעי ספר, פריינט פון יידישן געדרוקטן וואָרט מיט אַ פּרעטענסיעזער פראַגע: זיי האָבן גוט געקענט און געדענקען נאָך דעם חיפהער שרייבער לייב חיין שמעוני און פאַרמאָגן אַפילו אַ טייל פון זיינע כתבים. זיי האָבן אויך געהערט וועגן זיין לעצטן ראָמאַן „אין טיגל", נאָר וויסן אָבער נישט ווי מען קאָן דאָס בוך באַקומען.

כ׳בין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט און געטראַכט, ווי ריכטיק קלינגען אַמאָל די ווערטער: חבל על דאבדין — ולא משתכחין. ס׳איז אפשר די גרעסטע טראַגעדיע פאַר אַ פען־מענטש ווען ער גייט אַוועק אין דער אייביקייט מיט אַ רגע פריער פאַר דער צייט.

לייב חיין שמעוני האָט פאַרלאָזט די זינדיקע וועלט סך הכל עטלעכע טעג פאַר דעם ווי זיין ראָמאַן פון ישראל־לעבן „אין טיגל", אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אַ צענדליק יאָר, איז אַרויס פון דרוק. עס איז געווען דאָס אַכטע ווערק פונעם שרייבער און עס איז ווערט באַזונדערס געאַכטעט צו ווערן, ווייל פּראָבלעמען פון אויפקום פון דער מדינה, בווּונג פון יישוב און אַבסאָרבציע פון עליה, פּראָבלעמען פון אינטעגראַציע פון מזוג־גלויות, בווּונג פון אַ נייעם מענטשן, פון אַ נייער געזעלשאַפט — זענען דאָרט געוואָרן באַרירט און ברייט אַנטוויקלט.

ווייל לייב חיין שמעוני איז געווען דער מענטש פון קאַמף, דער ערלעכער פּאַטריאָט און אינטערנאַציאָנאַליסט, דער עסטעט־ליטעראַט און בעל אמונה. אין פלוג, אייגנשאַפטן זיך קעגנשטייענ־דיקע, ווען יעדע אייגנשאַפט באַזונדער וואָלט געווען גענוק פאַר

אַ מענטשן נישט גאָר קיין דורכשניטלעכן. אָבער שמעוני האָט באַזיצט די פעאיקייט פון צונויפשמעלצן קעגנזאַצן און זיין רייך־פובליציסטיש־געזעלשאַפטלעך לעבן איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פון עניוות און מענטשלעכקייט.

געבוירן דעם 26סטן יולי 1900 אין סוואַלק איז ער פון דער פריסטער יוגנט אַ טיכטיקער כלל־טוער אַן פערזענלעכן נוצן, אַן רווח. ער איז געווען אַ געשווירענער וואָלאָנטאָר. יאָרן לאַנג געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער קראַנקן־קאַסע, אין קאָנסום־קאָאָפעראַציע. איז עס דען נישט גענוג פאַר געזעלשאַפטלעכער באַשעפטיקונג? איז אָבער לייב חיין שמעוני אויך אַ פאַרטיי חבר אין דער לינקע פועלי־ציון — ווערט ער דער אַקטיווסטער אַגיטאַטאָר און טרובאַדור פון דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם און עס איז נישט פאַראַן קיין זשורנאַל אין לאַנד און אין אויסלאַנד — אין יידיש און עברית, אַז לייב חיין שמעוני זאָל נישט פאַרעפנטלעכן זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען — אַבאַ גוטעס, א. ליטוואַק, ראובן, און ד. ג. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען דיינו — האָט אָבער דער שעפערישער שפרודל זיינער אים נישט אָפגעלאָזן. אין זיין פאַכמענישער אַרבעט איז שמעוני געווען אַן אינזשעניער־מעסטער און ער האָט אַדורכגעשפּאַנט דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. דאָ האָט ער געפונען דעם באָדן און מאַטעריאַל פאַר זיינע עסטעטישע באַדערפענישן. שמעוני האָט איינגעזאַפּט דעם ריח פון דעם ישראל־דיקן נאַטור־פּייזאַש און האָט אים איבערגעגאָסן אין זיינע נאָוועלן און דערציילונגען. און געווען איז שמעוני „אין גאַנג", „טאָג איין און טאָג אויס", שטענדיק געווען „אונטערוועגס", גאַנץ אָפט באַרג אַראָפּ און דער עיקר „באַרג אַרויף" — ווו ער האָט זיך געטראָפן מיטן פשוטן פאָלק, מיט עמך און מיטן פשוטן גלויביקן ייד פון אַלטן צפת און טבריה. ער האָט זיך אויך געטראָפן מיטן אַראַבישן פלח, געקענט זיין שפּראַך און באַקענט זיינע וועגן און געוווינהייטן. איז דעריבער קיין וווּנדער נישט וואָס דאָס אַלץ איז ביי אים

געוואָרן פיקסירט אין וווּנדערבאַרע ווערטער־סימפּאָניעס וועלכע גיבן איבער דעם קלאַנג און דעם ריח פון יידישער ווידערגעבורט אויף אַלטער, מיט טרערן און מיט תפילות אויסגעבענקטער ערד. און בעת דער מענטש פון קאַמף שפּריצט מיט פייער — געפינט דער ערלעכער פּאַטריאָט און אינטערנאַציאָנאַליסט שטילע מאָטיוון פאַרן צוזאַמענלעבן פון ביידע פעלקער. און בעת דער סאָציאַליסט אין אים האָט געקוקט מיט קריטישע אויגן אויף די היימישע כלי־קודש — האָט דאָס טיפע זעלישע אויג אינעם שרייבער געזען די וווּנדערבאַרע גאַנץ אָפּט אומפאַרשטענדלעכע וועגן פון דער השגחה. —

*

די הויפּט־העלדן „אין טיגל" זענען:

די פראַנצויזישע משפחה פון פאַריז בורזשע. פּאַפּאַ רענאַרד, מאַמע סוז, זייער זון, דאָקטאָר, פּיער און זייער טאָכטער — רעזשין. זייערע פריינט זענען די יידישע משפחה פון פאַריז בער. זשאַק און זיין פרוי בילע־ביילע און זייער טאָכטער מינאַ. ווייטער קומט די חיפהער משפחה, אָפּשטאַמיקע פון וואַרשע, סטעפאַן — שלום דער פאָטער, די אמא פרידאַ און זייער זון ניסאַן — אַ ים־אָפיצער. בילע־ביילעס ברודער בנימיני, וואָס וווינט אין חיפה מיט זיין פרוי, שושנה. אַדון בנימיני איז אַ קבלן פון הייזער־בוי, אַ מצליח אָבער אַ קינדערלאָזער. שפּעטער קומט נאָך צו מעסיע אַלאַן פראַנק — אַן אַסימילירטער ייד פון פאַריז — דער הויפּט אינזשעניער פון דער חיפהער כרמלית — וואָס איז ווי באַקאַנט אויסגעבויט געוואָרן דורך אַ פראַנצויזישער געזעלשאַפט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך אַלעס זענען די צוויי יינגע מענטשן רעזשין און ניסאַן.

רעזשין בורזשע, די טאָכטער פון ליבעראַל געשטימטע פראַנצויזישע עלטערן, אַרבעט אין אַ פאַריזער רעדאַקציע ביים טעלע־פּרינטער. אויסנוצנדיק איר זומער אורלויב, מאַכט זי אַ רייזע מיט אַ ישראל־שיף אַרום די ברעגן פון מיטלענדישן ים. זי באַזוכט

איטאַליע, גריכנלאַנד, ציפערן און ישראל. אַ צופּעליקע באַקאַנט־שאַפט מיט אַ יידישן שיפס־אָפיצער ניסאַן פון חיפה, דעצידירט איר ווייטערדיקן לעבנס־וועג. רעזשין באַזוכט ניסאַנען אין דער היים און מאַכט אויף אמא פרידאַ אַ גוטן איינדרוק, אָבער אמא פרידאַ וואָרנט דעם זון ניסאַן אַז „פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס". זי וויל אויך באַקענען רעזשינס עלטערן און האָפט אַז ניסאַן וועט קיינמאָל נישט פאַרוואַרפן די יידישע טראַדיציעס פון אָפּהיטן שבת און יום־טוב און וועט געדענקען דעם געפאַלענעם ברודער זיינעם וואָס איז אַלס וואָלאַנטאַר אַוועק אין דער יידישער בריגאַדע. —

ניסאַן באַזוכט פאַריז כדי צו באַקענען רעזשינס עלטערן. דער ים־אָפיצער איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן אָבער „זיין יידישער אָפּשטאַם האָט זיי אָפּגענומען די רו". זיי זענען טאַקע זייער ליבעראַלע מענטשן און ווייסן פון אַזעלכע געמישטע משפחות פון יידן מיט פראַנצויזן, אָבער דאָס אַלץ איז גוט ביי יענעם... די מאַמע סוז טרייסט זיך אַפילו „אַז אפשר שפּעטער מיט דער צייט, וועט ניסאַן זיך באַקענען צו רעזשינס גלויבן". —

ענלעכע געדאַנקען שפּינען זיך אין מוח פון אמא פרידאַ. זי האָפט אַז רעזשין וועט מיט דער צייט זיך באַקענען צום יידנטום.

לייב חיין שמעוני קען זייער גוט די העלדן זיינע, ער ווייסט פון זייערע שטאַרקע און שוואַכע זייטן, ער פילט אויס יעדן פאַרבאָרגענעם געדאַנק. זעט אויס אַז ווי עס יידלט זיך אַזוי פראַנצויזלט זיך. ס'איז נישט לייכט מוותר צו זיין אויפן פּינטעלע ייד און אַזוי אויך ביי די פראַנצויזן. אָבער די יינגע זיך־ליבנדיקע הערצער דיקטירן די עלטערן אויסצופירן זייערע פאַרלאַנגען אָן באַדינגונגען פון פאַרויס. נאָכן ציווילן חתונה־אַקט אין מאַרסעל, קלייבן זיך די יינגע אַריבער אין דער נייער היים אין חיפה. אָבער ניסאַן איז דאָך אַ ים־מענטש און זיין אָפטע אָפּוועזנהייט קימערט רעזשינען זייער שטאַרק. נאָך גוט וואָס רעזשין פילט זיך גוט צווישן אירע יידישע באַקאַנטע, קיינער שטערט איר נישט צו לעבן ווי זי וויל,

קיינער פרעגט נישט ביי איר וועגן איר גלויבן — זי פילט אַז איר גלויבן איז פאַר איר אַ פולקאָמער פריוואַטער ענין. דאָך טראַכט זי אַז ווען עס וועט קומען אַ קינד — וועט זי זיך באַקערן צום יידישן גלויבן. רעזשין האָט גאָר גיך באַוויזן צו דערקענען דאָס לאַנד און זי ווייסט אַז „אינעם מענטשלעכן טיגל, אין לאַנד פון דער גרויסער עליה ווערט אַזוינס פאַרווישט לפּחות ביז דער חתונה״. אמת, קיינער אינטערעסירט זיך נישט, אָבער זי פילט אַז זי ווערט ביסלעכווייז איינגעוואַקסן אין דעם דאָזיקן קליינעם לעבעדעלע מיט די גרויסע פּראָבלעמען, זי ווערט אַן אייגענע און סאָלידאַריזירט זיך מיט אַלץ. אָבער די קריסטלעכע אַטמאָספער אין וועלכער זי האָט זיך דערצויגן איז פאַר איר לחלוטין פאַרלוירן און די געפאַר פון גייסטיקער פוסטקייט איז אַ ממשותדיקע. רעזשין פילט אָפּ אַ טיפע באַדערפעניש אין אמונה און אירע באַזוכן אין בית־הכנסת האָבן פאַרשטאַרקט אירע רעליגיעזע געפילן. לייב חיין שמעוני, דער סאָציאַליסט און פרײַדענקער, האָט זייער גוט באַנומען דאָס פּראָבלעם פון רעליגיע אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. דעם ראָמאַן „אין טיגל״ פאַרענדיקט ער מיט אַן עפּי ענד. דער הויפּט־אינזשעניער פון דער כרמלית אין חיפה, אַלאַן פראַנק, העלפט רעזשין זיך מגייר צו זיין ביי אַ קאָנסערוואַטיוון רב אין פאַריז „כדת משה וישראל״ און דווקא דער אַסימילירטער פראַנצויזישער ייד באַשליסט אויך עולה צו זיין קיין ישראל.

לייב חיין שמעוניס סטיל איז אַ קלאַסישער, אַ רעאַליסטישער, אָנגעפּיקעוועט מיט העברעאיזמען, וועלכע גיבן איבער דעם קאָלאָריט פונעם לאַנד. אויף די צייט ווערט ביי אים געמאָסטן מיט די אַלטע העברעישע חדשים און אַזוי פלאַנצט שמעוני איין אינעם אונטערבאַוווסטזיין פונעם לייענער דעם אַלטן המשך פון אַ יידיש לעבן וואָס האָט אָנגעהויבן שפּראָצן און אויפלעבן אויף אַלטער יידישער ערד. — — —

אויף אַ קליינעם כאַראַקטעריסטישן פּרט ווילט זיך אָנדייטן: שמעוני איז מיט זיינע העלדן זייער קאָרעקט און אַפילו אַביסל

אַפּיציעל. ער שעצט זיי שטאַרק און פֿאַרגעסט נישט זיי צו טיטולירן „אמא פרידאַ״, „פּאַפּאַ רענאַרד״, „מאַמאַ סוז״ — דאָס אַלץ שאַפֿט די געהעריקע שטימונג און אַ דאַנק דער רייכקייט און בויגעוודיקייט פֿון שמעוניס שפּראַך — איז אויסגעמיטן די אָנגעצויגנקייט און שטייפֿקייט און עס לייענט זיך פֿליסיק און אָנגענעם.

דער ראָמאַן „אין טיגל״ ווי שמעוניס גאַנצע ליטעראַרישע ירושה — איז איין גרויסער לויב־געזאַנג צו מדינת ישראל.

„חיפה"

די קליינע שרייבער־גרופּע אין חיפה האָט צו פאַרצייכענען נישט קיין קליינע דערפאָלגן אין איר קולטור־טעטיקייט. עדות דאַרויף איז בלי ספק דאָס לעצטנס דערשינענע יאָרבוך „חיפה", וואָס איז געוואָרן אַן אכסניה נישט נאָר פאַר די אָרטיקע חברים נאָר אויך פאַר אַ צאָל יידישע פען־מענטשן פון דער יידיש־וועלט. און אויב מיר זאָלן צוגעבן, אַז דאָס דאָזיקע יאָרבוך פון 330 זייטן נעמט אין זיך אַריין אַ קימא־לן פון פינעף־און־צוואַנציק שרייבערס און דיכטערס און אַכט סקולפּטאָרן און מאָלערס, און עס איז רעדאַקטירט און ווערט פאַרשפּרייט דורך איין מענטשן — מרדכי קראַשניץ — מעג מען אויסדריקן אַפילו באַוווּנדערונג פאַר דער דאָזיקער קולטורעלער אַמביציע.

די טעמאַטיק פון זאַמלבוך איז אַ רייכע און פאַרשיידנאַרטיקע: ישראל־ און חורבן־ליטעראַטור, פּוילישע נאָך מלחמה־טעמעס און יידיש־אַמעריקאַנישע יוגנט־פּראָבלעמען אין ישראל, פילאָזאָפיע, פּאָעזיע, סקולפּטור און מאָלעריי. מיט איין וואָרט — פאַרשיידנאַר־טיק.

אין דער סאַמע מזרח־וואַנט פון „חיפה" זיצט זיך באַשיידן דער באַקאַנטער וועטעראַן און יידיש־פאַרטיידיקער ל. חיין שמעוני מיט זיין דערציילונג „אתרוגים". עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס שמעוניס אַכט ביכער־פאַרמעג הייבט זיך אָן מיט אַ ראָמאַן „באַרג אַרויף" (1951). איז ער דאָך חוץ אַ דערציילער, זשורנאַליסט, געזעלשאַפטלעכער און קולטור־עסקן אויך אַן אינזשיניער־טאָפּאָ־גראַף און גאַנץ ארץ ישראל האָט ער דאָך אויסגעמאָסטן פון די טאָלן (עמקים) ביז אַרויף אויף די בערג ווו זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעטסוועג איז געווען גאָרנישט קיין לייכטער. זענען אויפן

שווערן „באַרג אַרויף" אויסגעוואַקסן צענדליקער ישראל־טיפּן: מושבניקעס און שטאָטישע „עמך" און אינטעליגענץ, און פון אַלע־מענס מיילער שיט זיך אַ פערלדיקע יידישע שפּראַך, וואָס איז מיטגענומען געוואָרן פון דער אַלטער היים און איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויפן נייעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, פאַראַקערט מיט טעג־לעכער שווערער פּראַצע פון אַ נייעם איבערגעשטאַלטיקטן מענטש. חיין־שמעוני געהער צו די געשווירענע אָפּטימיסטן אין דער יידי־שער ליטעראַטור. ער האָט ליב די נאַטור, די נאַר־וואָס אויפגע־גאַנגענע זון, און ער ברענגט דאָס אַרויס סיי אין „טאָג איין טאָג אויס", סיי „אין גאַנג", אין „אונטערוועגס" — אין אַלע זיינע גרויסע און קלענערע דערציילונגען. אין „אתרוגים" שילדערט ער דאָס לעבן פון אַ מושבה „יסודות" צופוסנס פונעם באַרג גולן. דער מושבניק עמרם פאַרבינדט זיך מיט דער ערד מיט לייב און לעבן, ער לייגט אין איר אַריין נישט נאָר פיזישע פּראַצע נאָר דעם גאַנצן יש זיינעם און פאַרעקשנט זיך אויסצוכאַוועון אייגענע יידישע־כשרע אתרוגים. פאַר גאָלד־שטיקלעך קויפט ער איין עטלעכע ריטלעך אין אַ הויף לעבן שכם און ברענגט זיי אַהיים מיט גרויס מסירת נפש. אין די קורצע נאָר שווערע „זעקס טעג" זענען זיינע ביידע זין מנשה און יאָסקע מאָביליזירט און עמרם גראָבט שוץ גראָבנס. שפּעטער קערט זיך מנשה אום אַ געזונטער, אָבער יאָסקע — אָן אַ פוס. גאָר שנעל איז ער זיך מתגבר און נעמט טראַכטן פון זיין חברטע וואָס געפינט זיך אין אַ נאָענטן קיבוץ. דער געזונטער חוש פון ישראלדיקן נייעם מענטש העלפט צו אויסצוהיילן די ווונדן. „אתרו־גים" וויקלען פונאַנדער אַ שטיק פרישע געשיכטע פון דער יונגער מדינה, וואָס קעמפט פאַר איר קיום. עס לייענט זיך אַזוי שטיל, באַטש מען הערט דעם אויפרייס פון פיינטלעכע באָמבעס און שראַפּנעלן. ווייט פון אַלץ טראָגט זיך דער אָנגענעמער אַראָמאַט פון אתרוגים — כשרע, פון אייגענער שטאָלצער יידישער פּראַצע.

*

וועגן דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, מיט אַ מוסר השכל וועגן

מלחמהס בכלל, רעדט די קורצע דערציילונג פון מרדכי קראַשניץ „אריק איז געקומען אַהיים אַ גאַנצער". מרדכי קראַשניץ ספּעציאַליזירט זיך אין עטלעכע זשאַנערן. אויסער די עסייען אין וועלכע ער באַהאַנדלט יידישע שרייבערס מיט אַ ברייטער האַנט און טיפן אַנאַליז, באַהערשט ער די טעכניק פון דער מיניאַטור און דערציילונג. די נאַטור־שילדערונג איז ביי אים אַן אומאָפּפּרעגלעכער טייל אינעם אָרגאַנישן צוזאַמענשטעל פון די דערציילערישע עלעמענטן. ביי אַלע אומשטענדן און פּאַסירונגען זעט ער די נאַטור „די ווייסע וואָלקנדלעך וואָס האָבן זיך געטראָגן אויפן הימל", וואָס האָבן „שטיפעריש זיך געשפּילט מיט דער זון, וואָס איז דעם טאָג געווען אַ מילד־גלעטנדיקע און האָט ליבלעך געוואַרעמט די ערד". — אַזוי פירט אונדז מרדכי קראַשניץ אַריין אין דער דערציילונג, אַז עס דוכט זיך — ער קלייבט זיך אונדז אַריינצוברענגען אין אַ וועלט פון כולו טוב, פון אידיליע, פון שטילקייט און נחת רוח. אָבער ביי אים איז עס בלויז אַ שרייבערישער מוז. ער האָט ליב די קאָנטראַסטן, דאָס ליכט און דעם שאָטן, די שיינע נאַטור־שילדערונג העלפט אים, כאילו, אויף אַריינצופירן אין דער עצם געשעעניש אויף די בערג פון גולן, ווו מען האָט „יענעם טאָג נישט געפילט די פרייד פון פרילינג". „באָמבעס און שראַפּנעלן האָבן צעשטערט די שטילקייט פון די בערג און ריזיקע וואָלקנס רויך פון שריפות האָבן פאַרטונקלט די זון און איינגעהילט די געגנט אין אַ פינצטערניש". אַריק, דער צה"ל־זעלנער איז פאַרביטערט צוליבן טויט פון זיין בעסטן חבר. ער שווערט נקמה צו נעמען אין די סירישע מערדער, וועלכע מען דאַרף פאַרניכטן אָן רחמנות. אָבער אין איינעם פון די שווערע נאַכטיקע קאַמפן טרעפט ער אָן אויף אַן אַראַביש פיר־יעריק קינד — אַ פאַרלאָזן, אויסגעהונגערט און וויינענדיק קינד. אַריק נעמט עס אויף זיין שויס און קאַרמעט עס אָן מיט זיין „אייזערנער פּאָרציע". עס זיגט דאָס מענטשלעכע געוויסן, נישט געקוקט אויף די גרוילן פון דער מלחמה.

*

לוי פּאַפּיערניקאָוו איז דאָ פאַרטרעטן מיט אַ דערציילונג „צוויי חברים". לוי פּאַפּיערניקאָוו איז אַ רעאַליסט, און זיין שפּראַך איז פאָלקיש אָנגעפּיקעוועט מיט לאָקאַליזמען. זיין טעמאַטיק איז אויך אַ פאָלקישע — וועגן פּשוטע מענטשן, „עמך", וועלכע לוי פּאַפּיערניקאָוו שילדערט מיט ליבע און מיט אַ לייכטן הויך פון זיין ספּעציפישן הומאָר. אין ישראל, אין דער נייער היים, האָט ער זיך גאָר שנעל אַקלימאַטיזירט און טראַגנדיק אין זיך אַ שלל מיט טיפן פון דער פאַרגאַנגענער צייט — האָט ער זיי גאַנץ גיך אַוועקגעשטעלט אויפן נייעם באָדן און אָפּגיסנדיק זיי מיט דעם פרעכטיקן ישראל־ליכט — אַריינגעאָטעמט אין זיי די נייע ווירקלעכקייט. די דערציילונג „צוויי חברים" איז אַן עכט יידישע, אַ געבוירענע אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין דער אויפגעקומענער יידישער מדינה. דער סטודענט בנימין פריינד חברט זיך מיטן צופעליק באַגעגנטן גאַראַזש־אַרבעטער גדעון חייט, דער געוועזענער גזי־שעגאָזש קראַוטשיק — וועלכער איז אויסגעהונגערט נאָך אַן אייגענעם נאָענטן מענטשן, נאָך אַ פאַמיליע. די חברשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פריינדשאַפט, זיי רופן איינער דעם אַנדערן „ברודער". קומט בנימינס מוטער צופאָרן אויף אַ באַזוך קיין ישראל און אויפן פלי־פּלאַץ וואַרטן זי אָפּ ביידע חברים בנימין און גדעון. בעת דער באַגעגעניש וואַרפט בנימינס מוטער אַ בליק אויפן רעכטן אויער פון גדעונען און דערקענט אין אים איר זון — פון דעם ערשטן אומגעקומענעם מאַן אירן...

אַ טעמע פאַר דער מאָדערנער לערע פון פּאַראַפּסיכאָלאָגיע.

*

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק האָט זיך ביז היינט ספּעציאַליזירט אין דער חורבן־טעמאַטיק און — מיט גרויס דערפאָלג. דריי ביכער אין יידיש און צוויי ביכער אין העברעיש איז איר ליטעראַרישער שניט. זי האָט נאָך זייער פיל צו זאָגן וועגן דער אויסטערלישער גאָטלאָזער תקופה און אַלע מאָל אין גאָר נייע וואַ־

ריאַציעס. אויפן פּאָן פונעם יידישן חורבן האָבן זיך געקרייצט רשעות און גוטסקייט, פּחדנות און העלדישקייט, נידערטרעכטי־קייט און גרויסמוטיקייט. אין דער פינצטערניש האָבן אויפגעבליצט זעלטענע פייערלעך וואָס האָבן געבראַכט די בשורה פון דער העבערקייט פון דעם „פינטעלע מענטש". עס זענען אויפגעקומען די „חסידי אומות העולם", וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן כדי צו ראַטעווען יידן פון אומקום. זיי וואַרטן נאָך אויף אַ קינסטלערישן תיקון און רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק האָט זיך פאַרמאָסטן עס צו טון אין איר דערציילונג „דער האַרעבאַטער יאַן". די זיבן באַטייליקטע העלדן מיט דעם הויפּטהעלד, „דער האַ־רעבאַטער יאַן" זענען מענטשן פשוטע אָן ספּעציעלע פּרעטענזיעס וואָס נעמען אָן דעם גורל ווי אַ צייטווייליקייט. טיף אין זיי טליעט דער גלויבן אין שכר ועונש. און דאָס גיט דעם סטימול דער פרוי לענאַ גוטמאַן, אַפּצופירן דאָס טעבטערל חנהלע־זאָסיאַ אין אַ קלויסטער־מאָנאַסטיר און דעם פאָטער מנשה גוטמאַן שטויסט עס אָפּצוגעבן דווידקען־וויצעקן צו זייער באַקאַנטן פויער יאַן אויפן דאָרף, עד יעבור זעם. גוטמאַן אַליין קומט אויך, אויף צומאָרגנס, צו יאַנען נאָכדעם ווי זיין פרוי לענאַ ווערט פאַרנומען ערגעץ דורך די ס.ס.־לייט פונעם געטאָ. אין דער פויערישער כאַטע ווערט פון דאַן אָן דאָס לעבן פון יאַנען מיט זיין קראַנקער שוועסטער טערעסאַ — געשטעלט אין קאָן. אָבער דער ביבל־לייענער, דער האַרעבאַטער יאַן, געפינט אַ טרייסט אין גלויבן אין די הייליקע ווערטער פון די אַלטע חכמים. עס מוטיקט אים אויך דער גוטער פּראָפעסאָר זאַלעצקי מיט וועלכן יאַן באַגעגנט זיך פון צייט צו צייט. און פון יאַנס מויל דערוויסן מיר זיך אויך, אַז דער סאָלטעס האָט אין קאָשטשאָל נאָך דעם זונטיקדיקן געבעט אַלעמען אָנגעזאָגט: „איך ווייס, אַז אין נאָענטן וואַלד באַהאַלטן זיך אויס יידן... זאָל קיינער זיי נישט אויסגעבן... באַלד וועט זיך די מלחמה ענדיקן און יעדער איינער וועט זיך צוריקקערן צו זיך אַהיים...

דער דאָזיקער טיפער גלויבן אין דעם זיג פון גוטס איבער

דעם שלעכטס, מונטערט און וועקט, טרייסט און שטאַרקט, גיט כוח איבערצוהאַלטן דאָס רשעות. די דערציילונג ענדיקט זיך טאַקע מיט אַ העפּי־ענד: די גאַנצע פאַמיליע גוטמאַן צוזאַמען מיט די צוויי קינדער זוכן זיך אָפּ נאָך דער מלחמה און באַזעצן זיך אין ישראל. דער „חסיד אומות העולם״, דער האָרעבאַטער יאַן, ווערט פון זיי באַלוינט מיט אַ רייזע אין דעם אויסגעטרוימטן הייליקן לאַנד.

עס איז שווער, אין די ראַמען פון איין אַרטיקל צו געבן אַ גאַנץ בילד פון אַלע באַטייליקטע אין יאָרבוך „חיפה״ עס דאַרף אָבער באַזונדערס אונטערגעצייכנט ווערן די פּרעכטיקע ליטעראַרישע אַרבעט פון גיטל מייזיל „חברים מספרים״ און די אומפּאַר־גלייכלעכע פאָלקלאָר־פאָרשונג פון ד״ר דב נוי „דאָס מיידל און דער רויבער״.

העברעישע ליטעראַטור

מענדל זינגער

ס'איז פֿאַרשוווּנדן פֿון חיפֿהער האָריזאָנט אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט, וואָס האָט זיך בולט אָנגעזען און מיט זיין טעטיקייט באַרייכערט דאָס גייסטיקע לעבן אין דער שטאָט און אין איר סביבה: מענדל זינגער.

אַ מענטש וועמען די נאַטור האָט באַשאָנקען מיט דער אומ־רוּיִקייט פֿון אַ יינגל, מיט דער שטאַלענער האַרטקייט פֿון אַ קעמ־פער, מיט שטאַרקייט און מוטיקייט פֿון אַ שטאָלצן ייד און ערלעכן מאַן. דערביי איז ער געווען אַ ביז גאָר באַשיידענער מענטש און האָט נישט געליטן קיין שבחים. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען זיין ווערט און אַז ער האָט זיך אונטערגעשאַצט. ניין. ער האָט אָבער שטענדיק גוט געוווּסט „לפני מי אתה עומד" — און „לאן אתה הולך". און אויב אויסערלעך אין זיין טעטיקייט, אין זיינע מעשים, איז מענדל זינגער געווען דער משכיל, דער מענטש וואָס איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקן פֿון יידישער אָפּגעזונדערטקייט, אין דער פֿרייער גרויסער וועלט אַריין, דער מענטש וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַר דער פֿרייהייט און גלייכקייט פֿון דער גאַנצער וועלט — איז ער אָבער אינערלעך געווען און פֿאַר־בליבן דער ייד וואָס האָט זיך טיף אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, מיט יידישן מוסר, מיט די יידישע ווערטן און האָט גוט געוווּסט, אַז ווער עס יאָגט זיך נאָכן כבוד — דער כבוד אַנטלויפֿט פֿון אים. איז אויב צניעות און באַשיידנקייט איז פֿאַרוועבט אין דער יידישער טראַדיציע און אויב דאָס זוכן דעם אמת איז דער ווינקלשטיין פֿון יידישקייט — האָט מענדל זינגער אָן שום ספֿק געהערט צו די היטער פֿון יידישקייט, צו די היטער פֿון די אייביקע ווערטן פֿון אונדזער פֿאָלק.

אין זיין צוואה האָט מענדל זינגער געבעטן אים נישט מספיד צו זיין. אויפן נייעם בית הקברות „צופיסנס פון דעם כרמל און אַנטקעגן דעם בלאָען ים אין חיפה" — ווי ער האָט געשריבן אין זיינע נאָך־נישט־פאַרעפנטלעכע פאַרצייכענונגען א. נ. „מיין וועג אויף דער וועלט" — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן זיין ווילן. דאָרט האָט מען בלויז געהערט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים און קדיש. אַפילו די נישט־וויניק בלומען־קרענץ וואָס האָבן זיך צעשאָטן איבער זיין פרישן קבר, האָבן נישט געקאָנט אַפּלייקענען אַז דאָ ליגט אַ פּשוטער ייד, אַן איש תם וישר.

און אַזוי איז געווען זיין וועג איבער דער וועלט:

שטענדיקע אומרוייקייט און שטענדיקע זוכעניש. ער איז געווען און פאַרבליבן דער חלוץ וואָס גייט פאַר דער מחנה, וואָס זוכט אַ באַפרידיקונג אין מעשים־טובים אַן אייגננוץ.

מענדל זינגער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין די יאָרן 1933, 1934, אין די שווערסטע יאָרן פאַרן וועלטלעכן סאָציאַליזם, איז מענדל זינגער געווען אין ווין און אָנטיילגענומען אינעם קאַמף קעגן דאָלפוס־פאַשיזם. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון ווינער תפיסה. שפּעטער האָט ער מיט דעם זעלבן ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכן קעסל אין א"י. ער פאַרנעמט זיך מיט די פאַרשיידנסטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. איז אַפּטרופּוס פון דעם קינדערהיים אין כפר יחזקאל, פאַרנעמט זיך מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, זאָרגט פאַרן בית־ספר „עמל". זאַמלט יידישן פאָלקלאָר און העלפט מיט גרינדן דעם „קלוב פאַר פאָלקלאָר ביים חיפהער „ביתנו".

דער זשורנאַליסט און שרייבער — טענהט מענדל זינגער — טאָר זיך נישט פאַרשליסן אין קיין העלפאַנטביין־טורעם, ער איז אויך מחויב צו פאַרווירקלעכן זיינע געדאַנקען. דער שרייבער דאַרף האָבן פאַר וועמען צו שרייבן, ער נייטיקט זיך אין לייענער. אָרגאַניזירט ער לייענער־קרייזן, אַקטיוויזירט קולטור־טוער, קומט

אומעטום און דינט מיט זיך אַליין ווי אַ ביישפּיל. ער לייענט בקול רם נישט די אייגענע ווערק נאָר די שאַפונגען פון אַנדערע. ער פּאָפּולאַריזירט באַקאַנטע שרייבער און... פאַרגעסענע. און דאָס אַלץ — אַז שאַדן פאַר דער אייגענער ליטעראַריש־פּובליציסטישער טעטיקייט. אין העברעיש האָט מענדל זינגער אַרויסגעגעבן 27 ביעכר און בראָשורן. צווישן זיי 2 בענדער פון 700 זייטן. — „ש. קאַפּלאַנסקי", „פּנחס דאַשעווסקי", „דער הומאַניסט יוסף פּאָפּער־לינקאָוס" א. אַ. באַזונדערס איז ווערט צו באַצייכענען זיין „בראשית הציונות הסוציאַליסטית" און דאָס לעצטע בוך א. נ. „ארבעה לקחי תנועת הפועלים באוסטריה" — אַן אויטענטישע באַהאַנדלונג און טיפער אַנאַליז פון אַ גאָר וויכטיקער תקופה. אינעם דאָזיקן בוך באַשולדיקט מענדל זינגער די מנהיגים פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין נישט־אַנטשלאָסנקייט, בעת די אַרבעטער־מאַסן זענען געווען גרייט צום קאַמף. ער פאַרענדיקט אָבער מיט זיין אָפּטימיסטישן „אני מאמין" מכוחן זיג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק.

מענדל זינגער האָט געשריבן אויך אין דייטש. אָבער אַ באַזונדער בלעטל איז זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש. שוין אין יאָר 1923 דערשיינט אין פאַרלאַג „אַרבעט" אין לעמבערג זיין איינאַקטער „דערנאָך". אַ בילד פונעם קאַמף פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905. שוין דאָרט פילט מען אַרויס די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון מענדל זינגער: זיין דראַנג צו שלימות, צו ריינקייט און ציכטיקייט פון דעם סטראָף, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שאַצונג פונעם געדרוקטן וואָרט. און אין דעם דאָזיקן קליינעם איינאַקטער קאָן מען געפינען דעם גרויסן „אַני מאמין" פון מענדל זינגער מיט וועלכן ער האָט פאַרענדיקט זיין לעצטע שאַפונג פאַר זיין פּטירה. אין „דערנאָך" זאָגט מענדל זינגער דורכן מויל פון זיין העלד וולאַדימיר: — „אַלץ אין וואָס מ׳גלייבט — איז פאַראַן". און דער דאָזיקער געדאַנק ציט זיך דורך ווי אַ רויטער פאָדעם במשך

פון זיין גאַנץ לעבן און שאַפן. זינגער איז געווען אַ געבוירענער אָפּטימיסט, אָבער גלייכצייטיק אַ וואַכער רעאַליסט מיט אַ שאַרפן און קלאָרן בליק. דעריבער איז ער געווען און פאַרבליבן דער קאָנסעקווענטער גלויביקער אין זיינע אידעאַלן און קיינמאָל נישט פאַראַטן זיך אַליין.

אין ווין איז מענדל זינגער געווען דער רעדאַקטאָר פון פּועלי ציון־אָרגאַן „דער יידישער אַרבעטער". ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון פאַרלאַנג „דער קוואַל" אין ווין. פאַרעפנט־לעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום עליכם, יעקב דינענזאָן אין די ראַמען פון דער סדרה „די פינעף נפטרים". ער האָט אַרויסגעגעבן „פון מיין היימלאַנד" — זכרונות און בילדער פון ארץ ישראל.

נאָך דער פטירה פון דוד פינסקי האָט מענדל זינגער גע־זאַמלט און אַרויסגעגעבן פינסקיס „אויסגעקליבענע שריפטן", גע־שאַפן אַ לייען־קרייז א. נ. לייוויק־פינסקי און פּאָפּולאַריזירט זייערע ווערק.

מלך ראַוויטש האָט אַמאָל באַצייכנט מענדל זינגערן ווי דעם גרויסן מכניס אורח. דאָס איז געווען אַ ביז־גאָר טרעפלעכער טיטל. ווייל מענדל זינגער איז געווען אַ גרויסער מקרב. ער האָט עס געטאָן מיט אַ באַזונדערער הנאה; ער האָט גערן אויפגענומען קולטור־טוער און פּען־מענטשן, געמוטיקט און געשטויסן צו ווייַ־טערער טעטיקייט. האָט געזאָרגט פאַר זיינע געסט, געדאַגהט פאַר זייער דערפאָלג אָן אַ שמץ פון קנאה און אָן פערזענלעכן אייגנ־נוצן.

איז פאַרשוווּנדן פון אונדזער האָריזאָנט אַ שטענדיק־שפּרודל־דיקער מאַן, אַ מונטערער און פול מיט מעשים, אַ מענטש פון געדאַנק און טאַט.

אברהם קריב — דער שרייבער און דענקער

נאָכדעם, ווי אברהם קריב האָט ערשט ניט לאַנג פּאַראייביקט דעם אָנדענק פון זיין פּארשניטענעם „היימלאַנד ליטע" (דערשינען אין 1963 אין עברית און יידיש, איבערגעזעצט פון אליעזר רובינשטיין), האָט ער לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען א. נ. „נרתק את השלשלת", וואָס זאָגן עדות ניט נאָר אויף שטאַרקן שרייבעריש־קריטישן טאַלאַנט, נאָר אויך אויף פעאיקייט פון טיפן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן אַנאַליז.

אברהם קריב איז גוט באַקאַנט דעם ערנסטן העברעישן לייענער דורך זיינע אָריגינעלע ווערק, ווי אויך דורך זיינע איבערזעצונגען פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, ווי טאָלסטאָי, הערצען און דאָסטאָיעווסקי. דאָס אַליין זאָגט שוין עדות וועגן זיין ערנסטן און פּרעטענסיאָנעלן צוגאַנג צו דער ליטעראַטור. און זייענדיק דורכגעדרונגען מיט דעם טיפן גייסט פון יודאַאיזם, האַלט קריב, אַז מיר קענען נאָך זייער אַ סך שעפּן פון אונזער אַלטן יידישן מקור און מיר דאַרפן ניט זיין קיין נאָכקרימערס פון דער גרויסער וועלט.

אינעם מאמר „די מדינה און די שכינה" גרייפט קריב אָן די נייע העברעישע ליטעראַטור בזה הלשון: „אָנשטאָט צו שטאָלצירן מיט די דערגרייכונגען... דאַרפן מיר דורכקוקן אונזערע וועגן און זען צי האָט דער שרייבער און די ליטעראַטור פון אונדזער צייט דעריאָגט דעם פאַקט פון אונזער רענעסאַנס אין מדינת ישראל?" קריב פילט ניט אין דער נייער ליטעראַטור דעם גרויסן נס פון ווידערגעבורט. עפּעס צו שנעל איז מען אַריבער צום סדר היום און אָפט פילט זיך אויך דער געררך פון עבודה זרה, פון פרעמדער השפּעה, פון ניט יידישער גייסטיקייט. און ווייטער אינעם

זעלבן מאמר זאָגט ער מיט פאַרדרוס: „איך האָב מורא, אַז ווען עס וואָלט פאַסירט יציאת מצרים אין אונזערע טעג — וואָלטן מיר איבערגעלאָזט בלויז אַ פּאָר רעפּאָרטאַזשן און ניט קיין מיטאָס פאַר די דורות...״ סאָלידאַריזירנדיק זיך מיט קריבס איינשטעלונג בנוגע דער שליחות פון דער ליטעראַטור, ווילט זיך מיר פונדעסט וועגן קוועסטיאָנירן די אויבן דערמאָנטע פעסטשטעלונג. עס איז זייער שווער צו געבן אין אַ קורצע אָפּהאַנדלונג דעם גאַנצן תמצית פון אַ געשעעניש. ליטעראַטור פאָדערט פערספּעקטיוו, דיווירקלעכקייט מוז ווערן גוט פאַרדייעט, זי מוז דורכגיין פיל באַאַרבעטונגס־פּראָצעסן, זי מוז ווערן געריייניקט, ראַפינירט, כדי זי זאָל קענען זיך באַפרייען פון דעם פסולת און דינען אַלס באַגייסטערער פאַר די קומענדיקע דורות. די גייסטיקע מילן — מאָלן גאַנץ לאַנגזאַם אין קעגנזאַץ צו די מאַטעריעלע מילן, וועלכע קענען פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט דורך מעכנישע, מאָדערנע ניי־אַנטוויקלטע מיטלען. און דאָ שווימט אַרויס נאָך אַ פראַגע: צי איז דער קאַמף צווישן חומר און גייסט אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק אַ נייעס און צי איז דער חומר דווקא שטענדיק געווען פון אויבן? אויב צו רעדן מיט דער שפּראַך פון תנ״ך זיינען די בני ישראל שטענדיק געווען אונטער פאַרשידענע איינפלוסן. דעם „עגל הזהב״ געלונגט אָפּט אַריינצודרינגען אין אונדזערע רייען אָבער צום סוף האָט די אויבערהאַנט דאָס געזעץ, די צען געבאָט פון דער תורה האָבן געשטאַלטיקט אונזער גייסט אויף דורות לאַנג.

פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר אַ רעכט צו פאָדערן פון זיך מער, ווייל מיר פאַרמאָגן אַ ווונדערבאַרע גייסטיקע ירושה מיט טיפע מאָראַלישע קאָנצעפּציעס, וועלכע האָבן געדינט פאַר אַ ווינקלשטיין דער וועלטלעכער גייסטיקייט. און דעריבער איז קריב גערעכט פעסטשטעלנדיק, אַז ער קען ניט מסכים זיין, אַז מדינת ישראל, אויף וועלכער מיר האָבן אויסגעקוקט כמעט צוויי טויזנט יאָר — זאָל האָבן דאָס געשטאַלט פון אַלע אַנדערע גרעסערע

אָדער קלענערע מדינות אויף דער וועלט און ער קלאָגט, אַז: „אויב עס איז ריכטיק, אַז אונזער מדינה וועט זיין ניט מער ווי אַ דעמאָקראַטיע פון פרייע בירגער מיט אַ טעאַטער און קאַבאַרעט, מיט געריכטן איבער פאַרברעכער, מיט רויבערייען געוואַלד־טאַטן און מאָרדן — האָבן מיר דערגרייכט צו דער סטאַדיע וואָס הייסט: „אַבסורד!" און ער פסקנט קאַטעגאָריש אָפּ: „מדינת ישראל מיט פרעמדע ליבטער — איז ניט מער ווי אַ דורכפאַל פאַר אַלעמענס אויגן!"

אברהם קריבס האַרץ ווייטיקט אין אָנבליק פון דער אָפּגעפרעמדקייט פון נייעם דור צו דעם פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין גלות: „מיר האָבן פאַרוואָרפן די פרעמדע שפּראַכן אָבער די גייסטיקע פרעמדקייט האָט באַהערשט אונדזערע אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה".

אברהם קריבס וועלט־אַנשויונג איז אַ געמיש פון שכל און פאַנטאַזיע, פון קאַלטער אויסגערעכנטקייט און געפיל, פון ווירקלעכקייט און נס. נישט שטענדיק קען מען אַלזאָ פאַרשטיין דעם לויף פון די געשעענישן.

אויפן שרייבטיש פון אברהם קריב ליגן עטלעכע כתבי יד, וואָס שאַפן צוזאַמען אַן אַנטאָלאָגיע א. נ. „על אפיקי התנ"ך" „שבת ומועד בדרוש ובחסידות" און „אגדות חז"ל" — אַ זאַמלונג פון רעפעראַטן, וועלכע קריב האָט געלייענט אין קול־ישראל. קריב וויל געבן אַ סעריע תנ"ך געשטאַלטן געזען דורך דעם אויג פון אונדזער עפּאָכע. ווייל דער תנ"ך, זאָגט קריב, רעדט ניט סתם, ער האָט אידייען אין יעדער געשטאַלט שטעלט פאַר מיט זיך אַ געוויסע אידיי. נאָכדעם ווי די אַנטאָלאָגיע וועט פאַרטיק ווערן — וועט ער זיך אומקערן צוריק צו דער ליטעראַטור. ווייל קריב האָט זיין שרייבערישע קאַריערע אָנגעפאַנגען אַלס פּאָעט און זיין גאַנצע פּראָזאַאישע טעטיקייט ווי זיין גאַנץ וועזן איז אָנגעפולט מיט עכטער פּאָעטישער התלהבות.

זיין שפּראַך איז אויך אַ קאָמפּאָזיציע פון פיל עלעמענטן:

שאַרפקייט פון שטאָל, האַרציקע וואַרעמקייט און בילדלערישע געדעמפטע פאַרבלענדקייט.

זיין דעוויז: די ליטעראַטור דאַרף דינען דעם פאָלק. ביז איצט האָט אונזער ליטעראַטור געפירט פונעם ייד צום מענטש, איצט מוז מען זיך אומקערן צוריק: פונעם מענטש צום ייד!

דאַמלט וועט די נאַציאָנאַלע העברעישע ליטעראַטור ווערן אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור.

פּראָפ. אדיר כהן — רעוואָלוציע אין דערציאונג

דער שרייבער און דענקער אברהם קריב ז״ל איז לאַנגע יאָרן באַקאַנט געווען מיט זיין נאָן־קאָנפאָרמיזם און אייפערדיקן שטורעמען די ווינט־מילן פון דער דערציאונג ביי אונדז אין לאַנד. ער האָט דער ערשטער געוואָרנט קעגן דער פאַטאַלער ווירקונג פון דער נעגאַציע פון א. ג. „גלות־ייד״ אויף דעם יינגן סאַברישן דור. ער האָט אויך פאַרויסגעזען דעם גרויסן שאָדן פון קינאָ און טעאַטער, ראַדיאָ און טעלעוויזיע אויף דער פסיכיק פון יוגנט־לעכן. זיין שטים איז אָבער געווען אַ קול קורא במדבר.

איצט האָט חיפה געלאָזט הערן אַ פרישע און מונטערע שטים דורכן מויל פון דעם יינגן ענערגישן שרייבער פּראָפ׳ אַדיר כהן, זיין אָקאָרשט דערשינען בוך „מהפכה בחינוך״ איז דאָס ערשטע בוך פו דעם דאָזיקן זשאַנער אין עברית, וואָס לייגט אַוועק די יסודות אויף אויסצופאָרשן די איבערקערענישן אינעם דערציאונגס־וועזן פונעם צוואַנציקסטען יאָרהונדערט אויף אַלע זייערע אַספּעקטן — פילאָזאָפישע, פּסיכאָלאָגישע געזעלשאַפטלעכע דידאַקטישע, און טעכנאָלאָגישע.

פּראָפ. אדיר כהן ווידמעט זיך שוין פיל יאָרן דער פאָרשונג פון דערציאונגס וועזן און איז דער מחבר פון אַ ריי ביכער ווי: „די דערציאונגס־לערע פון מאַרטין בובער״, „די מאָדערנע דערציאונג״ פון בערטראַנד ראַסל, „דער דערציער יאַנוש קאָרטשאַק״, „דער דערציער מאַקאַרענקאָ״, „דער וועג פון גייסט״, „דערציאונג און ליטעראַטור״, „דאָס שעפערישע שרייבן״ א. אַ. ער איז אויך רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „עיונים בחינוך״ און באַטייליקט זיך אין אַ ריי צייטונגען מיט קריטיש־פּובליציסטישע אַרבעטן. זיין פּאָפּולאַריטעט אין לאַנד און אין אויסלאַנד האָט אים דערפירט

קיין אַמעריקע, וווּ ער איז 3 יאָר געווען אַ גאַסט־פּראָפעסאָר פאַר דערציאונג און ליטעראַטור אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דאָרט האָט ער אַ לאַנגע צייט מיט־געאַרבעט מיט מאַרג. מיד, איינע פון די גרעסטע און וויכטיקס־טע אַנטראָפּאָלאָגן פון אונדזער דור; די פרוכט פון זיין דער־פאַרונג וויל ער איצט איבערפלאַנצן אויף אייגענעם באָדן.

אונדזער שמועס אין זיין קאַבינעט אינעם אשכול־טורעם פון חיפהער אוניווערסיטעט באַרירט פיל פּראָבלעמען. ער איז שטאַרק באַאומרוייקט פון אַ סך דערשיינונגען ביי אונדז אין לאַנד. דער צוזאַמענשמעלץ פון די עדהס — דער אידעאַל פון די גרינדער — איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די שפּאַלטונג אין פאָלק האָט אָנגענומען אַ דראָענדיקן כאַראַקטער. די אינסטינקטן האָבן זיך פאַרשאַרפט און דאָס פּאַרטייבנדיקע געשריי פון המון פאַרפּעס־טעט די לופט מיט דעמאַגאָגישע סלאָגאַנען. דאָס שענסטע אין מדינת ישראל — די קבוצים, דער בעסטער רעזערוואַר פון צה״ל־קעמפער — זענען געוואָרן דער אָביעקט פון ביזוויליקע אָנגריפן. כדי אונטערצושטרייכן זיינע ווערטער, דערלאַנגט ער מיר דעם אָרגאַן פון די סטודענטן „ראש פתוח״ פון 13־טן מערץ 1983 אין וועלכן עס איז פאַרעפנטלעכט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ פּלאַקאַט וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן מודעות־טאָוול אין קיבוץ נוה אור אין עמק בית שאן.

„קיבוצניקעס, פאַרעטער ימח שמכם. זייט וויסן אַז אייער סוף איז גאָר נאָענט. מיר וועלן אייך אַלעמען אויפהענגען אויף דיביימער און אייערע ווייבער וועלן מיר פאַרגוואַלטיקן קאָלעקטיוו און אייערע קינדער וועלן מיר צעשפּאַלטן די קעפּ — זיי זאָלן נישט אויפוואַקסן קיין פאַרעטער.״

„ט.ג.ט. (טרור נגד טרור)״

פּראָפעסאָר אדיר כהן פאַרשט אַ ווײַלע מיין בליק, טוט אַ זופּ פון גלעזל טיי און זעצט פאָר:

— דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון אונדזער דערציאונגס־וועזן.

די שול איז שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פאַבריק פון צייגענישן". דערציאונג הייסט: פאַרוואַרפן די אינדאָקטרינאַציע פון דער דערציאונג. מען דאַרף דערמעגלעכן דעם יוגנטלעכן צו אַנטוויקלען זיין זעלבשטענדיק דענקען, זיין קריטישן געדאַנק. דער רוב קנין ומנין פונעם פאָלק איז נישט דערגאַנגען צו קיין זעלבשטענ־דיקן קריטישן געדאַנק.

— זייט מוחל, פראָפעסאָר. פאַרוואָס זענען מיר, אין אונדזערע יוגנט־יאָרן, געוואָרן סקעפּטיקער, זיך געבונטעוועט און געזוכט נייע וועגן?

— אָ, דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע צייט, אַן די מאָדערנע וויסנשאַפלעכע דערגרייכונגען. מיר לעבן דאָך אין דער עפּאָכע פון טעלעוויזיע און קאָמפּיוטערס. לויט אַ לעצטע פאָרשונג פאַר־נעמט די טעלעוויזיע ביים ישראל־בירגער אַן ערך דריי שעה אין טאָג אָדער פינף און צוואַנציק שעה אַ וואָך, אָדער גאַנצע אַכט יאָר פון זיין לעבן. דער מענטש איז אָפּטמאָל נישט מסוגל אָפּ־צושאַצן די ווירקונג פון דאָזיקן מעדיום. דער מאַרשאַל מעקלוען — אַ גרויסער מומחה אויף דעם געביט — האַלט, אַז די טעלעוויזיע רעדט אינגאַנצן מיט אַן אַנדער שפּראַך. ווייל אויב די קולטור פון דרוק־וועזן ברענגט צו אַנאַליז, צו קריטיקירן דאָס געלייענטע דערפירט די שפּראַך פון דער טעלעוויזיע צו אומבאַדינגטער אינ־טעגראַציע אין קעגנזאַץ צו דעם אַנאַליזירן. די טעלעוויזיע פאַר־גרעסערט די פּאַסיווקייט און פאַרקלענערט די שעפערישקייט פונ־נעם צושויער.

— הייסט עס, אַז די מאָדערנע וויסנשאַפט דערפירט דעם מענטשן צו אַ נייער פאַרשקלאַפונג?

— אמת, אויב מען ווייסט נישט ווי זיך צו באַנוצן מיט דער דאָזיקער וויסנשאַפט. און דאָ קומען מיר צו אונדזער אויסגאַנג־פּונקט. קיין ניסים קען מען דאָ ליידער ניט באַווייזן מיטאַמאָל. עס פאָדערט זיך אַ לאַנגע, גוט־פּלאַנירטע און זשמודנע אַרבעט אין זין פון „שלח לחמך על פני המים". מען דאַרף אַלץ אָנהויבן

פונדאַסניי, גלייך אינעם קינדער־גאָרטן, ווייל שוין דאַמלט הויבט דאָס קינד אָן צו פאַרשטיין. די אויפגאַבע פון דער דערציאונג דאַרף זיין: לערנען דעם מענטשן ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען דורך גלייכצייטיקער אויפזוכט און קאָנטראָל.

— מיינט איר נישט, פּראָפעסאָר, דערמיט צו וואָרענען עס זאָל זיך נישט איבערחזרן די געשיכטע פונעם מהר״ל פון פּראָג מיטן גולם?

— יאָ, דאָס איז אַ וווּנדערבאַרער ווייטזיכטיקער משל פון אונדזער יידישן פאָלקלאָר. די וויסנשאַפט אָן דער הומאַניטאַרער קאָנטראָל — קאָן דערפירן צו דעהומאַניזאַציע. די מאָדערנע וועלט איז וואָס אַמאָל מער אָפּהענגיק פון דער וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. מען קאָן זיך ביי היינטיקן טאָג נישט פאָרשטעלן קיין שום ערנסטע וויסנשאַפט אָן דעם קאָמפּיוטער. מוז מען דעריבער אַנטוויקלען אַ נייעם סאָרט מענטש מיט אַ וויסנשאַפטלעכן דענקונגס־אופן, וואָס זאָל דערמעגלעכן גאָר שנעל זיך צופּאַסן צו דעם אַלץ נייעם און וואַקסנדיקן פאָרשריט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. נייע דערפינדונגען ווערן פאַרעלטערט נאָך זעקס־אַכט חדשים. די שולע דאַרף אַלזאָ שאַפן אַ נייע ראַם, וועלכע זאָל קענען אַרויסשלעפּן דעם מענטשן פון זיין אינדיווידועלער פאַרשלאָסנקייט. דאָס פאָדערט אַ גאַנץ נייעם דערציאונגס־סיסטעם, וואָס זאָל זיך אויסשפּרייטן אויפן גאַנצן מענטשלעכן לעבן. מען דאַרף בויען אַ שולע אָן ווענט, וואָס זאָל זיין פאַרבודן מיט דער געזעלשאַפט. דאָרט קענען לערנען יינג און אַלט דורך אויסנוצן אַלס לערער אַלע ספּעציאַליסטן, ווי דאָקטוירים, אינזשיניערן און אַלע אַנדערע פאַכלייט באַדאַרף.

— דערמאָנט עס נישט געוויסע געדאַנקען פון קיבוצישן עקספּערימענט?

— גאַנץ מעגלעך, נאָר דאָס זענען די נייע, מאָדערנסטע פּרינציפּן פון די שעפערס פונעם ראַדיקאַלן דערציאונגס סיסטעם אין

די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. מיין בוך „מהפכה בחינוך" דאָס ערשטע פון אַ פינף־ביכער־סעריע (די פיר איבעריקע געפינען זיך שוין אין דרוק), איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אַ פּרוּוו צו פאַרבונדן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע מיט די דערגרייכונגען פון דער פּסיכאָלאָגיע אין דעם גאַנצן סיסטעם פון דערציאונג.

מיט גרויס אחריות באַהאַנדלט פּראָפ. אדיר כהן די דערציאונגס־לערעס פון דזשאָן דיואי, לעוו טאָלסטאָי, בערטראַנד ראַסל, פּאָול גודמאַן, ניל פּאָסטמאַן, טשאַרלז וויינגערטנער און מאַרגאַרעט מיד. אין אָנבליק פון די סטודענטישע אויפשטאַנדן אינעם לעצטן יאָר־צענדליק קומט מאַרגאַרעט מיד צום אויספיר אַז: „אין אונדזער תקופה זענען פאַראַן צוויי דורות. די יונגע פאָדערן אַ מאָמענטאַלע וועלטלעכע אַקציע כדי צו לעזן די שאַרפע וועלט־פּראָבלעמען. זיי ווילן אַלץ אָנהויבן פונסניי. זיי קענען נישט ירשענען די פאַרגאַנגענהייט פון די עלטערע, שטויסן זיי דעריבער אַוועק אַלץ וואָס די עלטערע מאַכן. דאַרפן מיר דעריבער איצט שאַפן אָפענע סיסטעמען, אין וועלכע דער צענטראַלער פּונקט איז די צוקונפט פאַר די קינדער. די יינגע דאַרפן ווערן צוגעלאָזן צו דער מאַכט, זיי וועלן שטעלן פראַגן, וועלכע די עלטערע האָבן אַפילו נישט געוואָגט צו פרעגן. מיר דאַרפן לערנען פון די יינגע און זיך צוהערן צו זייער געשריי: די צוקונפט איז שוין דאָ!

לייענענדיק דאָס ווערטפולע בוך פון פּראָפ. אדיר כהן, קאָן מען לייכט געפונען אַנאַלאָגיעס אין דער עקספּערימענטאַלער טעטיקייט פון אויפבוי־ווערק אין ארץ ישראל. עס וועלן אונדז אויך שמייכלען די פיל יידישע נעמען אין דער אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

לסוף מוז מען דערמאָנען דעם פאַקט, אַז פּראָפ' אדיר כהן איז דער לאַורעאַט און טרעגער פון „גרינדער פרייז פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, „פרס רופּין", „פרס למדן" און „פרס לוי

גורפינקל" פאַר העברעישער ליטעראַטור. ווייל ער איז דער מחבר פון אַ סעריע ביכער פון קינדער־דערציילונגען און פון עטלעכע ביכער עסייען וועגן דער העברעישער ליטעראַטור.

אויך די העברעישע שיינע ליטעראַטור איז דורך אים באַרייכערט געוואָרן מיט גאַנצע זעקס ביכער ראָמאַנען.

באַרעכטיקטע נאָסטאַלגיע פון נח פניאל

דאָס פוילישע דריי און אַ האַלב מיליאָניקע יידנטום, וואָס איז אַזוי טראַגיש־שנעל פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער פוילישער ערד נאָך הונדערטער יאָרן איינגעוואָרצלטקייט — וועט נאָך זייער לאַנג באַאומרוייקן אונדזערע מוחות און הערצער.

אין דער זיך דערווייטערנדיקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו גייט אויף דאָס געדעכעניש פון דעם דאָזיקן ציבור אין אַ וווּנדער־באַרער שיין וואָס פּולט אונדז אָן מיט באַוווּנדערונג און פאַר־ערונג פאַר דער פיל־קאָליריקייט און טיפן לעבנס־אינהאַלט, ענע־רגיע און פּאַטאָס, מענטשלעכקייט און גלויבן אין דער שליחות פון ייד און מענטש פאַר דער אַלגעמיין־יידישער און מענטשלע־כער קולטור.

עס איז לגמרי נישט קיין מליצה און גאָרנישט איבערגעטריבן ווען איך וועל זיך באַנוצן מיט די ווערטער פון אקדמות: „ווען פון אַלע וואַסערן זאָל ווערן טינט" — וואָלט עס נישט געסטייעט אויף צו באַשרייבן די גרויסקייט פון דעם דאָזיקן יידנטום וואָס האָט געדינט ווי דער צענטער און מקור פאַר דעם גייסטיקן באַ־דאַרף פונעם וועלט־יידנטום בכלל.

אָט בלעטער איך דאָס לעצטע בוך פון העברעישן פּאָעט נח פניאל: „קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון העברעישער דערצי־אונג" און ווער פאַרכאַפּט פון געוויסע שטעלן און ציפערן, וועלכע ווערן אין אָנבליק פון דער היינטצייטיקייט פאַרוואַנדלט אין עדות פון אַ פּראַכטיקער פאַרגאַנגענהייט וואָס האָט נישט מער איר גלייכן אינעם היינט, צו אונדזער אַלעמענס אַנטוישונג. ווייל נח פניאל איז נישט נאָר אַ פּאָעט נאָר איז אַ פּילדערפאַרענער לערער און פּעדאַגאָג אין אויסלאַנד און אין ישראל און האָט געווידמעט

די פּראָבלעמען פון דערציאונג זיין גאַנץ לעבן. פון דער פּרוכט פון זיין פעדער האָבן מיר באַקומען אַ ריי ביכער: „די העברעישע דערציאונג אין די שאַפונגען פון פּרץ סמולנסקין", „צו דער געשיכטע פון דער יידישער דערציאונג אין פּוילן", „ליטעראַטור און דערציאונג", „צו דער געשיכטע פון די תרבות־שולן אין פּוילן" און דאָס שוין דערמאָנטע לעצטע בוך. און לייענענדיק איז מיר אויפגעקומען אין זכרון אַ מעשהלע פון דער יידישער טראַדיציע וואָס כ׳האָב געלייענט אַלס קינד און כ׳בין מודה, אַז דאַן איז עס מיר געווען נישט אין גאַנצן קלאָר. אָבער דאָס איז נישט דאָס איינציקע וואָס „די צייט מאַכט פאַרשטענדלעך אויב עס טוט עס נישט דער פאַרשטאַנד".

אַ מלאך וואָס האָט אַמאָל דערצערנט דעם רבונו של עולם, האָט געבעטן פאַרצייאונג. האָט אים גאָט געזאָגט: כ׳וועל דיר מוחל זיין, מיטן באַדינג אַז דו וועסט אַראָפּגיין אויף דער ערד און מיר ברענגען דעם גרעסטן אוצר וואָס איז דאָרט פאַראַן. איז דער מלאך אַוועק און געקומען מיט אַ פריידיקן געשריי:

— כ׳האָב געפונען, רבונו של עולם, דעם לעצטן אָטעם־צוג פון אַ זעלנער וואָס איז געשטאָרבן פאַרן פאָטערלאַנד!

האָט גאָט געזאָגט:

— מען קאָן איבערצייגן אַ זעלנער צו שטאַרבן פאַר פאַלשע אידעאַלן. ניט דאָס איז דער אוצר וועלכן איך זוך.

איז דער מלאך אַוועק און איז געקומען מיט אַ פרישן געשריי:

— רבונו של עולם, דאָס מאָל האָב איך זיכער געפונען. דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון אַ מוטער וועלכע האָט זיך מקריב געווען כדי צו ראַטעווען איר קינד.

האָט גאָט געזאָגט:

— אויך דער סאַלאַמאַן־פיש איז מקריב זיין לעבן פאַר זיינע קינדער. נישט דאָס איז דער אוצר.

איז דער מלאך ווידער אַראָפּ און אין אַ צייט אַרום געקומען:

— איצט, רבונו של עולם, האָב איך זיכער געפונען. כ׳האָב דיר געבראַכט אַ חרטה־טרער פון אַ זינדיקן.

האָט גאָט געשמייכלט און געזאָגט:

— איצט בין איך דיר מוחל, טייערער מלאך מיינער. די טרער פון אַ מענטשן וואָס האָט חרטה אויף זיינע מעשים — איז דער גרעסטער אוצר וועלכן איך זוך.

מיר דוכט זיך אַז מיר אַלע זענען נישט מער ווי זינדיקע מענטשן וואָס קוקן איצט אויף דער אַמאָל־פאַרדאַמטער פאַרגאַנגענהייט מיט באַגייסטערונג און פאַרהערונג.

נח פּניאל עפנט אויף דאָס בוך מיט אַ ריי היסטאָרישע פאַקטן וועלכע וואַרפן אַ ליכטיקן שיין אויף דעם יידישן קולטורעלן לעבן אין פּוילן שוין אין דרייצנטן יאָרהונדערט, ווייל שוין אין יענער צייט האָבן קיין פּוילן געשטראָמט יידן פון אשכנז און באָעמיע וועלכע האָבן אָנגעלייגט דעם יסוד פאַר דער אשכנזישער געזעלשאַפט, בעת די טיילווייז איינגעוואַנדערטע מזרח יידן האָבן זיך גאַר שנעל אַסימילירט צווישן די אשכנזער. דאָס פּוילישע יידנטום האָט גלייך איבערגענומען די קולטור פון יידיש־אייראָפּעישן צענטער און דער מחבר פאַרגלייכט אַפילו דאָס יידישע תורה־לערנען אין פּוילן צו די צייטן פון תלמוד־בבלי. ער ברענגט אַ ראיה פון בוך פון ר׳ מנחם מן „שארית ישראל״, געשריבן אין יידיש לויט דער דאַמלסטיקער אָרטאָגראַפיע פון וועלכער מיר ווערן געוווירו אַז „אין די צייטן וואָרן אין פּוילן זער גרושי לומדים דאָרום איז די גוואונהייט גקומן דש מן די קינדר אויס אַלע מדינות האָט געשיקט נאָך פּוילן צו לערנין״.

עס פאַרשטייט זיך אַז דער יידישער חנוך איז געווען אָפּהענגיק פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פונעם לאַנד און נח פּניאל צעטיילט עס אין דריי עפּאָכעס:

אַ. די עפּאָכע פון לאַנגזאַמען אויפשטייג — דאָס דרייצנטע יאָרהונדערט ביזן סוף פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט.

ב. די גאָלד־עפּאָכע — דאָס זיבעצנטע יאָרהונדערט ביז דעם צורר כמיעלניצקי.

ג. די עפּאָכע פון ירידה — ביז דאָס צעטיילן פון פּוילן.

ביז דער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז דאָס יידישע דערציאונגס־וועזן געווען איינגעוויקלט אין רעליגיעזע בגדים — ערשט אין דער צווייטער העלפט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצן פון דער השכלה. נח פּניאל פירט אַדורך אַ טיפן אַלזייטיקן אַנאַליז אין די לעבנס־באַדינגונגען פון דער יידישער געמיינדע און קומט צו דער מסקנה אַז „אַלע יסודות פון דער קעגנוואַרט ווערן אָפּגעצייכנט אין דערציונגס־וועזן און ווילסטו דערקענען אַ געוויסע געזעלשאַפט — באַמי זיך צו לערנען זיין דערציאונגס־וועזן ווייל דאָס איז דער שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט און פון זיינע אידעאַלן".

אָבער ערשט אין די צייטן פון דער השכלה, ווען יידן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון אַלגעמיינער בילדונג — האָט זיך אַנטפּלעקט דער גייסטיקער כוח פונעם יידישן פאָלק. קיינמאָל זענען צווישן יידן קיין אַנאַלפאַבעטן נישט געווען און די יידישע יוגנטלעכע, דערצויגענע אויף דעם פּלפּול פון תלמוד — האָבן אַנטפּלעקט זייער גייסטיקע איבערוואָג אין אַלע וויסנשאַפטן און געגעבן דער וועלט דעם גרעסטן פּראָצענט נאָבל־פּרייז־טרעגער.

אַ גאָר גרויסן טייל פונעם בוך פאַרנעמט די געשיכטע פון דער העברעישער „תרבות"־באַוועגונג אין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביזן יאָר 1939.

„דאָס איז געווען, האַלט נח פּניאל, איינע פון די וווּנדערבאַרסטע קאַפּיטלען פון נאַציאָנאַלן אויפלעב אויף פרעמדער ערד".

שיין געצייכנטע טאַבעלן אילוסטרירן דעם וווּקס פון די „תרבות"־שולן אין פּוילן. אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 455.000 יידישע תלמידים זענען געווען:

אין יאָר 1918 — 51 העברעישע שולן, 233 לערערס, 2575

שילער אין יאָר 1938 — 267 העברעישע שולן, 1400 לערערס, 43000 שילער די העברעישע שילער האָבן אַלזאָ באַטראָפן בערך 9 פּראָצענט פון יידישע שילער, נאָר לויט נח פּניאל איז דער דאָזיקער פּראָצענט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער היות די פּוילישע מאַכט האָט געבנדיק אומזיסטע בילדונג אויך די יידישע קינדער — שיקאַנירט די „תרבות״־שולן מיט אַלערליי אָפענע און מאַס־קירטע וועגן.

און די „תרבות״־שולן האָבן דאָך דעמאָנסטרירט זייער לעבנס פעאיקייט. עקזיסטירנדיק בעיקר פון שכר לימוד — האָט דער העברעישער לערער קיינמאָל נישט באַקומען זיין פולן געהאַלט. אָבער קיינמאָל האָבן די שילער דערפון נישט געליטן ווייל דאָס זענען געווען יונגע מענטשן, אידעאַליסטן, מיט גוטער פּעדאַגאָגי־שער בילדונג וועלכע האָבן געהאַט פאַר זיך דעם איינציקן לעבנס־ציל: דערציען אַ נייעם יידישן דור, וואָס זאָל קומענדיק קיין ארץ ישראל זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים. דאָס זענען געווען פּיאָנערן־דערציער וואָס האָבן דערצויגן פּיאָנערן־בויער פון דער אויסגעחלומטער צוקונפטיקער יידישער מדינה.

לייענסטו און פאַר דיינע גייסטיקע אויגן שוועבן אַרויס די ממש פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון אַ פאַרשווונדער וועלט און עס ווילט זיך אויסשרייען מיט די ווערטער פון זלמן שניאור: „ווו זענט איר אַהינגעקומען טייערע יידן!?״

ווייל דאָס פּוילישע יידנטום, דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער רע־זערוו פון יהדות אשכנז, האָט מיט אַלע זיינע שאַטירונגען און אַלע צעשפּליטערונגען באַוויזן אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון יידישקייט. יהדות אשכנז האָט אַדאַנק דער קולטור און איינגע־בוירענע טאָלעראַנטישע אייגנשאַפטן אָן שום שוועריקייטן אויפגע־נומען און אַקצעפּטירט די לערע פון ספרדישע דענקער און פילאָ־זאָפן. די גרויסע לעבנס־פילאָזאָפיע פון רבינו משה בן־מימון, דער שולחן־ערוך פון רב יוסף קאָרו — זענען געוואָרן די וויכטיקס־טע וועגווייזערס פאַרן אַשכנזישן ציבור.

נישט קוקנדיק אויף דער אַבסאָלוטער איבערוויגנדיקער מערהייט האָט יהדות אשכנז געבראַכט דעם שפּראַכן־קרבן — די אַכשנזישע אויסשפּראַך פון העברעיש פאַר דעם שלום־בית צווישן די עדות. — צום באַדויערן ווערן די אַלע מאָמענטן נישט דערשאַצט און אַפילו דער גרעסטער העברעישער נאַציאָנאַלער פּאָעט חיים נחמן ביאַליק, ווערט ביזן היינטיקן טאָג אויפגענומען מיט רעזערוו דורך די עדות־המזרח.

ווערן דעריבער פאַרשטענדלעך די מינאָרנע טענער פונעם מחבר, דער פּאָעט און פּעדאַגאָג נח פּניאל אַז „ערשט איצט קענען מיר אָפּשאַצן די ווערט פון די דאָזיקע „תרבות־שולן"... צי דאַרפן מיר זוכן די סיבות אין דעם „שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט און אידעאַלן" וואָס מיינט: דערציאונגס־וועזן?

ווייל די איצטיקע ישראל ווירקלעכקייט קלאַפּט איבער אונדזער פּנים. די גרויסע העברעישע קאָלאָניע אין לאָס־אַנדזשעלעס שטעלט אַוועק אַ גרויסן פראַגע־צייכן דעם מאָדערנעם העברעישן דערציאונגס־וועזן אין מדינת ישראל.

דעריבער איז דאָס בוך פון נח פּניאל אויף דער שוועל פון 35 יעריקער זעלבסטשטענדיקער מלוכהשקייט אַ באַרעכטיקטע נאָסטאַלגיע און אַ ביז גאָר שטאַרקער אַרויסרוף דער צייט. און הגם דער מחבר רירט נישט אָן די קעגנוואַרט אַפילו מיט קיין איין און איינציק וואָרט — פילט זיך אַרויס די שטאַרקע קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם העלן אַמאָל און דעם טונקעלן היינט.

אהרון מגד — אין שפיגל פון דער צייט

דער העברעישער שרייבער אהרון מגד, געהער בלי ספק צו די זייער פּראָדוקטיווע שעפערס פון דער נייער העברעישער ליטע־ראַטור. זיין שרייבן איז בדרך כלל באַהויכט מיט אַ לייכטן הומאָר־שמייכל וואָס גיט צו לעבן און טעם דעם געשריבענעם וואָרט נישט פאַרשוועכנדיק דעם מענטשלעכן כבוד מיט קיין בייסיקן סאַרקאַזם. ער האָט זיך דערוואָרבן אין לאַנד גרויס פּאָפּולער־קייט דורך זיינע פּיעסן און דראַמאַטישע ווערק ווי „חנה סנש", „אַ אינקובאַטאָר אויפן שטיין" „איי לייק מייק" — וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן דורכן „אוהל" און „הבימה" און חוץ דעם האָט ער אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן ביז היינט צו טאָג 15 ביכער דערציילונגען און ראָמאַנען.

איז אָט ליגט פאַר מיר דאָס לעצטע זעכצנטע בוך פון 276 זייטן „דאָס פליענדיקע קעמל און דער גאָלדענער גאָרב" און איך קען זיך נישט אָפּרייסן פון לייענען. צי איז דאָס אַ בוך פון שפּיאָנאַזש אָדער אפשר אַ דערציילונג וועגן ווייטע עקזאָטישע לענדער? אָדער גאָר אַ נייע ווערסיע פון טויזנט און איין נאַכט — ווי עס קען מרמז זיין דער טיטל? ניין און ניין! דער מחבר האָט זיך דווקא פאַרמאָסטן צו געבן אַ גאַנץ פשוטע געשיכטע פון מענטשן וועמען דער גורל האָט צוזאַמענגעבראַכט אונטער איין דאַך אין אַ בית־משותף אין דער ערשטער העברעישער גרויסער שטאָט אין מדינת ישראל. קען מען זאָגן אַז דאָס איז די געשיכטע פון אַזאַ מין „שטיל־לעבן" וואָס פליסט אויבנאויפיק ווי אַ רויק וואַסער ווען אין די טיפענישן ברויזט עס מיט שטענדיקן אומרו, מיט אייביקער אומצופרידנקייט, מיט אָנשטעל און מיט געמאַכטער העפלעכקייט, מיט פאַראַט אָנעם מינדסטן געוויסנסביסן, מיט נישט־

פאַרגינערײַ און שנאה וואָס גרענעצט זיך כמעט מיטן ווילן צו דערמאָרדן — אויב נישט מיט די אייגענע הענט איז לפחות דורך אַ אומגליקס־פאַל אויפן שאָסיי דורך אַן אויטאָ — אַ דערשיינונג וואָס איז דאָך ביי אונדז אין לאַנד צום באַדויערן, געוואָרן דער אָנגענומענער נאָרמאַלער לעבנס־גאַנג.

ווער זשע זענען זיי די אָנטיילנעמער פון דעם דאָזיקן „שטיל־לעבן" מיט די „אָנגעצויגענע באַציונגען צווישן דעם דריטן און פערטן שטאָק און טרעפּן־צימער וואָס האָבן שוין כמעט צעשפּאַלטן די ווענט און באַדראָען דעם עצם עקזיסטענץ פונעם גאַנצן בנין?"

דאָס זענען: דער ציין־דאָקטאָר בזשעזאָווסקי מיט זיין פרוי וואָס רעדן נאָר אַלץ פּויליש און בעת פרוי בזשעזאָווסקי „באַג־ריסט אירע שכנים ליגט אויף איר געזיכט אַ מין ריטערלעכער חסד־זשעסט פונעם אַדל פאַרן פשוטן פאָלק".

מנחם בן־זאב מיט זיין פרוי, דער דירעקטאָר פון „בנק המז־רחי המאוחד", אַ געוועזענער לערער פון תנ"ך און ליטעראַטור.

דער פּאָליציי־אָפיצער אַלבערט אַזולאי מיט זיין פרוי וויקטאָ־ריע, נישט קיין אויסגענוצטער שרייבער־טאַלאַנט.

די פרעבליסטין חדוה פורת — אַ געוועזענע קיבוצניצע וועמען דער מאַן האָט פאַרלאָזן און ביזן היינטיקן טאָג איז זי פאַר־בליבן אַן עגונה. אַ באַקאַנטער מאָלער האָט זיך מרחם געווען אויף איר און נאָכדעם ווי זי האָט פאַרשוואַנגערט — איז ער אויך אַוועק אַן אַ זיי־געזונט.

היינץ הירש, אַ שווייגער און כעסניק נאָר זייער אַ אינטעלי־גענטער מענטש וואָס לעבט פון זיינע בינשטאָקן אין די גערטנער פון שרון.

און אחרון־אחרון דער קריטיקער נפתלי שץ מיט זיין פרוי נעמי. נפתלי שץ קלאַפּט טאָג און נאַכט אויף זיין שרייב־מאַשין און שטערט דעם שכן וואָס וווינט אונטער אים — דעם שרייבער קלמן קרן — צו דענקען און צו אַרבעטן.

און אויב די קאַלטע אָבער קאָרעקטע באַציונגען צווישן די

שכנים קומען פון צייט צו צייט צום אויסדרוק אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג זענען די באַציונגען צווישן דעם שרייבער אין דעם קריטיקער זייער אָנגעשטרענגטע. די הויפּט סיבה פון דער אָנגעשטרענגטקייט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך דער פאַקט וואָס דער קריטיקער נפתלי שץ האָט אין זיינע לעצטע צוויי ביכער קריטישע עסייען וועגן העברעישע שרייבער, מיט קיין איין וואָרט אַפילו נישט דערמאָנט די עקזיסטענץ פונעם שרייבער קלמן קרן. —

אויב אין די פריערדיקע ביכער „החיים הקצרים" „מחברות אביתר" און „החי על המת" — האָט אהרון מגד באַרירט די דאָזיקע טעמע — איז דאָס לעצטע בוך אין גאַנצן געווידמעט די העלדן וואָס געהערן אַליין צו דער שרייבערישער משפחה.

שרייבער זענען דאָך אויך מענטשן, מיט אַלע מענטשלעכע אינסטינקטן, מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן. שרייבער קענען זיין אויך אַזוי אַבערגלויבעריש ווי אַרטיסטן. ביי יעדן איינעם וואָס האָט צו טאָן מיט קהל, וואָס איז שטענדיק אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג — איז טיף פאַרנעסטעט אַ געפיל פון שרעק, פון אומזיכערקייט און דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע אינטימסטע קעמערלעך פונעם מוח און נעמט אָפּט אָן די פאָרם פון אַבערגלויבן. —

אהרון מגד איז אַ דערפאַרענער שרייבער און זיין איינגעבוירענע נייגונג דו סצענאַרישער אינטערפּרעטאַציע דיקטירט אים אַ זייער שיינע גראָטעסקע פאַר די ברעטער. דאָס איז אַ באַגעגעניש פון דעם שרייבער קלמן קרן מיט דעם קריטיקער נפתלי שץ אויף דער גאַס — ווען אַ שוואַרצע קאַץ שניידט איבער צווישן זיי דעם וועג. קלמן קרן מאַכט זיך כלוימערשט נישט זעענדיק און זוכט אַ געלעגנהייט צו מאַכן די נויטיקע דריי טריט אויף צוריק — אַלס מיטל וואָס איז נויטיק לויט די אַבערגלויבערישע געזעצן אויף אָפּצושוואַכן און צונישט־מאַכן די ווירקונג פון דער שוואַרצער קאַץ. ער בייגט זיך אָן כלוימערשט צו פאַרבונדן דעם שוך און דאַן באַמערקט ער אַז אויך דער קריטיקער נפתלי שץ מאַכט די

נויטיקע דריי טריט אויף צוריק מאַסקירנדיק דאָס דערמיט וואָס זיינע אויגן זענען געווענדעט אויף דעם פענצטער פונעם דריטן שטאָק גלייך ער וואָלט עפּעס וויכטיקס דאָרטן דערזען. —

אהרון מגד גייט נאָך זיין העלד דעם שרייבער קלמן קרן, פּיס־טריט און עס שאַפט זיך דער איינדרוק אַז ער איז נישט נאָר אַ צוקוקער נאָר אַ שטילער שותף פון זיין לעבן. אין בית־משותף זענען אָפּט פאַראַן פאַרשיידענע מעגלעכקייטן. עס דוכט זיך אַפילו אין געוויסע מאָמענטן אַז דער שרייבער וועט זיך נישט וועלן פאַרוויקלען אין קיין ליבע־אַוואַנטורע מיט דער סימפּאַטישער נעמי, די פרוי פונעם קריטיקער, וועלכע איבעראַשט אים אַפילו מיט איר פולשטענדיקער נאַקעטקייט אויפן דאַך. אפשר וועט ער זיך באַגנוגענען מיט דער לייכטער סעקס־איבערלעבונג מיט וויקטאָריען וואָס פאַרמאָגט אַ שטאַרקן נישט־אויסגעלאָדענעם טעמפּעראַמענט. אָבער עס פּאַסירט דאָך דאָס וואָס עס קען פּאַסירן. דער שרייבער דערגרייכט דאָס זיסע געפיל פון נקמה אין קריטיקער ווען זיין שיינע, יונגע פרוי נעמי, פאַלט אים אַריין אין זיינע אָרעמס ווי אַ זיסער זאַפטיקער עפּל. באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור און אַ טיפער קענער פון דעם מאָדערנעם לייענער ווייסט אהרון מגד אַז „אָפּט קען דאָס געדולד פונעם לייענער פּלאַצן צוליבן איבערפלוס פון צופיל פרטים” און דאָך טוט עס אהרון מגד אַליין אפשר קעגן זיין ווילן. אָבער היות דאָס בוך איז געשריבן אין גוף ראשון ווי אַ טאָג בוך, קען מען אים מוחל זיין דערויף. אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די סעקסועל־עראָטישע מאָמענטן אינעם בוך וואָס זענען אָנגעפּראָפּט מיט וולגאַרע אויסדרוקן אין באַקאַנטן סטיל פון דן בן אמוץ. איך ווייס נישט צי האָט עס אהרון מגד געטאָן אין די ראַמען פון דער מאָדערנער סעקס־דערציאונג פונעם יינגן דור אָבער היות איך האַלט אַז אהרון מגד נוציקט זיך נישט אין קיין ניבול־פה, דענק איך אַז מען מוז נישט זיין קיין פוריטאַנער כדי פעסטצושטעלן אַז אַן די דאָזיקע אויסדרוקן וואָס פּאַסן זיך גיכער אין אַ ווערטער בוך פאַר לינג־

וויסטן — שפּראַך־פּאָרשער — וואָלט דאָס בוך פּאַרלוירן בלויז דעם ביי־געשמאַק. — —

צום סיום ווילט זיך מיר צוגעבן: אהרון מגד רייסט אַראָפּ דעם וואָל וואָס דעקט אָפּטמאָל צו די טאַלענטירטע און אויסגעווײילטע פון דער נאַטור און באַווייזט זיי אין זייער גאַנצער „מענטשלע־כער" נאַקעטקייט. דוכט זיך אַז ער וויל דערמיט ווידער אונטער־שטרייכן זיין איינגעבוירענעם הומאַניזם: אַ שרייבער דאַרף אויך זיין אַ מענטש!

„די קליינע מענטשעלעך" פון מענדעלע מוכר ספרים האָבן פּאַרמאָגט אין זיך מער ווי דעם פּאַקטישן רעאַלן אמת פון זייער תקופה. זיי האָבן געהאַט די ספּעציפישע טענדענציעזקייט פון דעם משכילישן מייסטער. אָבער שיינע ליטעראַטור טאָר דאָך פּאַר קיין פּאַל נישט זיין קיין היסטאָרישע באַשרייבונג און דאָס האָט שוין אויך אונדזער זיידע זייער גוט פּאַרשטאַנען. און לייענענדיק דאָס בוך פון אהרון מגד טראַכטסטו אַז ער וויל קיינעם נישט מוסרן און אַז ער האָט בלויז אויף אַ פּשוטן נאָר בולטן אופן, אַוועקגע־שטעלט פּאַר אונדז אַ בילד פון דער ישראל־געזעלשאַפטלעכקייט, איינפּאַסנדיק עס אין דער רעם פונעם שפּיגל פון דער צייט.

בילד און רעפלעקס

ביים מאָלער אברהם ישכיל

אַ באַגעגעניש מיט אַ קינסטלער געהערט תמיד צו די איבער־לעבונגען וואָס שפּייזן אונדזערע גייסטיקע באַדערפעניש. ווער שמועסט נאָר, אַז דער קינסטלער איז נישט באַגרענעצט בלויז אין זיינע ד׳ אמות און איז אַ לעבעדיקער מיטשמועסער אין פראַגן וואָס שטייען ברומו של עולמנו.

אברהם ישכּיל וווינט אין דער שכונה נוה־שאנן, אין חיפה, ווען ער איז אַנטלאָפן פון נאַצי־דייטשלאַנד אין יאָר 1933 — האָט ער דאָ פאַראַנקערט און מיט יאָרן שפּעטער פאַרוואַנדלט זיין צריף (באַראַק) אין אַ באַשיידענער דירה מיט אַ אַטעליע. אַ געדיכטע ליכטיק־ווייסע טשופּרינע שויבערט זיך אויף זיין קאָפּ, דעם פּינעף און אַבציק יאָריקן; זיין ברייטע שניי־ווייסע שיינע באָרד פאַרדעקט אַ טונקעלע אַרבעטבלוזע; זיינע לעבעדיקע שוואַרצע אויגן שפּיזן אייך דורך מיט פריילעכן גלאַנץ און מיט אַ ברייטן זשעסט פון אַן אמתן מכניס־אורח לייגט ער אייך פאָר אַ פּשוט בענקל נעבן אַ גאַנץ געוויינלעכן האַלצערנעם טיש און נעמט אייך אויף מיט אַ גלעזל טיי. נאָר דאָס ריכטיקע אָרט ווו ער פאַרברענגט זיינע טעג איז די אַטעליע, דאָס אָרט ווו ער פאַרקערפּערט זיין חלום אין וואָר. דאָ, אין דער אַטעליע, זענען חל אַנדערע געזעצן. דאָ הערשט „קינסטלערישע אומאָרדענונג״, דאָ זענען צעוואָרפן פאַרשיידענע עקספּערימענטאַלע אַרבעטן נישט פאַרענדיקטע סקיצן, צייכענונגען שוואַרץ אויף ווייס, פּאַלעטרעס מיט פאַרב, פּאַפּירן, קאַרטאָנען, רעמלעך, שווערע, מאַסיווע וואָס שטייען גרייט אויפצונעמען נייע אַרבעטן פונעם מאָלער. אַ גאַסט מוז זיך דאָ זייער פאָרזיכטיק באַוועגן כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן, נישט איבערצוקערן עפּעס, אָבער אברהם ישכּיל שווימט אַרום דאָ ווי אַ פיש אין

וואַסער. קיין זאַך איז פאַר אים דאָ נישט פאַרהוילן; אויגנבליקלעך שלעפּט ער אַרויס אַן אַלטן מאמר־אויסשניט פון אַ זשורנאַל, אַ בוך פון צווישן צענדליקער ביכער אין דעם אַלטן ביכער־שאַנק זיינעם, בעת ער וויל עמעצן ציטירן אָדער איבערגעבן אַ פאַקט שהיה. דאָ הערשן נישט די געזעצן פון פאַרגעסנקייט — אַלץ לעבט אין דער אַטעליע מיט גייסט פון שטאַרקן ווילן און מיט דראַנג צו עקזיסטירן; אַלץ שטייט דאָ גרייט צו דינען דער קונסט מיט ראָט און עצה פון יאָרנלאַנגער דערפאַרונג. —

אברהם ישׂכיל איז געבוירן אין טשענסטאָכאָווו, פוילן, וואָס איז באַקאַנט אין דער קאַטוילישער וועלט מיט אירע קלויסטערס אויף דער הייליקער „יאַסנאַ גוראַ" (ליכטיקער באַרג) און אין דער יידישער וועלט באַקאַנט געווען מיט אירע בתי־תפילה, ישיבות און שטיבלעך. די חסידישע באַוועגונג האָט דאָרט געפונען אַ פרוכטיקן באָדן און יידן האָבן געלעבט פון האַנדווערקעריי און פון קליינעם האַנדל. ישׂכילס פאָטער, אַ ייד אַ חסיד, האָט געצויגן זיין חיונה פון שטובן־מאָלעריי און דער יינגער אברהם האָט שוין פון פריסטער קינדהייט אָן, צוהעלפנדיק דעם פאָטער ביים מאָלן בלומען און לאַנדשאַפטן — איינגעזאַפּט אין זיך דעם ספּע־ציפישן ריח פון פאַרב — אַ ריח וואָס האָט געפורעמט דעם מאָלערס לעבן.

אין דער טשענסטאָכאָווער פאַך־שולע האָט ישׂכיל זיך גע־לערנט צייכענען ביים פּראָפעסאָר פרץ ווילענבערג, וואָס איז אויך געווען אַ אַקטיווער קולטור־טוער. ביי אים אין שטוב האָט ישׂכיל זיך באַקענט מיט י. ל. פּרץ און מיט דעם הומאָריסט — דער טונקעלער. די מוזיקע באַקאַנשאַפט האָט אים אויף שטענדיק מקרב געווען צו דער יידישער ליטעראַטור. לויט דער עצה פון פּראָפעסאָר ווילענבערג פאָרט ער קיין דרעסדען אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע. דער דאָזיקער פּלוצימדיקער שפרונג פון פרוי־מער חסידות צו דעם דאַמאָלסטיקן צענטער פון אייראָפּעישער וועלטלעכקייט האָט אויפן אַכצניאָריקן בחור געהאַט גרויס השׂ־

פעה. ר׳האָט אָבער נישט פאַרגעסן זיין שטאַם און דער בלוטיקער היטלעריזם איז געווען דער לעצטער שטויס צו זיין קומען קיין ישראל. אברהם דערציילט מיר דאָס אַלץ. ער טוט דאָס מיט התל־הבות און בילדלעריש. נוץ איך אויס אַ קליינע פּאַוזע און פרעג אים:

— איר זענט באַקאַנט אין דער וועלט ווי אַן אָריגינעלער יידי־שער אינטערפּרעטאַטאָר פונעם תנ״ך. ווען זענט איר איבערגעגאַנ־גען צו תנ״ך־מאָטיוון און פאַר וואָס?

דער אַלטער מאָלער טוט אַ בליץ מיט די אויגן און אַ צופרי־דענער שמייכל באַשיינט זיין פּנים. ער האָט ווי געוואַרט אויף דער דאָזיקער פראַגע.

— דעם תנ״ך קען איך זייער גוט, דער תנ״ך איז פאַר מיר אַן אוניווערסאַל ווערק ווו יעדער מענטש קאָן זיך אָפּגעפונען. וואָלט איך געבליבן אין אויסלאַנד — ווער ווייסט ווו־הין די קונסט וואָלט מיך שפּעטער פאַרפירט. עס זענען דאָך געווען יידן־מאָלערס וואָס זענען באַקאַנט היינט ווי איטאַליענער, פראַנצויזן, — אַ שטייגער: מאָדעליאַני, סוטין און אַנדערע. אָבער אַז איך האָב באַטראַכטן די ערד פון ישראל, האָב איך פּלוצעם דערפילט אַ מאָדנעם ציטער: אָט דאָ, אויפן זעלבן אָרט האָט אַמאָל געקענט טרעטן אַ פוס פון אַ נביא. עס איז אַ זעלטן געפיל — נישט קיין וווּנדער וואָס ירושלים איז הייליק פאַר דריי רעליגיעס. — כ׳האָב יאָרן לאַנג געפילט אַן אומרויִיקייט, ביז כ׳האָב אָנגעהויבן פאַר־פיקסירן די אַ געפילן אויפן לייוונט. היינט צו טאָג פאַרמאָג איך שוין 60 פאַרענדיקטע לייוונטן. ס׳האָט מיר נישט געשטערט וואָס דער תנ״ך האָט הונדערטער יאָרן באַשעפטיקט די גרעסטע קריסט־לעכע מאָלערס. יעדער קינסטלער האָט עפּעס־וואָס צו באַנייען. יעדער קינסטלער האָט זיך זיין אידייע, זיין זשאַנער, זיין סטיל. כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט: פונקט ווי יעדער מענטש האָט זיך זיין אייגענעם גאָט... אין תנ״ך געפינען מיר דאָך: אלוהי אברהם, אלוהי יצחק ואלוהי יעקב — איז דאָס, לויט מיר נאָך, דער יידישער

אוניווערסאַליזם פונעם גלויבן. יעדער מענטש לויט זיין פאַרשטאַנד און לויט זיינע פעאיקייטן. —

— איר פאַרגייט, אַזוי אַרום, צו שפּינאָזען און צו איינשטיינען?

— אויך זיי האָבן אָן ספק, געשעפּט פונעם זעלבן קוואַל. —

באַטראַכטסטו די לייוונטן און ווערסט איבעראַשט. די געשטאַלטן, געמאָלן מיט אייל־פאַרב, מאַכן דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען געגאָסן פון בראָנז אָדער געהאַקט פון שטיין, פאַרשטויבטע דורכן ווינט און פאַרגאָסענע מיט רעגן. אָט איז דאָס באַלד גלאַט ווי אַ שפּיגל, דוכט זיך, אַז מען קאָן עס אָננעמען מיט דער האַנט.

ישׂכּילס טעמאַטיק איז אָנגעפּיקעוועט מיטן גייסט פון ספר־הספרים, פון „יצירת האדם" וואָס זיצט און קאַכט מיט לעבנס־לוסט ביז די אַנגסטן און ליידן פון „איוב". ישׂכּיל דערהייבט זיך אין זיינע מאָטיוון צו אַ הייך ווו דאָס מענטשלעכע ווערט פּאַראַלגעמיינערט, וואַקסט־איבער דאָס טאָגטעגלעכע און באַקומט דעם אָפּשיין פון אייביקייט. זענען זיינע געשטאַלטן טאַקע פּנימלאָז אָבער זיי לעבן סיי ווי זעלבסטשטענדיקע געמעלן אין וועלטאַל און סיי אין יעדן איינעם פון אונדז.

נישט קיין וווּנדער וואָס אברהם ישׂכּילס בלעטער פונעם תנ"ך האָבן זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען. 12 תנ"ך־מאָטיוון זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַמסטערדאַמער הויז פון אַנאַ פראַנק. אינעם בוך וועגן „איוב" וואָס דער אַבסטערדאַמער מוזיי האָט אַרויסגעלאָזט, געפינען זיך דריי בילדער פון אברהם ישׂכּיל. איצט שטייען דריי תנ"ך־בלעטער פון ישׂכּילן אין לאָס אַנדזשעלעס: „יובל", „משה און אהרון" או „משה — ווען מען ציט אים אַרויס פונעם וואַסער". דער פילאַדעלפינער מוזיי האָט לעצטנס באַשטעלט ביי ישׂכּיל עטלעכע בילדער צו זייער אויסשטעלונג.

די צייט לויפט שנעל און איך וויל נאָך עפּעס פרעגן:

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דער קעגנוואַרטיקייט און דער צוקונפט פון אונדזער קונסט?

— אין אַלע צייטן זענען די קינסטלער געווען עמפינדלעך קעגן דערשיינונגען פון שלעכטס, אָבער אויב אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די קינסטלער מלחמה געהאַלטן מיט דער געזעלשאַפט — זעען מיר אין אונדזערע היינטיקע צייטן אַ זייער טרויעריקע דערשיינונג: די קינסטלער נעמען אָן דאָס בייזס, פּאַסן זיך צו צו די באַדינגונגען און מאַכן דאָס פאַרהאַנענע פאַר זייער לעבנס־קוק און פילאָזאָפיע. אַלץ איז געפאַלן אַ קרבן צו די שקרים פון דער תקופה. אָבער עס מערקט זיך דאָך אַ געוויסע אויסניכטערונג. יאָ, קיין נייער פּיקאַסאָ וועט אַזוי שנעל נישט אויפקומען.

אברהם ישׂכּיל, דער לערער און קינסטלער, איז נאָך אַלץ פול מיט גלויבן, פול מיט אָפּטימיזם. איז פון שטענדיק אָן אַ ווידערשפּעניקער וואָס גייט נישט מיט דער אָנגענומענער ליניע, נאָר זוכט דעם שווערן וועג וואָס איז פאַרזייט מיט שטרויכלונגען אָבער פול מיט האָפענונג און אָריגינעלקייט.

צווישן די נעמען פון די באַרימטע תנ״ך־מאָלער ווי רעמבראַנדט, טינטאָרעטאָ, דעלאַקרואַ, ברויגעל און דירער, שיינט אויך אַ יידישער נאָמען אין מדינת ישראל — אברהם ישׂכּיל.

שמואל לם׳ס קינסטלערישער וועג

פאַר דעם קונסט־היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן באַשרייבן די אַנטוויקלונג פון דער ישראלדיקער מאַלעריי־קונסט — וועט דער נאָמען שמואל לם האָבן זייער פיל צו זאָגן. ווייל שמואל לם, דער חיפה׳ער לאָקאַל־פּאַטריאָט ווינט און שאַפט דאָ אַ קימא לן פון קנאַפּע פופציק יאָר. און כדי צו באַצייכענען די דאָזיקע וויכטיקע דאַטע האָט די חיפה׳ער קולטור־אָפּטיילונג פאַר מאָדערנער קונסט איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון לם׳ס אייל־בילדער. צו דער דערעפענונג זענען געקומען די חיפה׳ער פּני פון דער קונסט און קולטור־וועלט ווייל שמואל לם האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע באַרימטע פּאָרטרעטן פון ישראלדיקע פּערזענלעכקייטן ווי פון אַנדערע יידישע באַרימטקייטן אין דער וועלט. אַ גערירטער גייט דער קינסטלער אַרום צווישן פּובליקום, נעמט אויף אַלץ פרישע געסט, פריינט און חברים, וואָס קומען באַוווּנדערן זיין טאַלאַנט. דאָן נעמט דאָס וואָרט דער חיפה׳ער שטאָט־פּרעזידענט הער אַריה גוראַל וואָס כאַראַקטעריזירט מיט קורצע אָבער זייער טרעפלעכע ווערטער דעם קינסטלערס שאַפן.

נאָכדעם רעדט פּראָפעסאָר אדיר כהן. ער געפונט אַ פּאַראַלעל צווישן דער מאַלעריי־קונסט און דער פּאָעזיע און זעט אין דער איצטיקער אויסשטעלונג אַ ווייטע, שטאַרקע אַנטוויקלונג פון מאָ־לערס טאַלאַנט אין דער פּאַרטיפונג פון זיין באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער גאַנצקייט פון דער קאָמפּאָ־זיציע און געפּרעסטקייט פון פּאַרב.

שמואל לם איז געבוירן אין יאָר 1905, אין גאַליציש בראָדי, דאָס באַרימטע שטעטל פון די בראָדער פּאָלקס־זינגער. דאָס דאָ־

זיקע, ביז גאָר אינטערעסאַנטע קולטור־שטעטל, ווו פּאַערונג צו מלכות איז געפּאָרט געווען מיט דבקות אין יידישן פאָלקסטימלעבן לעבנס־שטייגער — דאָס שטעטל מיט די שמאָלע יידישע געסע־לער, שיין־געפּלעגטער שטאָט־פּאַרק און אַרומגעפּאַרקנטע בליענ־דיקע גערטנער — האָט דורך זיינע זייער כאַראַקטעריסטישע יידישע טיפּן געלייגט דעם סטעמפּל פון פאָלקסטימלעכקייט און פשטות אויף דעם צוקונפטיקן פאָלקס־מאָלער — ווי איך וועל זיך דער־לויבן צו באַצייכענען דעם קינסטלער שמואל לם.

יעדער מענטש טראָגט אַרום זיין גאַנץ לעבן עפּעס אַ ספּע־ציפישקייט וואָס גיט אים זיין אייגנאַרטיקן אויסדרוק, וואָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן ביים באַגעגענען זיך. צו איז דאָס אַ וואָרט, אַ באַוועגונג, אַ שמייכל, אַ בליק. ביי למ׳ען, דעם קינסטלער דאָ־מינירט זיין פשטות און אוממיטלבאַרקייט, וואָס איז דער כאַראַ־קטעריסטישער הויפּטשטריך אין זיין באַנעמונג, ווי אין זיין גאַנצן קינסטלערישן שאַפן. די נויגונג צו פּאָרטרעטיזם, וואָס פאַרנעמט ביי אים אַ גאָר אָנגעזעענע פּאָזיציע — קאָן אָנדייטן אויף זיין שטאַרקן אינטערעס צום לעבעדיקן מענטש מיט אַלע זיינע פער־זענלעכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. ווייל שמואל לם, דער שילער פון דער לעמבערגער קונסט־אַקאַדעמיע, געהער צו די דאָזיקע קינסטלער אימפּרעסיאָניסטן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן מהלך פון אַנטוויקלונג, אָבער געבליבן טריי דעם הויפּט־פּרינציפּ, אַז די שיינקייט, די האַרמאָנישע גאַנצקייט, וואָס ליגט אין די טיפענישן פון דער נאַטור — האָט אַ באַשטימטע מאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויפן לעבעדיקן מענטש. דעריבער דאַרף די קונסט, אויב אַפילו זי פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען, נאָר איז קונסט פאַר זיך זעלבסט — זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַלע וואָס ווילן פון איר געניסן. און שמואל לם כשופט אַרויס פון זיינע לייוונטן, מיט דער אָריגינעלער שפּאַכטל־טעכניק, שטימונגען און געפילן, געדאַנקען און אויך קלאַנג — וואָס ווירקן אויף אייך מיט זייער אוממיטלבאַרקייט, נאַטירלעכקייט, האַרציקייט, וואָס נאָר אַזאַ

דעליקאַטער, פיינפילנדיקער קינסטלער, ווי שמואל לם, קען עס באַווייזן.

שמואל לם האָט זיך זייער שנעל אַקלימאַטיזירט. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די פייכטקייט פון חיפה׳ער פּאָרט, די גרינקייט פון כרמל־באַרג און די הייסע ברענענדיקע שטראַלן פון דער ישראל זון. ווייל אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קינסטלער, וואָס קענען זיך נישט באַפרייען פון דעם „פאַרגאַנגענהייטס־קאָמפּלעקס", איז שמואל לם אַן הונדערט־פּראָצענטיקער ישראל־מאָלער, וואָס האָט ליב די אייגענע לאַנדשאַפט, די שמאָלע צפת׳ער געסעלעך, די טיפע צווישן־בערגיקע אָפּגרונטן און די בלויע ים׳יקע פּאַליעס, וואָס וויגן זיך אין ריטם פון די שיפלעך אין חיפה׳ער פישער־פּאָרט. דאָס בילד מיט דעם דאָזיקן נאָמען, פאַרכאַפּט אייך מיט זיין אידילישער גאַנצקייט, וואָס דריקט אויס די טאָג־טעגלעכע היים פון די דרייסטע פישער. לם באַנוצט זיך נישט מיט קיין פאַרביקן קאָנטראַסט. נישטאָ, זאָגט ער, אין ישראל, קיין שטאַרקע קאָנט־ראַסטן פון ליכט און שאָטן, ווייל די שאַרפע זון דרינגט אומעטום אַריין און מילדערט אַזוי אַרום די טונקלסטע פאַרבן. געטריי זיין נאָך־אימפּרעסיאָניסטישע שיטה, שאַפט ער זיינע קאָמפּאָזיציעס אויף אַ באַשטימטן לייט־מאָטיוו, וואָס איז די אַקס פון דער גאַנצער סיטואַציע — פּונקט ווי אַ מוזיקאַלישע שאַפונג באַזירט זיך אויף אַ באַשטימטן טאָן. צווישן די 52 עקספּאָנאַטן אויף דער אויס־שטעלונג זענען פאַראַן ים־פּייזאַזשן, חיפה׳ער געסעלער, ירושלי־מער אויסקוק, דאָס בילד „מוטערשאַפט" און פיל בלומען, וואָס זעטן אָן דאָס אויג מיט זייערע שטילע, קאַלטע און וואַרעמע קאָלירן, און רעדן צו אייך מיט אָריגינעלן, נאָר פאַרשטענדלעכן לשון.

בילד און רעפלעקס

דאָס „שאַגאַל הויז" איז געפּאַקט מיט מענטשן: פּאַר־קאָלעגן, אַמאַטאָרן, קונסט־ליבהאָבער און סתם פּאַרערער. עס קומען אויך מענטשן, וואָס פאַרשטייען זיך ווייניק אויף קונסט. אָבער זיי מוזן קומען כדי מען זאָל „זיי זען" און כדי זיי זאָלן שפּעטער קענען דערציילן, אַז זיי האָבן „יענעם" געזען. סנאָביזם בלע"ז און אין אייגענעם וועלטל פעלן קיינמאָל ניט קיין נאָכמאַכערס און סתם „נאָכטאַנצערס". אָבער עס וואָלט דאָס וועלטל אַנדערש אויס־געזען זייער אָרעם און גרוי אָן די דאָזיקע „נאָכטאַנצערס", ווייל מיט דער צייט קלעפּט זיך פונדעסטוועגן עפּעס צו. און מען הויבט אָן פאַרשטיין און מען דערגרייכט עפּעס אין דעם אייגענעם דראַנג נאָך פאַרפולקאָמונג.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אַ ביסל מורא פאַר מענטשן, וואָס ווייסן שוין אַלץ און וואָס גאַרניט איבעראַשט זיי ניט. ווייל „דאָס האָבן זיי שוין פון לאַנג געזען" און „יענץ האָבן זיי שוין געהערט". אַ מענטש דאַרף זיך געהערט". אַ בענטש דאַרף זיך קענען מחדש זיין אַפילו פאַרן פרייז פון אַראָפּלאָזן זיך אַ ביסל. מען קען ניט מאַכן קיין שפּרונג פאָראויס, אויב מען גייט ניט אַ ביסל צוריק, אָבער עס שאַקירט אונז יעדע עקסטרעמיטעט און אַנשטעל סיי ביים אויסדרוקן טיפן באַוווּנדער פון עפּעס אַן אַבסטראַקט וואָס יאָגט אָן אַ מרה שחורה מיט די אומצאָליקע און אומפאַרשטענדלעכע פלעקן און סיי בעת דער „אַלץ ווייסער" מאַכט אַ ביטולדיקע האַנט־באַוועגונג אויף אַ בילד וואָס שטעלט פאָר אַ נאַטור־ווינקל, היות דער פאָטאָ־אַפּאַראַט קען עס היינט מאַכן פיל שענער.

די עקסטרעמיטעט, הגם דינאַמיש, איז זי שטענדיק געווען צעשטערעריש. בעת מיר ווילן אונטערהויבן אַ שווערע משא, פירן מיר איבער די שטיצפונקטן פונעם צענטער אויפן עק. דער מענטש האָט ניט נאָר אַנטדעקט די סודות פון דער מאַטעריע — ער באַנוצט זיך אָפט מיט זיי גאַנץ אינסטינקטיוו און מיט גרויס דערפאָלג. די וויזועלע קונסט האָט שוין פון לאַנג אַנטדעקט דעם כוח פון קאָנטראַסט און ווידערשפרוך. זי באַנוצט עס אָפט אינעם שוואַרץ־ווייס און אינעם ליכט און שאָטן שפּיל פונעם פּייזאַזש. און וואָס בעסער דער קינסטלער באַהערשט די קאָנטראַסטן טעכניק, אַלץ אויסדרוקפולער, סטעראָסקאָפּיש טיפער — ווערט דאָס בילד.

סוף סוף האָט דאָך די קונסט אַ געוויסע גזעלשאַפטלעכע פונקציע; די קונסט איז דאָך באַשטימט ניט געשאַפן געוואָרן אין קיין פאַרקריפּלטן מוח פון עפּעס אַ באַשעפעניש, וואָס האָט ניט קיין באַשטימטן ציל. פון יענער מינוט ווען דער מענטשלעכער אינטעלעקט האָט באַוויזן צו אַנטפּלעקן איבערחיהשע אייגנשאַפטן, ווען דער מענטשלעכער מוח האָט באַוויזן צו זוכן אַ לעזונג פון דער יצירה, פון יענער גליקלעכער אָדער אומגליקלעכער מינוט פאַרן מענטש, איז געוואָרן קלאָר, אַז דער סוד פון דער געטלעכער שאַפונג הויבט זיך אָן צו אַנטפּלעקן אין די פאַרשידנסטע פאָרמען פון דער מענטשלעכער שאַפונג.

אָבער דער „בצלם אלוהים" דאַרף דינען געוויסע מענטשלעכע אינטערעסן און צילן און איינס פון די צילן איז צו פאַראיידעלן דעם מענטשנס נאַטור. דורך שאַפן די גהעריקע קינסטלעכע אַטמאָספער דערצו, דורך פּאָפּולאַריזירן און פאַראיינפאַכן די טיפסטע געדאַנקען, כדי זיי זאָלן ווערן צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען.

אָט דאָס איז אין תוך די סאָציאַלע אויפגאַבע פון דער קונסט אין אַלע צייטן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. און די, וועלכע מיינען, אַז מיט דער נעגאַציע פון די קלאַסיקער וועלן זיי מיטן כוח פון דער פּרימיטיווער נאָכמאַכונג ווערן די נייע קאָלומ־

בוסן פון דער מאָדערנער קונסט־וועלט, פאַרגעסן, אַז דער אינ־פאַנטיליזם איז פון אייביק באַקאַנט אַלס אַ קרענקלעכע דערשיי־נונג ביי וועלכער ניט יעדע קלינישע באַהאַנדלונג ווערט געקרוינט מיט דערפאָלג.

✶

די מאָלעריי קונסט ווי די מוזיקאַלישע, מאַכט דורך די לעצטע צענדליקער יאָרן טיפע קריזיסן. מען קען געפינען די סיבות אָבער מען מוז ניט מסכים זיין מיט זיי. די אַנטוויקלונג, ווייסט ניט פון קיין גראָדע ליניע, פאַראַן זיגזאַגן פון פאָראויסגאַנג און צוריקגאַנג, פון אויסערגעוויינלעכער אַקטיוויטעט און פון פאַסיווער אָנלאָ־דונג פון כוח. מען קען פאַרשטייט זיך ניט האָבן קיין טענות צו די קינסטלער, וואָס זיי מאָלן ניט אַלע אין סטיל פון רעמבראַנד, אָדער וואַן־גאָך — דערצו מוז מען האָבן גאָר גרויסן טאַלאַנט. ניט שטענדיק ווערן מיר פון דער נאַטור באַשענקט מיט דער דאָ־זיקער געטלעכקייט. אָבער עס ווילט זיך ממש בעטן ביי די מאָלער ניט נאָכצוקרימען דעם סטיל פון פיקאַסאָ, איידער זיי גייען איבער זיין שול פון דער א. ג. „בלויער עפּאָכע”.

ס'איז אָפּטמאָל שווער אויפצובאַפּן די שרעקלעכע דיסהאַרמאָ־ניע פון אַ מאָדערנער מוזיקאַלישער שאַפונג און בלייבן זיצן אַ ווילע אַ רויקער מיט ניט קיין צעטרייסלטע נערוון. דאָס זעלבע געפיל פון שפּיזיקין אומרו וועקן אויף די משונהדיקסטע געאָמעט־רישע און פאַנטאַסטישע פיגורן וואָס ליגן צעוואָרפן אויף די ברייטע לייוונטן, וועלכע עס האָט עפּעס, גאַנץ אָפּט, אַ מיסטישע האַנט באַפלעקט און אויסגעפינטלט. די מאָלעריי קונסט האָט כמעט שטענדיק, אין אירע שענסטע צייטן, געשעפּט חיונה פון דער נאַטור, פון די קליינינקע דאָרפישע הייזלעך, פון דעם פרימיטיוון ברונעם, וואָס קאַפּעט מיט טראָפּנס וואַסער אויף דער שוואַרצער, פעטער ערד און פון געדיכטן גראָז, וואָס האָט זיך ווילד צעוואַקסן אויף די ברייטע דאָרפישע שליאַכן. מיט דעם אַנטשטיין פון די מאָדערנע טעכנישע מיטלען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער בוי־

קונסט און פון דער נייער אינדוסטריע, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ געוואַלדיקע איבערקערעניש אין געזעלשאַפטלער־קולטורעלן לעבן — האָט די בילדלערישע קונסט פאַרלוירן מיט אַמאָל דעם קלאַסישן מקור פון איר באַגייסטערונג. און אַנשטאָט צו זוכן נייע פאָרמען פאַר דעם אייביק לעבעדיקן אינהאַלט, איז זי אַוועק אויף זייער געפרעלעכע אומוועגן, אויף וועלכע מען קען מיט די שטאַרקסטע רעפלעקטאָרן אַפילו ניט געפונען קיין צייכן פון דערווירקלעכקייט, וואָס איז אַזוי שיין און רינגלט אונז אַרום.

*

שלמה איצקאָוויטש געהערט צו די מאָלער, וואָס קענען זיך אַן עצה געבן מיט די נייע פּראָבלעמען אויך. ער איז באַגאַבט מיט אַ רעאַלן קוק אויף דער וועלט און ער קען דעם דאַזיקן רעאַליזם זיינעם אָנטון אַ שיינעם יום־טובדיקן לבוש. זיינע בילדער „צפת״, „כנרת״, „חיפה״, „עין כרם״, אָטעמען מיט נאַטירלעכער עכטקייט און פילן אייך אַן מיט אַן אומרויקן ציטער. איר זעט די געוויינלעכע באַקאַנטע ערטער, ווי זיי וואָלטן פּלוצלונג באַלויכטן געוואָרן מיט אַזאַ וואָרעמען איבערנאַטירלעכן ליכט. אָפּטמאָל מוז מען זיך אָפּרוקן אַ ביסל ווייטער, כדי פון דער פּערספּעקטיוו בעסער אויפנעמען דעם טיפן געדאַנק פונעם קינסטלער. ווייל איצקאָוויטשעס פּייזאַזשן זיינען ניט נאָר אַן אויסדרוק פון אַ פאַרלאַנג צו פאַראייביקן אַ לאַנדשאַפט ערגעץ־ווו אויף אַ ווינקעלע אויפן ערד־קוגל — נייערט דאָס איז אַ לאַנדשאַפט געזען פון אַ מאָלער, וואָס דענקט, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק איז דאָ אויף דער דאָזיקער ערד אַנטשטאַנען אַ יש מאין. איצקאָוויטש האָט דערזען גאָטס וועלט אין דעם גרויסן פּוילישן אַרבעטער צענטער לאָדזש אין יאָר 1896 און אויב מען זאָל אָננעמען, אַז אַ מענטש איז פּאָרט אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה, האָט עס איצקאָוויטש דער קינסטלער, פולשטענדיק באַשטעטיקט אין דעם אונטערבאַוווסטזיניקן פילמאָליקן איבערטראָגן די שטאָטישע לאַנדשאַפט אין דער כאַראַקטעריסטישער ספּעציפישער פאַרנעפּלטקייט וואָס עס האָבן געשאַפן

די לאָדזשער הויכע פאַבריק־קוימענס. און בעת איצקאָוויטש לאָזט זיך אַוועק אין דעם אויספאַנטאַזירטן אַבסטראַקט — טראָגט ער איבער אויפן לייוונט די בענקשאַפט נאָך די פאַרבנרייכע טעקסטיל פּראָדוקטן פון די יידישע האָרעפּאַשניקעס פון לאָדזש, וועלכע דעם קינסטלערס נשמה האָט אַזוי טיף אַנגעזאַפּט אין די יוגנט־לעבע טעג פון זיין לעבן.

איצקאָוויטשעס פּענזל האָט די וווּנדערבאַרע אייגנשאַפט איבערצוגעבן אַ מאָמענטאַלע שטימונג, וואָס ווערט אַ דאַנק דעם פיקסירט אין אַ אייביקייט. ער איז אַ זייער סענסיטיווער און דע־ליקאַטער מאָלער, וואָס האָט אַ טיפן מענטשלעכן סענטימענט נאָכן עבר אין וועלכן די קעגנוואַרט טאָר אויף קיין פאַל ניט פאַרגעסן. דער פּאָרטרעט פון זיין זיידן איז געמאָלט מיט אַזוי פיל ליבע און פאַרערונג, אַז זיין בליק וואַנדערט אייך נאָך און איר קענט זיך לאַנג פון אים ניט באַפרייען.

איצקאָוויטש איז אַ פיל־סטיליקער מייסטער, ער מאָלט אין אייל און שוואַרץ און ווייס און אויך די טעמעס זיינען פאַרשידן. און אין אַלץ איז ער עכט, עקספּרעסיוו, שאַרף און פאַרבנרייך און איז באַהויכט מיט אייגנאַרטיקער אָריגינעלקייט.

יאַנינאַ שפּיצגלאַס — קוואַלנדיקער אויפבּרויז

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער פּאַסיקסטער נאָמען פאַר דער בילדער־אויסשטעלונג פון דער מאָלערין יאַנינאַ שפּיצגלאַס, וואָס האָט זיך איצט געעפנט אין דער חיפהער גאַלעריע זיסמאַן.

די זיסמאַן־גאַלעריע איז געווען געפּאַקט „פון מויל צו מויל" בעת דער פאַרשטייער פון דער חיפהער עיריה און אָנפירער פון איר קולטור־אָפּטיילונג, דער פּאָעט מיכאל קשטן, האָט פאָרגע־שטעלט די קינסטלערין פאַרן עולם.

יאַנינאַ שפּיצגלאַס איז טיף גערירט און אויפגעהייטערט — דער דעביוט מאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ און ברענגט אַרויס ראָזע פלעקן אויפן געזיכט. אירע אָפענע טונקעלע אויגן צעעפענען זיך נאָך מער, זי כאַפּט אויף יעדן בליק און דאַנקט מיט אַ לייכטן שמייכל פאַר די גוטע אויסדרוקן פון אָנערקענונג...

פאַרשיידענע ריכטונגען האָבן באַהערשט די מאָלעריי פאַר דעם לעצטן יאָרהונדערט אין אייראָפּע און אַמעריקע. גאַנץ אָפט האָט דער סתמיקער געלויף נאָך נייער פאָרם פאַרשטעלט דעם עיקר תמצית פון דער קונסט: דעם אינהאַלט.

אמתע קונסט פאָדערט אַ שטאַרקע דעפאָרמאַציע פון גאָטס באַשאַף; דאָס אויג — דאָס שפּיגעלע פון דער מענטשלעכער נשמה — דאַרף זיין ערגעץ ווו פאַרשטעקט אויף דער ליפּ און די נאַטירלעכע דעליקאַטקייט פון פרויען־פינגער דאַרפן טראָגן מיט גדלות די צעווירענע פאַרגרעבטקייט וואָס איז אַפילו אַ זעלטנקייט ביי שווער־פאַרהאָרעוועטע פויערטעס אין די היינטיקע צייטן פון טראַקטאָרן און וואַש־מאַשינען. אָבער צום גליק איז אויך דאָ חל דאָס אייביקע געזעץ: „אַלץ איז פליסיק און פאַרענדערלעך" — אויפן קונסט־האָריזאָנט האָבן זיך ווידער באַוויזן ליכטיקע סימ־

נים. און היינט צו טאָג איז פאַראַן איין געמיינזאַמע מיינונג וואָס פאַראייניקט אַלע קינסטלער: „די קונסט דאַרף זיין אינטערעסאַנט".

— אַזוי שטעלט פעסט פּראָפעסאָר אימרע ערדיי, דער פּאָרטרעטן־מאָלער אין קלאַסישן סטיל וואָס האָט נאָך אין יאָר 1930 פאַרענ־דיקט די קונסט־אַקאַדעמיע אין רוים און זייט יאָר 1948 איז ער אַ חיפהער תושב. פּראָפעסאָר אימרע ערדיי איז דער אַנטדעקער פונעם מאָלער־טאַלאַנט אין יאַנינאַ שפּיצגלאַס. זיין „אני מאמין" אין דער קונסט דריקט ער אויס אין פאָלגנדיקע געציילטע ווער־טער, בעת מיר באַטראַכטן פאַרגאַפט די עקספּאָנאַטן: —

„די קונסט דאַרף זיין פשוט און פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען און דער עיקר — מאָנומענטאַל. אין דער דאָזיקער ריכטונג האָב איך געווענדעט יאַנינא שפּיצגלאַס טאַלאַנט".

די פּערציק בילדער פון יאַנינאַ שפּיצגלאַס, וואָס באַצירן די ווענט פון דער זיסמאַן־גאַלעריע זענען נאָר אַ טייל פון איר שאַפן. (זי פאַרמאָגט נאָך פיל בילדער אין דער היים אויף אַ צווייטער אויסשטעלונג.) זיי זענען געמאָלן אין אייל און עס איז פשוט נישט צו גלייבן, אַז דאָס איז דאָס ווערק פון אַ פרוי וואָס האָט ביז מיט פערצן חדשים צוריק נישט געהאַלטן קיין פּענדזל אין האַנט! יאַנינאַ שפּיצגלאַס וווינט אין חיפה פון יאָר 1957 און דאָס שיינקייט און אוממיטלבאַרקייט פון דער אייגנאַרטיקער ים־שטאָט און פון דער גאַנצער אומגעבונג האָט זי פאַרפּיסקירט אין איר קינסטלערישער אַרבעט. מיר זעען דאָ אַ „שטורמישן ים" געמאָלן אין וווּנדערבאַרן בלוי־גרינעם טאָן. פול מיט דינאַמישקייט איז דאָס בילד „ווינט". — מען זעט די באַוועגונג פון די זיך־וויגנדיקעביימער; דער ווינט הערשט דאָ אויפן גאַנצן לייוונט און מען זעט דעם אומבאַגרענעצטן כוח פון דער נאַטור. עבט זענען די פּייזאַזשן „נהריה", „טבריה", „ירושלים" א. א. עס פילט זיך די שטאַרקע ליבע צו דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען די פּאָרטרעטן און אַקטן. עס כאַראַקטעריזירט זיי די אוממיטלבאַרקייט און ליבשאַפט צום אַרום. די טויטע נאַטור איז

דאָ שיין פּרעזענטירט מיט עטלעכע זייער שטאַרקע און געלונגענע טעמעס: „אַן עפּל אויף אַ פּרויען־שוך", „ציבעלעס" און „קנאָבל".

וועגן זיך זאָגט יאַנינאַ שפּיצגלאַס מיט אַ מין קינדערשער נאַאיווקייט:

„כ'האָב קיינמאָל אין מיין לעבן דערפון נישט געטראַכט. עס איז געקומען ספּאָנטאַניש, און האָט מיך פאַרכאַפּט. כ'האָב צופעליק זיך באַקענט מיטן פּראָפעסאָר אימרע ערדיי בעת ער האָט געמאָלן דעם פּאָרטרעט פון מיינער אַ באַקאַנטער. ער האָט געזען מיין ערשטן פּרוּוו און האָט געמוטיקט מיין טאַלאַנט. און אַט וואָס עס איז דערפון אַרויס. כ'האָב גענומען פאַרנאַכלעסיקן די וווינונג, די פּליכטן אַלס פרוי — די מאָלעריי האָט מיך פאַרכאַפּט און בעת איך מאָל, הער איך גאָרנישט און זע גאָרנישט אויסער דעם לייוונט. סוף כל סוף לעבט אַ מענטש דאָך נישט אייביק און מען מוז טון אויך עפּעס פאַר דער נשמה..."

שוין לאַנג ווי אויף אַ בילדער־אויסשטעלונג דאַרף מען נישט הערן קיין אויסטייטשונגען און קאָמענטאַרן. דאָס האַרץ וואַקסט ממש מיט פרייד פון עכטער קינסטלערישער איבערלעבונג.

קרית אליעזר

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק זענען דאָ געשטאַנען עטלעכע געציילטע הייזלעך, צעוואָרפענע אין אומאָרדענונג אָן פּערספּעקטיוו, ווי פאַרזייט אויף דערווייל אינעם שטייניקן פּלאַצנדיקן באָדן. שפּעטער האָבן זיך באַוויזן בויער און עס האָבן גענומען וואַקסן שכונים, פירשטאָקיקע הייזער מיט נוחיות, מיט באָד־צימערן און באַלקאָנען מיט קליינע באַלאַדנטע פענצטערלעך, וואָס שפּיגלען אָפּ פון איין זייט דעם גרינעם כרמל־באַרג און פון דער צווייטער זייט — דעם וואונדערבאַרן בלוי פון ים התיכון. אַזוי איז אַנטשטאַנען קרית־אליעזר. ס׳איז נישט קיין קליין געפּיל צו זיין אַן עדות פון מעשה בראשית. ס׳איז אפשר דאָס העכסטע אין מענטשנס לעבן ווען ער קאָן זאָגן: איך בין געווען אַ מיטשעפער! קענט איר טאַקע די דאָזיקע בויער טרעפן אויף יעדן שריט און טריט. שוין פינף פאַרטאָג שטייען זיי אויף די אויטאָבוסן־סטאַציעס און וואַרטן געדולדיק אין תור. די ברוין־פאַרברענטע הויט, די געדיכט־באַוואַקסענע — אָדערדיקע הענט און טיף־געקאַרבטע שטערנס זאָגן עדות אויף היבשע יאָרן פון אַרבעט, אויף לאַנגן וותק (סטאַזש). דער גלאַנץ אין די טיף־פאַרוקטע אויגן זאָגט אויס אַ סוד וואָס יעדער איינער טראָגט ביי זיך אין האַרצן. „מיר האָבן געשטרעבט און עפּעס וואָס פאַרווירקלעכט". און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק שווימען אויף שטיקער פאַרגאַנגענהייט פון דעם פאַרמלחמהדיקן פוילן: שטעטלדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, פּערספּעקטיוולאָזע לאַגע פון יוגנט, האָפנונג אויף לעזונג פון דער יידן־פראַגע אין די ראַמען פון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און יונגע אידעאַליסטן, חלוצים, קינדער פון פאַרמעגלעכע היימען וואַרפן דאָס שטודירן, די פאַמי־

ליע און לאָזן זיך אַוועק קיין קלעסאָוו אין דער באַרימטער שטיינ־האַקעריי אויף הכשרה.

ווען דו זעסט די דאָזיקע מענטשן אויף די קבוצישע פעל־דער — קלאַפּט דיר אויף דאָס האַרץ פאַר פיל פרייד. צי קען נאָך ווער דערגרייכן צו אַזאַ שלמות? ניין, איך ווער נישט מיד צו הערן פון די דאָזיקע מענטשן: „מיר האָבן געבויט! מיר האָבן געליטן!"

עס איז די גרעסטע פרייד פאַר אַ מענטשן צו דערגרייכן דאָס אויסגעטרוימטע און דער העכסטער לוין פאַר אים — דיין אָנער־קענונג. הער איך דעריבער אויס געדולדיק די דערציילונג פון דער פרוי טש., וועלכע וווינט שוין דאָ אין דער געגנט גאַנצע 28 יאָר: „ווער האָט געוווּסט פון אַ בענקל און ווער האָט געוווּסט פון אַ טיש? מען איז געזעסן אויף אַ פּח (בלעכענעם קעסטל) און אַ פעסל האָט געדינט פאַר אַ טישל. עס איז געווען אַ גליק צו כאַפּן אַ טאָג אַרבעט. איך האָב געאַרבעט ביי שטיינהאַקעריי, מיט די הענט האָט מען געהאַקט די שטיינער, קיין מאַשינען, ווי היינט, זענען נאָך נישט געווען. און נאָך אַזאַ שווערן אַרבעטס־טאָג האָט מען זיך צוזאַמענגענומען און מיט געזאַנג האָט מען דעם אָוונט פאַרבראַכט. די שטימונג איז געווען אַ פריילעכע. מען האָט גאָר־נישט פאַרמאָגט און עס האָט גאָרנישט געפעלט. נישט קיין פרי־זשידער און נישט קיין ווייך מעבל. מען איז געווען יונג און דער חלוצישער גייסט האָט אונדז אַלעמען געמונטערט. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר טוען אַ גרויס שליחות פאַר אונדזערע קינדער, פאַרן גאַנצן פאָלק. הלוואי וואָלטן פיל געווען נאָכגעטאָן אונדזערביישפּיל — וואָלט אונדזער טראַגעדיע נישט געווען אַזוי גרויס".

פרוי טש. פאַריכט אירע טויב ווייסע האָר, איר פּנים צירט זיך אָן מיט אַ מילדן שמייכל. זי פאַרנעמט אַ גאָר באַשיידענע וווינונג און ווען מיר ענדיקן צו טרינקען טיי, נעמט זי מיך אָן פאַר דער האַנט און פירט מיך איבער דעם קליינעם גערטנדל: „אָט דאָס אַלץ האָב איך געמאַכט מיט מיינע אייגענע הענט. דעם גרויסן פייגן־בוים האָט פאַרזעצט מיין טעכטערל, גלאַט אַזוי, אויף אַ

שפּאָס און זעט ווי ער איז אויפגעוואַקסן! מיך פרייט יעדע זאַך דאָ אין גאָרטן. עס פאָדערט טאַקע אַרבעט אָבער איך האָב עס ליב. די היינטיקע מענטשן באַגנוגענען זיך שוין נישט דערמיט, ווער שמועסט נאָך די פרישע, אָבער איך געהער שוין נישט צו די היינטיקע..."

*

די פרוי טש. געהערט שוין נישט צו די היינטיקע אָבער ווי גליקלעך וואָלטן געווען די היינטיקע ווען זיי וואָלטן פאַרמאָגט כאָטש אַ האָר פונעם נעכטן!

פּראָפעסאָר ג. איז אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, האָט אַ סימפּאַטישע פרוי מיט צוויי טעכטערלעך. די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרבראַכט אין די וועלדער און ווען עס איז געקומען די גליקלעכע מינוט און די ווילדע משוגעת האָט אויפגעהערט — האָט ער זיך געפונען אין די געביטן פון דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. ער האָט געגאָסן פון אַלע מעגלעכקייטן און אין קורצן פאַרענדיקט דאָס שטודיום פון „מאַרקסיסטיש־סטאַליניסטישער היסטאָרישער וויסנשאַפט". ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון דער אַזוי גערופענער געשיכטע. פאַר זיינע ליידן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט פּראָפעסאָר ג. באַקומען די געהעריקע סאַטיספאַקציע: אַ פינף־צימערדיקע וווינונג, אַ פּענסיע, וואָס איז געווען זיבן מאָל העכער פון דעם אַרבעטס־לוין פון אַן אַרבעטער און עס פאַרשטייט זיך, אַז כדי צו שטילן די קולטורעלע באַדערפענישן פון פּראָפעסאָר ג. און אין איינקלאַנג מיט דער דעמאָלטיקער „סאָציאַליסטישער לערע" — האָט זיך אין זיין פינף־צימערדיקער וווינונג אַריינגעצויגן אַן עלטערע פרוי פון פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט עקאָנאָמישער טעטיקייט... און בעת פּראָפעסאָר ג. פלעגט אין זיינע טיף־וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן אַנאַליזירן די צעפוילטקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם וואָס לעבט פון בלויזער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און פלעגט מיט ציפערן באַווייזן דאָס גליקלעכע לעבן פון אַרבעטער

אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג — פלעגט די עלטערע פרוי פון פאָלק באַזוכן די „ספּעציעלע געשעפטן פאַר אויסדערוויילטע" און אין טיפער קאָנספּיראַציע ביי אַראָפּגעלאָזטע פאָרהאַנגען (לויט דעם סאָוויעטישן סטאַלינישן מוסטער) אויספּילן די הייליקע שליחות פון פּראָפעסאָר און אַהיימברענגען די וווּנדערבאַרסטע אימפּאָרט־פּראָדוקטן.. אין די אָוונטן, ביי שיין געדעקטע טישן האָבן זיך דעם פּראָפעסאָרס איידעלע הענט הייס געדריקט מיט די הענט פון פאַרשידענע סעקרעטאַרן און אַנדערע הויכע לייט און געקענט אַן איבעריקן מאָל זיך אַליין איבערצייגן אין דער „פּראַקטישקייט און נוצלעכקייט פון סיסטעם פון סטאַלינישן סאָציאַליזם".

יעדע געשיכטע האָט אַן אָנהויב און האָט אויך אַ סוף. און דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע האָט פּלוצעם דערפילט אַ נייע היסטאָרישע נויטווענדיקייט. דער איידעלער מוח איז פּלוצעם געוואָרן צעטרייסלט, ווען דער נעכטיקער „פאָטער פון די פעלקער" איז געוואָרן אַ „פאָטער פון די פעלקער־מערדער". פרישע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן פון פּויזן און פון בודאַפּעשט. ער האָט דערפילט, אַז עס ווערט אים ענג, ער האָט דערזען די געפאַר ממש פאַר די אויגן. די סטודענטן וואָס האָבן געהערט זיינע לעקציעס וועגן „סטאַלינישן סאָציאַליזם" האָבן גענומען פאָדערן דאָס רעכט פון אַן אייגענעם וועג צום סאָציאַליזם. ער האָט דערזען ווי די „ספּעציעלע געשעפטן פאַר אויסדערוויילטע" מאַכן זיך צו, די אימפּאָרט־אַרטיקלען לאָזן זיך אויס און ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו ראַטעווען דעם קאָפּ. אַזוי איז פּראָפעסאָר ג. מיט זיין פאַמיליע אַראָפּגעקומען קיין ישראל און געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפּטער אויף דער חיפהער ערד. אין געציילטע וואָכן אַרום איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם אַזויגערופענעם מומחים־קוואַרטאַל פון קרית אליעזר, זיך איינגעאָרדנט אויף אַן אַרבעט אין טכניון (טעכנישער שולע) און די פרוי אַלס פּקידה (באַאַמטע) אין אַ מלוכה־אַנשטאַלט.

עס האָט זיך געדוכט אויף אַ ווײַלע, אַז פּראָפעסאָר ג. האָט

גענומען בויען זיין אייגענע געשיכטע און גענומען דענקען ראַציאָ־נעל. אָבער זעט אויס אַז דאָס איינגעפלאַנצטע באַוווסטזיין פון „פּראָלעטאַרישן פינף־צימערדיקן אויבערמענטש" קאָן זיך נישט אַראָפּלאָזן צו דעם ישראלדיקן רעאַליזם. פּראָפעסאָר ג. דערקלערט: „מיך בינדט דאָ גאָרנישט, נישט די שפּראַך, נישט די מענטשן. איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך די פּוילישע קולטור פון מיצקעוויטשן און דאָס איז מיין אייגנטום!" —

אָבער ניט אַלע פּראָפעסאָרן האָבן איין פּנים. אין די דרייסי־קער יאָרן זענען אויך געקומען פיל פּראָפעסאָרן גערודפטע פון היטלערן. זיי האָבן אין ישראל פאַרלייגט מושבים, האָבן געפונען זייער פּלאַץ אין דער לאַנדווירטשאַפט און ערלעך באַצאָלט דעם חוב פאַרן היימלאַנד.

*

אין קרית־אליעזר וווינען היינט צו טאָג העכער צען טויזנט מענטשן. די שיכונים זענען פּלאַנמעסיק אויפגעשטעלט געוואָרן אין פאַרויס באַשטימטע גרופּן: שיכון וותיקים, שכון חיילים, שכון עולים חדשים, שכון מומחים. דאָ געפינט זיך דער חיפהער שטאָ־טשיער סטאַדיאָן אויף צען טויזנט באַזוכער. דאָ איז פאַראַן אַ ספּאָרט־הויז מיט אַ גרויסן אולם־התעמלות, (גימנאַסטיק־זאַל), פאַר קליין און גרויס. נישט לאַנג האָט מען געעפנט אַ בית־הסתד־רות, וואָס פירט אַ רייכע קולטורעלע טעטיקייט וואָס קען קאָנ־קורירן מיט דעם חיפהער „ביתינו" (אונדזער הויז). מען האָט אויך אָנגעהויבן דאָ צו בויען אַ סופּערמאַרקעט, פיל געשעפטן און בתי־מלאכה (האַנדווערקערייען, וואַרשטאַטן) און מען האָט פאַר־לייגט דעם יסוד אויף נייע 200 וווין־איינהייטן.

מען בויט אויך די צענטראַלע חיפהער מרפאה (קאָנוואַלע־סענץ־הויז), וואָס וועט קאָנען באַדינען דעם גאַנצן חיפהער קרייז. און איבער דער גאַנצער לענג פון קרית אליעזר ציט זיך אַ קילאָ־מעטערדיקע טילת (פּראָמענאַד), וואָס איז באַזעצט פון ביידע זייטן מיט יונגע בליענדיקע ביימער און מיט נעאָן־לאַמפּן וואָס

קאָנקורירן גאַנץ געשמאַק מיט דער לבנה. אַרום יעדן הויז ווערן געפלעגט בליענדיקע אָלעאַנדרעס און פון דעם פריערדיקן פוסטן באָדן שפּראָצט גרין און זאַפטיק גראָז.

קרית אליעזר פאַרמאָגט צוויי פאָלקס־שולן און אַ תיכון שולע (מיטל־שול), וואָס ווערט מיט יעדן יאָר פאַרברייטערט כדי צו שטילן די באַדערפעניש פון דער אויפוואַקסנדיקער יוגנט. איז ווען עס פאַלט צו די נאַכט און די לעצטע שטראַלן פון דער זון טונקען זיך אָפּ אין ים — צעצינדן זיך די נעאָנען איבער דעם שפּאַציר־פּלאַץ, איבער דעם נייעם כביש (שאָסיי) אויף שדרות רוטשילד (ראָטשילד־אַלייען) און עס בליצן אויף מיסטעריעז די קליינע פענצטערלעך אין די פיר־שטאָקיקע הייזער. עס נעמט דיך אַרום אַ מערקווירדיק זיכערקייסטגעפיל, דער גריענער מאַסיווער הר הכרמל (כרמל־באַרג) שפּרייט זיך אויס פאַר דיר מיט זיין פולער פּראַכט. עס ווינקען שטילע פייערלעך פון טאַקסיס, וואָס פליען שנעל צו דעם שפּיץ און אויפן סטעלא־מאַרי דרייט זיך געלאַסן דער רעפלעקטאָר פאַר די שיפן און ער רופט זיך איבער מיטן עכו ברעג: „זייט רויק, מיר וואַכן".

די טילת (דער שפּאַציר־פּלאַץ) איז שוין איבערפולט, עס איז ענג, לוסטיק. דאָ זאַמלט זיך צענויף די יוגנט אין קרייזלעך, יינגלעך און מיידלעך אין ווייסע ספּאָרט־העמדלעך און עס נעמען הילכן אין דער קילער ווינטיקער לופט פולע ברוסטיקע געשרייען. דו קענסט נישט רויק און גלייכגילטיק פאַרבייגיין די דאָזיקע יונגע חבריה, וואָס שטעקן דיך אָן מיט אַ מאָדנעם ציטער: ווו נאָך האָסטו געזען אַזאַ פריילעכע באַלאַסטרע? דו הויבסט אָן נאָכדענקען און זוכן אין דער פאַרגאַנגענהייט. עפּעס דערמאָנט עס דיר דיין קינדהייט. אָבער אַזויפיל יידישע געזונטע און לעבנס־לוסטיקע קינדער, וואָס קייקלען זיך אין גראָז אָן פּחד און אָן מורא? דאָס האָסטו אַמאָל געזען אין חלום, האָסט געטרוימט דערפון בלויז. און דאָ איז עס אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

אויף אַ באַנק געפינסטו אַ פּאָרל. זיי באַוואונדערן אויך דאָס

אַרומיקע און שמייכלען שטיל און סודותדיק. איך ברענג איבער די שטילקייט און דער הער וו. דערציילט אין אַ געשמאַקן ווילנער יידיש: „מיר זענען אין לאַנד אַ קנאַפּ יאָר, באַקומען אַ שכון (וווינונג) און איך אַרבעט אין נמל (פּאָרט) אַלס שלאָסער. איך פאַרדין מיטלמעסיק, אָבער מען קומט אויס".

די פרוי זיינע גיט צו:

— „קוקט נאָר בעסער אָן אונדזערע קינדער, זיי זענען דאָך שוין ממש סאַברעס. בלויז צוליב זיי האָט זיך געלוינט אַהער צו קומען!"

ווען דו הערסט אַזעלכע דערמוטיקנדיקע רייד פון אַ פרישן מענטשן — וואַקסט דיך אַרום אַ פרישער שטראָם בלוט און עס ווערט מאָדנע לייכט אויפן האַרצן. צום גליק זענען געקומען קיין ישראל אויך פשוטע אַרבעטס־מענטשן. —

מיזוג גלויות

אין דער שטאָל־רערן פּאַבריק ביי עכו

דעם 25 פעברואַר 1963 האָט דער פּרעזידענט יצחק־בן צבי ז״ל אויפגענומען ביי זיך אין בית־הנשיא אין ירושלים גאָר חשובע געסט. דאָס זענען געווען 58 פאַבריקס־דירעקטאָרן פון גאַנצן לאַנד, עקספּאָרטירער, אַזוי גערופענע „מיליאָנערן״, וואָס האָבן באַוויזן אין משך פון יאָר 1962 צו עקספּאָרטירן זייער פּראָדוקציע אין דעם ווערט פון אַ מיליאָן דאָלאַר און העכער.

איז קומט איר אַריין אין ביוראָ פון די „מפעלי צנורות המזרח התיכון״ (שטאָל־רערן פאַבריק פון מיטעלן מזרח) — וואַרפט זיך אייך גלייך אין די אויגן אַ קליין באַשיידן בילדל וואָס שטעלט פאָר אַ מאָמענט פון דער דאָזיקער זייער וויכטיקער געשעעניש אינעם לעבן פון דער פאַבריק. דער נשיא ז״ל באַגריסט דעם פאַב־ריקס־דירעקטאָר חבר אברהם שור צו זיין אַריינטריט אינעם „מיליאָנערן־קלוב״ און ווינטשט אים לאַנגע שעפערישע יאָרן אי־נעם פאַרשטאַרקן די עקאָנאָמישע זעלבסטזיכערקייט פון דער יש־ראל־ווירטשאַפט.

עס זענען אַלעמען באַקאַנט די לעבנס־געשיכטן פון פיל אַמע־ריקאַנער מיליאָנערן; פון ראָקפעלערן וואָס האָט אָנגעהויבן פון אַ פודעלע שוועבעלער, פון פאָרדן וואָס האָט פאַרקויפט צייטונ־גען, אָבער די „מיליאָנערן״ פון חלוצישן אויפבוי־ווערק אין יש־ראל, פון דער הסתדרותישער ווירטשאַפט וואָס האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט נאָך דעם אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה — זענען פון גאָר אַן אַנדער מין און זייער קאַריערע האָבן זיי אָנגע־פאַנגען מיטן רידל. אַזוי איז מיט דרייסיק יאָר צוריק פאַרלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון די „מפעלי צנורות המזרח התיכון״.

דער פוסטער זאַמדיקער באָדן וואָס איז הונדערטער יאָר געשטאַנען פאַרדאַרנט אונטער די ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון — האָט פלוצעם גענומען ווימלען מיט מענטשן. דער דאַמלטיקער אַלגעמיינער דירעקטאָר (היינט שוין אויף פענסיע) חבר שמואל מאַרגאַלין האָט מיט יוגנטלעכן ברען געטרוימט וועגן אַ גאַנצן ישוב וואָס זאָל זיך קאָנצענטרירן אַרום די דריי פאַבריקן וואָס געפינען זיך בשכנות „מפעלי הפלדה" (שטאָלפאַבריק) „מפעלי ערגול" (פאַבריק צום ציען אייזן) און „מפעלי צנורות" (רערן־פאַבריק) און דער ציל איז געווען פשוט און קלאָר: דאָס לאַנד ישראל מוז וואַקסן, די עליה ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און מען מוז די אימיגראַציע אַבסאָרבירן!

עס איז דאַמלט פאַר פיל געווען קלאָר אַז די קיבוצים, וואָס האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אויפצונעמען פרישע מיט־גלידער פון צווישן די נייע עולים, — וועלן אַליין דאָס פראָבלעם נישט קאָנען לייזן. און אַזוי ווי דאָס אויפנעמען נייע עולים איז געשטאַנען אין צענטער פון די ישראל־פּראָבלעמען — איז געלייגט געוואָרן דאָס גאַנצע געוויכט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער שווערער און לייכטער אינדוסטריע.

*

די „מפעלי צנורות" געפינען זיך סך הכל אַ פּאָר מינוט פון עכו און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך וואָס די פאַבריק איז געוואָרן אַ אָביעקט פון טוריסטן־פאַראינטערעסירונג. טרעפט איר דאָ דעריבער אָפט פאַרשידענע גרופּן וואָס קומען מיט נייגיר באַטראַכטן די פאַבריק בעת דער אַרבעט און באַהאַלטן נישט זייער פרייד און באַוווּנדערונג ווען אין פאַרלויף פון געציילטע סעקונדן, פאַר זייערע אויגן ממש, שפרינגט אַרויס אַ פאַרטיקע שטאָלענע רער. און עס קומען אויך אַהער מענטשן, וואָס ווילן שנעל געניסן פון דער דערפאַרונג פון דעם יונגן יידישן לאַנד. דאָס זענען נעמליך, פאַרשטייער פון דער שוואַרצער אַפריקע, מיט שווערע מי דערוואָרבענע פריינד אונזערע, וואָס פאָרן אַהיים באַהויכטע מיט ברויזנדיקער

קראַפט און שטאַרקן דראַנג נאָכצוטאָן דאָס ווּנדער פון ישראל.

און אויב איך זאָג „ווּנדער" — דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז נישט ווי די טעקסטיל אָדער דימענטן־אינדוסטריע, וואָס זענען אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען יידישע פאַכן — געהער די אינ־דוסטריע פון שטאָל־רערן צו אַ גאַנץ ניי געביט אין יידישער אַרבעט, וואָס איז אויפגעקומען ערשט דאָ אין ישראל. לויטן פּלאַן האָט די „קרית הפלדה" געדאַרפט באַאַרבעטן דאָס רוי־מאַטעריאַל פון די אייזנגרובן ביי קרית שמונה און זיין די צושטעלער פון אייזן־לענטעס און אייזן שטאַנגען פאַר די „מפעלי צנורות". דער ישראלדיקער אייזן־אַרץ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר ווייניק פּראָצענטיק און מען מוז דערווייל געברויכן אויסלענדישן רוי־שטאָף. און כדי צו דערגרייכן אין אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט אַ הויכע קוואַליטעט פון דער רערן־פּראָדוקציע וואָס זאָל קאָנען דערווערבן אויסלענדישע קונים — האָט מען געמוזט אַריינלייגן פיל מי און אויסשולן דעם געהעריקן קאָנטינגענט טעכ־ניקער און אַרבעטער־בריגאַדירן. צוויי באַזונדערע אָפּטיילונגען זענען פאַראַן אויף אויסצואַרבעטן שטאָל־רערן אָן נעטן און מיט נעטן.

די אָפּטיילונג פאַר רערן מיט נעטן האָט נישט לאַנג דערוואָרבן די נייעסטע מאַשינען, וועלכע פאָדערן די מינימאַלסטע באַדינונג פון 2—3 אַרבעטער אויף אַרויסצוואַרפן יעדע שעה אַ קילאָמעטער רערן. די אייזן־לענטעס ווערן גערייניקט, געשניטן און געוויקלט אויף שפּוליעס. דאַן פאַרלייגט מען די שטאָל־לענטעס אין דער „זויטע", וואָס בייגט אויס די רער, פאַרשמעלצט איר עלעקטריש און נאָכן אָפּשניידן לויט דעם באַדאַרף — וואַרפט זי אַרויס אויטאָמאַטיש אַ פאַרטיקע רער.

אין דער אָפּטיילונג פאַר רערן אָן נעטן ווערט דער אייזן־שטאַנג אַריינגעוואָרפן אין אַ קיילעכדיקן אויוון ווו די טעמפּעראַטור דער־גייט ביז אַ גאָר הויכן גראַד צעליוס, דער שטאַנג ווערט דערהיצט אין פאַרלויף פון אַ סעקונדע, אַרויסגעצויגן אויטאָמאַטיש און

אַריינגעוואָרפן אין דער איינריכטונג, וואָס קלאַפּט אַדורך אַ לאַך. פון דאָרט אין אַ צווייטן אויוון אויף דערוואַרעמען און אויסציען לויט די באַדערפענישן. אַזוי איז פּאַרטיק אַ רער אָן נעטן וואָס איז אויסהאַלטעוודיק אויף אַ הויכן און שטאַרקן דרוק.

✶

— ווי אַזוי האָט די „מפעלי הצנורות" געלייזט די פראַגע פון קליטת עליה (אַבסאָרבציע פון נייע עולים)?

— גאַנץ פּשוט. פון 7 אַרבעטער ביים אָנהייב, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים מאָנטאַזש פון די מאַשינען ביז 468 באַשעפ־טיקטע.

פון די איבעריקע ציפערן ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער פאַבריק זענען פאַראַן מענטשן פון פאָלגנדיקע לענדער: אַמעריקע — 1, עסטרייך — 1, בולגאַריע — 6, בעלגיע — 1, בורמאַ — 1, דייט־שלאַנד — 6, רומעניע — 70, רוסלאַנד — 8, פּוילן — 107, מאַראָקאָ — 102, טוניס — 38, אונגאַרן — 7, יוגאָסלאַוויע — 3, טערקיי — 21, שפּאַניע — 3, מצרים — 28, תימן — 9, טראַנסילוואַניע — 4, ליטע — 3, טשעכאָסלאָוואַקיע — 8, פּערסיע — 2, אַלזשיר — 4, גריכנלאַנד — 2, פראַנקרייך — 2, איראַק — 1, לבנון — 2, לאַטוויע — 1, אינדיען — 1, און סאַברעס פון ישראל אָפּשטאַמונג 26. צוזאַמען 468.

איז אויב עס ווערט ערגעץ ווו פאַרווירקלעכט דער אידעאַל פון מזוג־גלויות (פאַרשמעלעצונג פון דער באַפעלקערונג) — איז עס נישט ערגעץ אַנדערש — נאָר דאָ אין דער שטאָל רערן־פאַבריק ביי עכו. און אויב עס דוכט זיך אייך, אַז די איבערגע־שטאַלטונג און דאָס צופּאַסן די מענטשן צו נייע פּראָדוקציע־באַ־דינגונגען איז אַ לייכטע מיסיע — קאָנט איר זיך דאָ איבערצייגן פון דער צווייטער טאַבעלע, אַז אין „מפעלי צנורות" זענען באַ־שעפטיקט ביים אויסאַרבעטן רערן: 41 שניידערס, 19 שוסטערס, 3 סטאָליאַרעס, 5 בעלי־עגלות, 3 בעקער, 5 קצבים, 26 סוחרים,

23 ערד־אַרבעטער, 2 קעלנער, 2 זייגערמאַכער, 2 שוחטים, 1 איינבינדער, 2 פישערס 2 גאָלדשמידער, 2 פריזירער, 1 לופט־פליער, 1 ראַדיאָ־שפּרעכער, 90 פּאַכלאָזע און פיל אַנדערע מיט אומבאַשטימטע פאַכן. חוץ דעם זענען פאַראַן 13 עלעקטראָמע־כאַניקער און 66 שלאָסערס, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין אַ ספּע־ציעלער אָפּטיילונג פון מאַשינען־קאָנסערוואַציע.

אַ קורצער שפּאַציר איבער דער פאַבריק און איר באַקענט זיך אויך מיטן אַרבעטער־קאָלעקטיוו. אָט איז חבר יהודה דאַהאַן — אַ מאַראָקאַנער, אַ געוועזענער שוסטער. ער אַרבעט אין דער אָפּטיי־לונג פון קאַלטער ציאונג. אין לאַנד איז ער סך־הכל 12 יאָר און ער רעדט אַ פליסיקן עברית. איר קאָנט זיך אָבער מיט אים פאַרשטענדיקן אויך אויף „מאַמע־לשון" — ד. ה. אויף יידיש. און עס איז פאַר אים געווען גענוג צו אַרבעטן מיט איינעם אַ נייעם עולה פון רומעניע במשך פון איין חודש — אַז ער זאָל באַהערשן אויך די רומענישע שפּראַך.

— צי וואָלסטו זיך אומגעקערט צו שוסטעריי?

— ניין, זאָגט דאַהאַן שנעל און אַנטשלאָסן, כ'האָב אַפילו אַוועקגעגעבן מיין אַרבעטס־געצייג וואָס איך האָב געבראַכט פון מאַראָקאָ. אַז איך דאַרף מיינע אייגענע שיך פאַרריכטן — גיב איך זיי אַוועק צו אַ שוסטער.

— הייסט עס, אַז דו ביסט צופרידן מיט דיין באַשעפטיקונג?

— יאָ, ברוך השם, ברוך השם!

און אָט טרעפט איר דאָ איינעם מיטן נאָמען מישעל ראַגאָף. אַ געבוירענער אין יעקאַטערינאָסלאַוו. נאָך די פּאָגראָ־מען זענען זיינע עלטערן אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך ווו זיי האָבן געצויגן זייער חיונה פון קאָנפעקציע ווי פיל יידישע איינוואַנ־דערער. ער, מישעל ראַגאָף, איז אַוועק אין מליטער ווו ער האָט אָפּגעדינט גאַנצע 24 יאָר. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געדינט דע־גאָלן אַלס קאַפּיטאַן פון אַ פליער־עסקאַדרע, געווען אין דינסט אין לאָנדאָן און אויך אין סאָוויעט־רוסלאַנד. נאָך

דער מלחמה איז ער אַוועק קיין אַלזשיר און מאַראָקאָ מיט אויפ־גאַבן פון דער סוכנות. ער האָט געהאַט בדעה צו דינען אין צה״ל אָבער ערשטנס איז ער שוין נישט צו יונג און, צווייטנס, קומט אים אָן זייער שווער דאָס באַהערשן עברית. ער רעדט פראַנצויזיש און יידיש. ראַגאָף איז באַשעפטיקט דאָ אַלס הייצער פון גרויסן אויוון אין דער וואַרימער אָפּטיילונג, האָט אַדורכגעמאַכט אַ ספּע־ציעלן קורס און צייכנט זיך אויס ביים איינשפּאָרן הייץ־שטאָף.

✶

און צום סוף אַ קורצער עפּיזאָד.

די „מפעלי צנורות״ לאַדן אָפּט איין אויסלענדישע ספּעציאַליס־טן פון דער רערן־בראַנזשע אויף באַראַטונגען, וואָס העלפן פיל אין דער פאַרבעסערונג פון דער פּראָדוקציע־קאַפּאַציטעט פון די מאַשינען ווי אויך אין דער קוואַליטעט פון די פּראָדוקטן. זייט עט־לעכע יאָר שטייט די פאַבריק אין אַ פריינדלעכן קאָנטאַקט מיט אַ געוויסן אַמעריקאַנער ספּעציאַליסט מ. ק., וואָס קומט אָפּט אַהער אויף באַראַטונגען נישט נעמענדיק קיין שום האָנאָראַר פאַר זיין אַרבעט. דער דאָזיקער מ. ק. געהערט באַשטימט צו די שטילע חסידי אומות העולם. ער איז אַ אוהב ישראל, זיין אַעראָפּלאַן טראָגט דעם נאָמען „שלום״, געשריבן מיט העברעישע אותיות. ווען ער האָט צום לעצטן מאָל באַזוכט די פאַבריק, האָט ער גע־בעטן פאַר זיין אַעראָפּלאַן אַ קמיע מתוצרת ישראל און עס איז אים פאַרגעלייגט געוואָרן אַ מזוזה. דער הער מ. ק. האָט מיט פרייד אָנגענומען די מתנה און צוגעקלאַפּט די מזוזה צו זיין אַעראָפּלאַן „שלום״.

אילת השחר — אַ מיזוג פון עדות

רעכטס פון צפת, אַ צוואָנציק קילאָמעטער פון קרית שמונה, האַרט ביי ראש פינה, נעבן דעם ניי־געגאָסענעם כביש — ליגט, זיך אַ פאַרטראַכטע די ניין־דונאַמדיקע 65־יעריקע אילת השחר.

אַ מענטש, וואָס קומט אַראָפּ פון דער שטאָט און פאַלט אַרייַן אין דער גאָט־געבענטשטער פּאַסטאָראַלער שטילקייט, מוז בלייבן שטיין אויף אַ לענגערער ווילע, אַריינאָטעמען דעם שמעקעדיקן הויך פון די צעבליטע קוסטעס און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק רייסט זיך פון אים אַרויס אַ ספּאָנטאַנישער „מה יפה אילן זה!" — און ווען מען לאָזט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט דורך די שמאָלע קיבוץ־שטעגעלעך — ווערט מען אויפסניי איבעראַשט פון די נייע העל־קאָלירטע הייזער, פון די הויכע געדיכט־צעצווייגטע ביימער, פון די בלומען און גרינס, פון די קינדערשע שפּילצייג, וואָס ליגן פאַר די אַריינגענג, פון די טישן מיט די שטולן, צעשטעלטע אויפן דשא און דו מוזט אויפסניי אַ טראַכט טאָן, צי ביסטו נישט אַמאָל צופעליק אַראָפּגעפאַלן אויף אַן אַנדער פּלאַנעט.

ניין, ביסט אין צפון־טייל פון מדינת ישראל, נישט ווייט פון רמת הגולן, עס איז אַ פאַרווירקלעכטער טרוים פון אַ ציוניסטישן געדאַנק, פון די ערשטע דענקער וואָס האָבן מיט זייער וויזיע געזען אַ גאָלדענע צוקונפט פונעם יידישן אַרבעטנדיקן מענטש אויף אייגענעם באָדן.

און אויב עמעץ וויל דווקא זען ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען דער „מיזוג גלויות" און וויל הנאה האָבן פון אים — זאָל ער זיך מטריח זיין קיין אילת השחר.

דער אַנטראָפּאָלאָג ישראל שעפער, וואָס ווערט צום נייעם לערן־סעזאָן לעקטאָר אין חיפהער אוניווערסיטעט, האָט ערשט

פּאַרענדיקט זיין קאַדענץ אַלס סעקרעטאַר פונעם משק. זיין אינ־פּאַרמאַציע איז דעריבער אַן ערשטקוואַליקע און ביז גאָר אינ־טערעסאַנטע. זיצן מיר דעריבער אַ היפּשע ווײַלע אין אַ ווינקל פונעם עס־צימער וואָס איז פול מיט כל טוב. אָבער ווער עס מיינט, אַז אַזוי לייכט און באַקוועם איז געווען דאָס לעבן פון אָנהויב, איז זיך טועה. די ערשטע וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אַהער זענען געווען צופעליקע יונגע אַרבעטער פון רוסלאַנד וואָס האָבן געוואַנדערט צווישן די מושבות און געזוכט אַרבעט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. זיי זענען פאַקטיש געווען די ערשטע גרונטלייגער פו־נעם קיבוץ אין יאָר 1915. די דאָזיקע צען ערשטע חלוצים האָבן גאָר שנעל פאַרשטאַנען, אַז אויב מען וויל אויפשטעלן אַ בנין פאַר דער צוקונפט — מוז מען שנעל פאַרגרעסערן די צאָל חברים און אין גאָר שווערע באַדינגונגען איז באַשלאָסן געוואָרן אויפ־צונעמען פרישע מענטשן. די אַבסאָרבציע פון נייע טשעכישע עולים איז געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדנונג און די „ותיקים" האָבן אַפילו באַפרייט זייערע „וווינונגען", געגאַנגען שלאָפן אויפן פרייען פעלד און אָפּגעגעבן זייערע געלעגערס די נייע אָנגעקומענע חברים.

היינט ציילט אילת השחר העכער 900 נפשות, כן ירבו, פון וועלכע 500 זענען טרייע און איבערגעגעבענע חברים, העכער 300 קינדערלעך און די איבעריקע זענען קאַנדידאַטן, אַלמנות, יחידים.

אין אילת השחר איז פאַראַן אַ שטענדיקער גרעין (קערן) פון נח״ל. צענדליקער מתנדבים פון אויסלאַנד קומען אַהער כדי איינצוזאַפּן אין זיך די אַטמאָספער פון אַן עכטער פרייוויליקער קאָמונע. דאָס זענען אָרגאַניזירטע גרופּן פון ענגלאַנד, קאַנאַדע, צפון־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע. אַ באַזונדערס גרויסע באַוועגונג פון וואָלאָנטערן קומט פון מערב־דייטשלאַנד. דאָס זענען דייטשע פּאַרט־אַרבעטער, יונגע חברים פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, סתם דייטשן און באַזונדערס יונגע פון דער א. ג. אָרגאַ־ניזאַציע „כפּרה", וועלכע קומען מכפּר־זיין די זינד פון די דייטשן קעגן יידישן פאָלק.

כדי דאָס אַלץ אויפצונעמען, כדי מפרנס צו זיין דעם קאָלעק־טיוו, מוז דאָך עקזיסטירן אַ געהעריקעווירטשאַפטלעכע באַזע — רייס איך איבער דעם באַלערנדיקן שמועס פון ישראל שעפער — מיט וואָס פאַרנעמט זיך דער קיבוץ און פון וואָס ציט ער זיין מחיה ?

— אָ, דאָס איז זייער וויכטיק און מיר וועלן באַלד קומען דערצו — זאָגט צו מיר מיין מיטשמועסער און פון אים ווער איך געוואויר, אַז די אַנטוויקלונג פונעם קיבוץ, וואָס האָט זיך צוערשט באַזירט אויף לאַנדווירטשאַפט, איז שפעטער אַוועק אויך אויפן וועג פון אינדוסטריע און באַדינונג. די לאַנדווירטשאַפט באַ־שעפטיקט קנאַפע הונדערט שטענדיקע חברים פלוס צייטווייליקע אַרבעטער פון דער געגנט. עס וואַקסן דאָ וווּנדערבאַרע פלוימען, עפּל און באַזונדערס כותנה. פאַראַן אַ קו־שטאַל אויף מילך, אַ הינער־שטייג אויף פלייש און אַ פיש־באַסיין. לעצטנס איז אויפ־געקומען אַ פּראָיעקט פון דער מלוכהשער וואַסער־געזעלשאַפט צו פאַרוואַנדלען דעם פיש־באַסיין אין אַ גרויסן וואַסער־באַסיין, וואָס זאָל באַדינען אַלע אַרומיקע ישובים. דער קיבוץ זוכט איצט מיטלען ווייטער פאַרצוזעצן די פיש־צוכט אין די געענדערטע באַדינגונגען.

אַ פאַבריק פון מעטאַל־פאָרמען אויף צו גיסן אָפּאָנעס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט צען יאָר צוריק און האָט זיך גאָר שנעל דערוואָרבן קליענטן אין אייראָפּע מיט האָלאַנד און איטאַ־ליע אין דער שפיץ. איראַן איז געווען אַ גאָר גוטער קליענט ביז דער באַמייִנישער איבערקערעניש.

אַ ביז גאָר חשובן פּלאַץ אויף דער מאַפּע פון די אָפּרו־הייזער אין לאַנד פאַרנעמט אילת השחר זייט צוואַנציק יאָר. 140 דאָפּלטע צימערן פאַרמאָגט דאָס אָפּרו־הויז וואָס נעמט אויף געסט פון לאַנד און פון אויסלאַנד במשך פון 9 חדשים אין יאָר. די העפלעכע באַדינונג לויט די באַקאַנטע פּרינציפּן פון אַ 4 שטערנ־דיקן האָטעל, האָט שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט דעם קיבוץ און דאָס אָפּרו־הויז איז שטענדיק איבערפולט. עס איז זעלבסטפאַר־

שטענדלער, אַז דער קיבוץ האָט געזאָרגט צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען אויך פון די אייגענע. דער איבערגאַנג צום פאַמיליאַרן שלאָפן פון די קינדער האָט אַרויסגערופן נייע באַדערפענישן אין גערוימערע וווינונגען און אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי יאָר זענען שוין אויסגעבויט געוואָרן 52 4־משפּחהדיקע הייזער, 16 הייזער ווערן געבויט, 17 הייזער זענען געוואָרן פאַרברייטערט. אָבער אויך וווינונגען פון איינצלנע מענטשן אָדער פּאָרלעך, עלטערע אָן קינדער, ווערן פאַרגרעסערט און רעמאָנטירט.

פאַראַן אַ שיין קינאָ־טעאַטער ווו עס קומען פאָר פאָרשטעלונגען, פיל חברים פאַרמאָגן אין שטוב טעלעוויזיעס, אייגענע ביבליאָטעקן און דאָס גייסטיקע לעבן שטייט אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ. פאַראַן אַפילו אַ בית כנסת, און עס קומען דאָרט פאָר אויך חתונות און בריתן.

און דאָס איז דאָס בילד פונעם וווּנדערבאַרן מענטשן־קאָלעקטיוו אילת השחר:

פיל געמישטע פּאָרלעך זענען דאָ פאַראַן, רוסישע מיט מאַראָקאָנער, פּוילישע מיט תימנער, בקיצור אַשכנז מיט ספרד, שוין אַ פערטל יאָרהונדערט קומט פאָר דער דאָזיקער פּראָצעס. נאָך פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן זיך יונגע יאָטן פון צפון־אַפריקע מאָביליזירט אין דער אַרמיי און גלייך נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך באַזעצט אין אילת השחר. יצחק ששון האָט חתונה געהאַט מיט אַ קבוצישער טאָכטער און ער האָט גאָר שנעל פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע ראָל אין לעבן פונעם קיבוץ. צוערשט אַן אָנפירער פון דער קולטור־אַרבעט, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער אָוונט־שול פאַר קיבוץ־חברים ביזן פאַרנעמען דעם בכבודיקן פּאָסטן פון סעקרעטאַר. אַ צייט איז יצחק ששון געווען אַ שליח אין פראַנקרייך, ווו ער האָט זייער מצליח געווען. איצט פאַרנעמט ער דעם אַמט פון „אינוועסטיציע און אַנטוויקלונג פונעם קיבוץ אין לאַנד־מאַסשטאַב״.

אַדאַנק יצחק ששון זענען אויפגענומען געוואָרן אין קיבוץ

יוגנטלעבע פון קרית שמונה און פון אַנדערע ערטער. — מיט אַ גוטן ווילן, מיט פאַרשטענדעניש צווישן זיך — קען מען בויען און שאַפן. קריגעריי צעשטערט — שלום בויט — פאַרענדיקט דער סימפּאַטישער אַנטראַפּאָלאָג ישראל שעפער זיין גערנווילִיקע אינ־פאָרמאַציע וועגן קאָלעקטיוו ווי ער איז געוואָרן געבוירן און דער־צויגן. ער געדענקט נאָך אַפילו די זיידע־באָבע וואָס זענען גע־קומען אַהער פון רוסלאַנד און האָבן גערעדט אַ גוטן יידיש, אַ שפּראַך צו וועלכער ער האָט אַ שטאַרקן סענטימענט...

ס׳פאַלט־צו די נאַכט, די טונקלקייט הילט אַרום די צפת׳ער בערג, אַ לייכט ווינטל גלעט אַרום די ביימער־שפּיצן און פרישט אָפּ די לופט.

אילת השחר איז נישט מער קיין פרימיטיווע קאָמונע פון איסיים. די צייט און די באַדינגונגען האָבן אַרויפגעלייגט זייער סטעמפּל, אויסגעבעסערט און געענדערט געוויסע פאַרעלטערטע באַגריפן בעת די ראָם איז געבליבן די זעלבע. דער קאָלעקטיוו האָט דאָס וואָרט און דעצידירט פאַרן וויל פון אַלעמען, אָבער נעמט היינט אין חשבון גרעסערע באַדערפענישן און פריווילעגיעס פאַרן יחיד. די יוגנט אַרבעט און לערנט. דער אוניווערסיטעט — וואָס איז דורך די ערשטע געוואָרן פאַרוואָרפן, ווערט ביסלעכווייז צוריק גלייכבאַרעכטיקט אין קיבוצישן קאָלעקטיוו. אין אַלגעמיין פליסט דאָ דאָס לעבן רויִק, שטיל און אינהאַלטספול און טאָמער ווילט איר אַ סענסאַציע, דערוויס איך זיך אַז חרות לפיד, אַ חבר פון אילת השחר, פאַרנעמט זיך מיט צוריק אויסבעסערן פאַר־ברעכער. ער איז דאָס געפאָרן קיין דייטשלאַנד און איבערצייגט די דייטשן צו באַפרייען דעם באַרימטן „כושי" פון דער דייטשער תפיסה פאַר דער צייט...

צפת און אירע מענטשן

שמאָלע, געדרייטע ווי פראַגע־צייכנס באַרגיקע וועגן, גלאַט אַספאַלטירטע, געפּלאַנטע מיט אַ זאָרגעוודיקער האַנט, פירן דיך אַריין אין דער הויפּט־שטאָט פון גליל־העליון — צפת. גלייך דערפילסטו דעם שאַרפן לופט־שטראָם, וואָס גלעט אַרום דיין צעוואַרעמטן קערפּער און פרישט דיך אָפּ, ווי אַ קילער דער־קוויקנדיקער געטראַנק, ווייל צפת געפינט זיך 833 מעטער איבער דעם ים־פלאַך און דער באַרג כנען דערגייט ביז 917 מעטער. און כדי צו זעטיקן די נייגעריקייט פון אויג שטעלסטו זיך אָפּ אַ ווײַלע און וואַרפסט אַ בליק אויף דעם אַרום: ווייסע, קאַנטיקע דעכער פינקלען אין דער זון און דעקן צו די הייזלעך, וואָס טוליען זיך אַריין אין באַרגיקן לייב. שמאָלע, טווינטיעריקע שטעגעלעך שלענגלען זיך דאָ צווישן די שטיינער, פאַרקריכן אין די וואַדיס, זאָגן עדות אויף עקשנות, אויף קאַמף פאַר בהערשן דעם שטייניקן באָדן, און דאָ, אינעם שאָטן פון די איילבירטן־ביימער, צופוסנס פונעם באַרג, בלויט אַרויס דאָס וואַסער פון שווים־באַסיין, וואָס איז פול איבער די ברעגעס מיט (דאַטשניקעס) „קייטנים" און מיט מענטשן, וואָס קומען צופאָרן אַהער פון גאַר ווייטע מקומות. ווילסטו אָבער געניסן פונעם שיינקייט און רייץ פון דער צפת'ער פּאַנאָראַמע — מוזטו זיך לערנען סיסטעמאַטיש במשך פון עטלעכע טעג די קונסט פון אָבסערוואַציע. פאַרטאָג, ווען די ערשטע שטראַלן פון דער זון גילדן אָפּ די שפּיצן פון די בערג צעגיסט זיך אַ וווּנ־דערבאַרע ליכטיקייט איבער די שמאָלע געסעלעך און הייזלעך. די בערג, די וואַדיס מיט די איילבירטן־ביימער פאַרבן זיך אָפּ מיט מערקווירדיקע קאָלירן. דער מירון מיט זיינע צוויי שפּיצן — שאַרפט זיך אויפן האָריזאָנט און יעדעס שפּעלטעלע און יעדעס

מינדסטע בערגעלע שניידט זיך אויס מיט דער פלאַסטישקייט פון אַ וואָגן־גאָכישן פּייזאַזש. און פאַרנאַכט, ווען די זון, אַ מידע פונעם טאָגיקן געלויף, קייקלט זיך אַראָפּ צווישן די באַרימטע שפּיצן פונעם מירון — צעשפּריצט זיך אַ רעגנבויגן פון פאַרב איבער די לייכטע פּאַליעס פון די וואָלקנס און צפת באַקומט דעם אָפּשיין פון אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל, וואָס ציט זיין יניקה פון אַ וועלט פון סוד און מיסטעריע.

*

אין בוך „די געשיכטע פון יידישן קריג" פון יוסף פלאַוויוס ווערט דערציילט, אַז צפת איז געווען אַ יידישער יישוב. אויך די שפּעטערדיקע רוימישע היסטאָריקער דערציילן וועגן צפת, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט דורך רוימישע לעגיאָנערן. צוליב דער ספּע־ציפישער געאָגראַפישער לאַגע איז צפת אין מיטלאַלטער געווען פאַרניכטעט און ערשט אין סוף פון דרייצעטן־יאָרהונדערט גענומען צוריק אויפלעבן אַ דאַנק דעם מנהג צו באַזוכן דעם באַרג מירון מיט דעם באַרימטן קבר פון שמעון בר יוחאי. אין זעכצעטן יאָרהונדערט, נאָך דעם גרוש שפּאַניע, (1492) האָבן פיל יידן אויסגעוואַנדערט קיין טערקיי און ווען די טערקן האָבן אין יאָר 1517 פאַרכאַפּט ארץ ישראל — האָבן בערך דרייסיק טויזנט יידן פאַרלאָזט טערקיי און זיך באַזעצט אין צפת. אַזוי איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער נייער היסטאָריע פון דער שטאָט. די נייע אָנגעקומענע שפּאַנישע יידן האָבן זיך דאָ שנעל אַקלימאַטיזירט.

דער צפתער פּייאַזש דערמאָנט אָן דעם אויסקוק פון צפון־מערב שפּאַניע אַזוי אַז די אַרויסגעטריבענע יידן האָבן זיך דער־פילט גלייך ווי אין דער אַמאָליקער היים. די נייע איינוואַנדערער האָבן זיך פאַרנומען מיט וועבעריי און צוליב דער גוטער קוואַ־ליטעט פון זייער פּראָדוקציע, האָבן זיי גאָר שנעל דערוואָרבן די אויסלענדישע מערק פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע און די פּאָרטן פון ים־התיכון.

יענע פאַרגאַנגענע צייט, איז אַריין אין דער געשיכטע פון צפת ווי אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אַלס די „גאָלדענע־תקופה" פון 16־טן י. ה. די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון די מקובלים קרייזלעך איז געווען באַזירט אויפן מעטאַפיזישן גלויבן אין דער גאולה פון ארץ־ישראל. דער באַרימטער מקובל ר׳ יצחק לוריא — האר"י, מיט זיינע תלמידים האָבן מיט זייער פשטות און פער־זענלעכן ביישפיל, מיט זייער טיפן גלויבן אין דער ספּעציפישער שליחות פון פאָלק ישראל — אָפּגעסטעמפּלט די דאָזיקע תקופה מיט אַ וווּנדערבאַרן שיין, וואָס האָט באַלויכטן די יידישע ליידן־געשיכטע אויף איר לאַנגן פיינפולן וועג. די תורה פונעם האר"י, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך זיין תלמיד, רב חיים וויטאַל — האָט געלערנט, אַז די געדאַנקען פונעם מענטשן קענען באַווירקן די העכערע וועלטן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס יידישע פאָלק, קען מיט זיין מוסטערהאַפטן לעבן, מיט מעשים טובים באַווירקן און פאַרניכטן די פעלערן פון באַשאַף בכלל. —

אַזוי איז צפת געוואָרן דער צענטער פון יידישן געדאַנק, פון אַלטן חלום פון שיבת ציון, וואָס איז ווי אַ גאָלדענער פאָדעם איינגעוועבט געוואָרן מיט פרישן גלאַנץ דורך יידישע וועבער־מקובלים.

די שפּעטערדיקע חסידים באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַכצעטן יאָר־הונדערט האָט געזויגן פונעם זעלבן קוואַל; דער געדאַנק, אַז דער מענטש איז פעאיק דורך זיינע מעשים זיך צו דערהויבן צו גאָט און אַז מען מוז שטענדיק זיך אָפּגעבן דער גאולה — האָט געבראַכט קיין צפת די תלמידים פון דעם בעש"ט, ר׳ נחמן פון האָראָדענקע און רב׳ מענדל פון וויטעבסק. די שפּע־טערדיקע ציוניסטישע באַוועגונג איז נישט מער ווי אַ געוויסער אויסדרוק, פאַרזעצונג און פאַרווירקלעכונג פון צפת׳ער טיפן גלויבן אין דער גאולה.

✶

די שמאָלע געסלעך, מיט די געדרייטע טרעפּלעך, וואָס פירן

דיך ווי אין אַ סודות׳פולן לאַבירינט, הויכן אָן אויף דיר די לופט פון מיסטעריעזן 16־טן יאָרהונדערט. און ווען דו פּאַלסט אַריין צופעליק אויפן פלעצל, וואָס הייסט „ככר המגינים״ דערפילסטו אויך דעם טעם פון שוין צעחרובטן שטעטל פון פאַרמלחמהדיקן פוילן. אויף דער שוועל פון שפּייז געוועלבל ווייסלט זיך די לאַנגע געקרייזלטע באָרד פון רב י. ראָט.

— איך בין טאַקע אַ ייד פון פוילן, נאָר איך קען זאָגן, אַז כ׳בין שוין אַ צפתער. ברוך השם 64 יאָר אין צפת. איך האָב מיר פרנסה בכבוד, ברוך השם, פון מיין געוועלבל. איך פאַרנעם מיך נישט מיט קיין שום געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַ פשוטער ייד. נאָר אויב אייך אינטערעסירט עפּעס מער — טאָ גייט אַריין דאָ אין דעם געשעפטל מיט דער האַלבער טיר צו רב איציק משה סילבער. ער איז געווען אַ מתיר־אַסורים.

די טיר פון רב איציק משה׳ס געשעפט גיט אַ לייכטן סקריפּ. אויף אַ קעסטל זיצט אַ יידענע אין אַ שוואַרץ טיכל, די גראַנאַט בלויע ספּאַדניצע פאַלדעוועט אויס אַ מוסטער פון אַ לאָדזשער וועבעריי אין יאָר 1920. דאָס געלע, פאַרמעט געזיכט קנייטשט אַרויס אַ גוטמוטיקן שמייכל און די דינע אויגן שפּעלטעלאַך עפענען זיך און מאַכן זיך צו מיט אַ נערוועאיש צוקן.

— איר דאַרפט מיין מאַן איציק־משה? — איז ער פונקט היינט נישטאָ. איך הייס צפורה. מיר וווינען שוין אין צפת 115 יאָר. איז וואָס ווילט איר הערן!? מיין מאַן האָט געזען, אַז מען דאַרף טאָן עפּעס וואָס פאַר מענטשן. אַנישט האָט דאָס לעבן נישט קיין זינען. יעדער מענטש דאַרף אַזוי טאָן. איר׳ט געהערט די מעשה פון יענעם פּרינץ ווען די עלטערן האָבן איבערגע־לאָזט אַ גרויסע ירושה. האָט ער גענומען דער פּרינץ און עס צעטיילט צווישן די מענטשן. איז מען געקומען אים פרעגן: וואָס טוסטו? הלמאי צעטרענצלסטו דאָס פאַרמעגן? האָט ער געזאָגט: מיין טאַטע האָט געזאַמלט אַ פאַרמעגן, וואָס מען קען פאַרניכטן און עס בלייבט נישט דערפון קיין זכר. איך אָבער האָב געטאָן

אַ זאַך, וואָס מען וועט אַזוי שנעל נישט פאַרגעסן. — נאָך דער מלחמה — האָבן אָנגעהויבן יידן קומען קיין ארץ־ישראל, אָבער די ענגלענדער פלעגן זיי אויפכאַפּן און אַריינזעצן אין תפיסה. פלעגט מיין מאַן זיי אַרויסנעמען אויף גאַראַנטיע. און ער פלעגט אַזוי לאַנג דרייען מיט די ענגלענדער — ווייל איר ווייסט דאָך אַ ייד, אַז מען טרייבט אַרויס דורך דער טיר — קומט ער אַריין צוריק דורכן פענצטער — ער פלעגט אונטערשרייבן אַזעלכע הויכע סומעס, אַז מען זאָגט דערפאַר אויף מיין מאַן, אַז ער האָט געמוזט זיין אַ מיליאַרדער. עס פלעגט טאַקע קאָסטן געלט אויך דאָס געשעפט, אָבער ער האָט די יידן אַרויסגענומען פון תפיסה און זיי פלעגן פון דאַנען אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט און אַזוי איז אים געלונגען אָפּצוראַטעווען צענדליקער יידן.

— נו און היינט, ווי לעבט מען, פרנסה איז דאָ?

— מיר פאַסטן בלויז צוויי מאָל אַ יאָר — זאָגט צפורה מיט קלוגן גלאַנץ אין די אויגן־שפּעלטעלעך.

איך דריי זיך אויס פאַרזיכטיק אין דעם געוועלב ווו בלויז איין און איינציקער קונה קען אַריינשטעלן אַ פוס.

וויפל קראַפט, וויפל לעבנס־חכמה און בטחון ליגט באַהאַלטן אין די דאָזיקע פשוטע מענטשן.

מיט געשלענגלטע טרעפּעלעך הויב איך זיך אויף צו דער הויפּט־גאַס און בלייב שטיין פאַר אַ שילדל: „זכרון עד לגבורה" — עמישלום מיליקובסקי בן 33 נפל בבית זה, בהדיפת הסתערות ערבית. ביי דעם שילדל שטייט אַ יונגערמאַן, באַטראַכט מיך מיט נייגער און אַ שטראָם הייסע טרערן באַוואַשן זיין געזיכט.

— מיין נאָמען איז אלחנן זאַל, איך בין דער גזבר (פינאַנץ־סעקרעטאַר) פון דער „חברת ההגנה בצפת". איך האָב אַנטייל גענומען אין די שלאַכטן פאַר באַפרייען צפת. און די דאָזיקע שילדלעך, בערך אַ 25, צום זכר פון די געפאַלענע העלדן — האָבן מיר געמאַכט אַליין מיט אונדזערע מיטלען אָן שום הילף. און וויסן דאַרפט איר, אַז דער קאַמף איז געווען אַ שווערער —

פון דורדן קעגן גליתן. 150 יידן קעגן 4.000 אַראַבער באַוואָפנטע ביז די ציין. אין 1948 האָט צפת געציילט 14.000 אַראַבער און בערך 2.000 יידן. אָבער אונדזער עקשנות האָט געזיגט. איך אַליין האָב באַקומען אַ נערוון־צעטרייסלונג. — ווען איך גיי פאַרביי אַזאַ שילדל און איך דערמאָן זיך אָן יענער צייט — האַלטן די נערוון נישט אויס, איך מוז זיך אויסוויינען.

אויף אַ באַנק אויף דער — מצודה זיצט מיסטער סילווער, אַ געבוירענער אין צפת — היינט אין מיאַמי, אָבער מיטן האַרץ אין ישראל.

— דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר האָב איך געשאָפן אַלס חלק פונעם פאָנד פון 5 מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז נויטיק צו דער גרינדונג פון דער צווילינג שטאָט ביי דער ירדן גרענעץ אין וואַדי ירון — מיאַמי. אין 1962 איז דאָרט געלייגט געוואָרן דער ווינקל־שטיין. 10 טויזנט אונטערשרייבער אויפן ספר־הזהב פון מיאַמי — האָב איך אָרגאַניזירט. און אויב די עיריה פון צפת וועט באַשליסן צו בויען אַ קולטור־הויז — וועל איך צושטייער געבן 50 טויזנט דאָלאַר. מר. סילווער זאָגט מיט שטאָלץ, אַז ער שטאַמט פון זעקסטן דור פון בעש״ט, יעדער צפת'ער טראָגט אין זיך דעם יחוס פון די פריערדיקע דורות, וואָס האָבן מיט די אייגענע הענט געשטאַלטיקט דעם גורל פון גאַנצן פאָלק. צפת'ער רעדן גערן יידיש. משה פערל, דער אייגנטימער פון האָטעל „הרצליה" זאָגט:

— איך בין אַ געבוירענער אין צפת און יידיש קען איך זייער גוט. „מאַמע־לשון". ווער קען עפעס נישט קיין מאַמע לשון? משה פערל און זיין פרוי — האָבן געהאָלפן פיל מאָלער־קינסטלער צו פּאָפּולאַריזירן זייערע שאַפונגען און זיין האָטעל איז ממש פאַר־פלייצט מיט קונסט־ווערק פון צפת'ער מאָלער־שטעטל.

ווי אַזוי האָט זיך צפת אנטוויקלט נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה? לויט אָפיציעלע סטאַטיסטישע ציפערן זענען פאַראַן ביי היינט צו טאָג אין צפת 15 טויזנט איינוווינער. עס זענען אויפגע־

בויט געוואָרן שולן, דערציאונגס־אינסטיטוציעס, קולטור־קלובן פאַר יוגטלעכע אין יעדער שכונה. עס זענען פאַרברייטערט געוואָרן די שאָסייען און עס זענען געלייגט געוואָרן טראָטואַרן. עס זענען אויפגעבויט געוואָרן בערך 2,000 וווין־איינהייטן, 2 אַפּרו־הייזער, 6 האָטעלן און עס זענען צוגעקומען פרישע 1.000 בעטלעך אויף אָפּרו. דער יסוד פון דער צפתישערווירטשאַפט איז ביי היינט צו טאָג דער אָפּרו און טוריסטן־באַזוך. זייער פּאָפּולער איז אין צפת דאָס קינסטלער־שטעטל, וואָס שטעלט צו יעדן באַזוכער אַן אמתן גייסטיקן געניס. דאָ האָבן זיך באַזעצט ביי אַ דרייסיק באַרימטע סקולפּטאָרן און מאָלער פון אַלע שולעס און זשאַנרן, וועלכע האָבן ביי דער מיטהילף פון דער צפת'ער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פאַרוואַנדלט די געוועזענע אַראַבישע חורבות אין קינסטלער־אַטעליעס וואָס שמעקן מיט ספּעציפישקייט און אָריגינעלקייט — אַ געמיש פון צוויי סובסטאַנצן, כאַראַקטעריסטישע פאַר דער עכטער קונסט. אַזוי טרעפט איר דאָ דעם באַוווסטן מערזער, דעם בראָנזע־מייסטער מיט זיינע וווּנדערבאַרע ביבלישע מאָטיוון. אָט שרייען צו אייך אַראָפּ די לעבעדיקע בלומען פון אַן מאָדעלי פון אירע וווּנדערבאַרע אייל־בילדער, וואָס הויכן מיט אַן אונטער־באַוווּסטזיניקן־סוררעאַליזם, ווי זי אַליין דריקט זיך אויס. איר קענט זיך לאַנג נישט אָפּרייסן פון דעם בילד, וואָס שטעלט פאַר אַ געוויינלעכע טאָץ מיט ציבעלעס אין וועלכן די דעליקאַטע, צאַרטע קינסטלערן האָט אַרויסגעבאַפּט די וווּנדערבאַרסטע האַרמאָניע פון ליכט און פאַרב.

אויף דער שוועל פון זיין אַטעליע באַגעגענען מיך די גרויע טיפע אויגן פון מאָלער דוד לאַבקאָווסקי.

— ביטע, בבקשה, קומט אַריין!

לאַבקאָווסקי איז ערשט אַ פּנים חדשות און צפת. אין 1958 געקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער האָט דורכגעמאַכט די לע־נינגראַדער קונסט־אַקאַדעמיע. שטאַמט פון ווילנע און דאָס טיפּישע יידישע לעבן איז אים טיף פאַרקריצט אין זכרון. דער קינסטלער

האָט אונטערבאַוווּסטזיניק באַשלאָסן צו געבן אַ תּיקון דער דאָזיקער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט און ווי נאָר איר הויבט זיך אויף אויפֿן ערשטן טרעפּל פֿון זיין אַטעליע, רופט אייך צו אויפמער־קזאַמקייט דער יידישער וואַסער־טרעגער מיט דער כאַראַקטעריס־טישער שוואַרצער קוטשמע וואָס טראָגט צוויי גרויסע עמער וואַסער אויף אַ קאַראָמיסל. דאָס איז אַן אמתער מאָנומענט פֿאַרן יידישן האָרעפּאַשניק אויפֿן פּאָן פֿון יידישן שטעטל, וואָס די מערדערלעכע האַנט האָט אויף אייביק פֿאַרשניטן. דאָס צווייטע בילד שטעלט פֿאָר דעם ווילנער געטאָ פֿון 500 יאָר צוריק. וווּנדערבאַרע פּלאַס־טישקייט אין טונקעלע פֿאַרבן, ווו די זון האָט קיינמאָל נישט קיין שליטה. דאָס בילד יידישע כּליזמרים רעדט פֿאַר זיך מיט זיין עכטקייט. אַ באַזונדערע סעריע בילדער האָט דער מאָלער גע־ווידמעט שלום־עליכמען און זיינע העלדן. ביי וועמען עס גליט נאָך אין האַרצן אַ קליין פֿינטעלע פֿון בענקשאַפֿט נאָך אַ עכטן קינסטלערישן געניוס — קען נישט מיט גלייכגילט פֿאַרבייגיין דעם דאָזיקן עכטן קינסטלער.

— ווי אַזוי לעבט איר זיך אויס אין צפֿת? פֿרעג איך לאַב־קאָווסקין.

— זייער גוט אין אַלע הינזיכטן — ענטפֿערט דער קינסטלער אין אַ זאַפֿטיקער יידישער שפּראַך — מאַטעריעל וווּנדערבאַר, איך האָב דאָ אַלץ געמאַכט מיט מיינע אייגענע מיטלען און געקומען אַהער בין איך מיט די בלויזע הענט...

— אייער סטיל?

— פּשוטער קלאַסישער סטיל, רעאַליזם. איך האַלט, אַז דער קינסטלער דאַרף זיין פֿאַרשטענדלעך, צוטריטלעך פֿאַרן פֿאָלק. ער דאַרף זיין דער אויסדריקער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון דער געשיכטע פֿון פֿאָלק און אויך פֿון דער קעגנוואַרט. און דער עיקר — דער אמת. מען מוז זיין ערלעך צו זיך און צו דער וועלט. מען קען גאָר לייכט נכשל ווערן — געניוג איבערנעבעטיקן

מיטן שקר איין נאַכט און ער ווערט דיין אמת. הויבסט אָן אַליין צו גלויבן.

דער מאָלער לאַבקאָווסקי כישופט אַרויס מיט דעם פּענזל אויף זיין קרעדאָ, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע. ער איז פּולבלוטיק, אָפּ־טימיסטיש און זיינע צפת׳ער פּייזאַזשן רעדן מיט וואַרעמען, לע־בנסלוסטיקן קאָלאָריט.

אינעם אַריינפיר צו לאַבקאָווסקיס שלום־עליכם אַלבום שרייבט פּראָפעסאָר דב סדן: „זיין שליחות איז אָפּצוראַטעווען דעם קלסתר פנים פון אַ יידישער קהילה...״ יאָ, די קונסט מוז האָבן אַ שליחות, אָן דעם איז די קונסט אַן אויסגעבלאָזן איי. — צפת האָט געעפנט ביי מיר שוין האַלב־פאַרהיילטע וווּנדן און היילן זיי מוז מען מיט נאָך אַ באַזוך.

אינהאַלט

די שליחות פון קונסט 5
ברוך שפּינאָזאַ — מענטש און גורל 15
פּיטער טאָמקינס און כריסטאָפער בירד — די מיסטעריע פון לעבן 22
דער משל אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט 29
מרדכי צאַנין — דער כוח פון גלויבן 34
שמעון קאַנץ — דער עסייאיסט און זיין מעדיום 43
די פּאָעזיע פון יעקב צבי שאַרגעל 50
אבא גאָרדין — דער מענטש פון כולו רוחניות 55
יוסף לודען — אויף די פּראַנטן פון לעבן 61
משה יונגמאַן — וואַרצלען 64
די סימפּאָניע פון רבקה קאָפּע 73
די דיכטונג פון רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק 77
פערל האַלטער — אויף יענער זייט באַרג 81
יצחק לודען — פון חלום צו שלום 85
לייב רובינליכט — דער בן שמונים 89
יונה בערקמאַן — טרויער און טרייסט 93
מוטער־ליבע און ליבע צו מאַמע־ערד ביי חיים מאַלטינסקי . 97
אַ רגע פון היימישקייט מיט משה גראָסמאַן 102
לייב חיין־שמעוני — אין טיגל 107
„חיפה" 113

העברעישע ליטעראַטור

מענדל זינגער — דער מאַן פון באַשיידנקייט און קולטור . 121
אברהם קריב — שרייבער און דענקער 125
פּראָפעסאָר אדיר־כהן — רעוואָלוציע אין דערציאונג . . 129
נח פּניאל — באַרעכטיקטע נאָסטאַלגיע 135
אהרון מגד — אין שפּיגל פון דער צייט 141

בילד און רעפלעקס

דער מאָלער אברהם ישכיל 149
שמואל למ׳ס קינסטלערישער וועג 154
בילד און רעפלעקס 157
קוואַלנדיקער אויפברויז פון יאַנינאַ שפּיצגלאַס . . . 162
קרית אליעזר 165
מיזוג גלויות 172
אילת השחר 178
צפת און אירע מענטשן 183